STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00420

# FINTSTERE NEKHT IN PAVIAK

Julien Hirshaut

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Nat & Rosalie Sorkin*
*in honor of*
*Isadore & Bertha Cohen and Nissan & Mary Sorkin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. הירשהויט

# פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק

די הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס־אַרבעט פונעם פּוילישן יידנטום

בּיכער-סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

## 37

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף בוך

י. הירשהויט

# פינצטערע נעכט אין פאוויאק

(זכרונות, געשטאַלטן, בילדער)

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
J. HIRSZHAUT, París

J. Hirszhaut

# FINCTERE NECHT IN PAWIAK

(Noches en el Paviak)

Buenos Aires, 1848

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

# אינהאלט:

פאָרוואָרט פון מחבר — 7

ערשטער טייל

די אינזל פון טויט — 9

צווייטער טייל

געשטאלטן און מעשים — 74

דריטער טייל

איבערלעבענישן און בילדער — 182

ביכער רשימה — 230

פרעסע שטימען — 232

* * *

וואָלטן די זכרונות פון יענער גרויליקער תקופה פון אונטער־גאַנג און פאַרניכטונג באַצוועקט בלויז דאָס רעגיסטרירן היס־טאָרישע פאַקטן און דאָס שאַפן כראָניק פון אונדזער חורבן, וואָלט נישט כדאַי געווען צו ווידמען די דאָזיקע זכרונות אַזוי פיל פלאַץ אין אונדזער הייַנטיקער ליטעראַרישער שאַפונג. אָבער חוץ דעם זאַמלען ידיעות און נאָטיצן, האָבן זיי נאָך אַ צווייטע לעבנסוויכטיקע אויפגאַבע: אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון געמאַטערטן און געפּייניקטן ייִד אין יענעם שרעקלעכן גיהנום. און דאָס איז טאַ־קע די עיקרדיקע אויפגאַבע פון די זכרונות, די אויפגאַבע, אַ דאַנק וועלכער זיי לייגן זייער חותם אויף אַ ליטעראַרישער עפּאָכע.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון פאַקטן. עס זענען מיינע אייגענע איבערלעבענישן און איבערלעבענישן פון מיינע נאָענטסטע פריינט, וואָס האָבן מיר וועגן זיי דערציילט, אין די פינצטערע שעהן פון תפיסהדיקן בין השמשות, צווישן איין מערדערישער קויל און דער צווייטער.

די פּערזאָנען, וועלכע איך באַשרייב, סיי די ווייניקע, וואָס זע־נען ניצול געוואָרן און זענען לעבעדיקע עדות פון די באַשריבענע געשעענישן, סיי יענע, וואָס זייער אַש איז צעבלאָזן געוואָרן דורך די ווינטן, טרעטן אַרויס אונטער זייערע אמתדיקע נעמען.

מיין באַגער איז, אַז דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז אַ דאָקומענט פון אַן אָנקלאַגע קעגן די בלוטיקע רוצחים, זאָל אויך ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט דער אָנטפּלעקער פון יידישן האַרץ און גרויסמוט, פון יענע מעלות טובות, וועלכע האָבן נישט פאַרלאָזן די געפּייניק־טע יידן אפילו אין דער צייט פון שרעקלעכסטן נסיון.

ד ע ר מ ח ב ר

פּאַריז, סעפּטעמבער 1947.

## ערשטער טייל

# די אינזל פון טויט

### פּאוויאַק האָט געהייסן די תפיסה

פּאוויאַק האָט געהייסן די תפיסה. דער דאָזיקער נאָמען איז באַקאַנט געווען יעדן, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין מלכות פּוילן. די וואַרשעווער תושבים האָבן געקענט די דאָזיקע גרויסע טורמע, וועלכע די צאַרישע מאַכט האָט אויסגעבויט נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט. איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען האָט פאַר איר געפונען דעם פּלאַץ דווקא אינעם צפון טייל פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, אין סאַמע האַרץ פונעם יידישן קוואַרטאַל.

פאַרנומען האָט דער פּאוויאַק א גרויסן שטח, וואָס האָט זיך פון איין זייט געצויגן לענגאויס דער וויענזשעננאַ גאַס. די פראָנט־זייט איז געווען אויף דער דזשעלנאַ גאַס און די הינטערשטע זייט אויף דער פּאוויאַ. דער ריזיקער צווייִשטאָקיקער הויפּט־בנין פון דער תפיסה איז געווען אַרי בער 200 מעטער לאַנג און 75 מעטער ברייט. ער איז געשטאַנען כמעט אין מיטן פון גרויסן הויף, אַרומגערינגלט מיט א הויכער און דיקער מויער און א ריי קלענערע בנינים, וואָס זענען באַשטימט געווען פאַר דער באַלעבאַטישקייט פון דער תפיסה.

דער הויפּט־בנין גופא, א פעסטונג פון דיקע מויערן, פאַרזעענע מיט קליינע פענסטערלעך, באַפעסטיקטע מיט אייזערנע קראַטעס, איז גוט צוגעפּאַסט געווען, כדי די אין איר פאַרשפּאַרטע אומגליקלעכע מענטשן אָפּצוזונדערן פון דער אַרומיקער וועלט. בלויז פונעם מיטלערן טייל פון דער

פראָנט־זייט האָבן אראָפּגעקוקט גרויסע נאָרמאַלע פענסטער. די שטיבער מיט די גרויסע פענסטער האָט אונטן פאַרנומען די תפיסה־קאַנצעלאַריע. אויפן ערשטן שטאָק זענען דאָרט געווען צוויי גרויסע זאַלן, וועלכע זענען אַמאָל געהאַט באַשטימט געווען פאַר קולטור־צוועקן. די דייטשן האָבן די דאָזיקע צוויי זאַלן אָנגעשלאָסן צו דער פערטער אָפּטיילונג און איינגע־אָרדנט דאָרט קאַמערן פאַר די יידישע פאַכלייט. אויפן צווייטן שטאָק איז געווען אַ קאַפּליצע און אַ קליינע יידישע שול. אין די אַמאָליקע צייטן האָט מען דאָרט אָפּגעהאַלטן תפילות פאַר די אַרעסטירטע. אָבער אַזוי ווי די נאַציס זענען נישט געווען קיין פרומע לייט, האָבן זיי די דאָזיקע בתי־תפילה געלאָזט שטיין ליידיק. בלויז אין די הייסע טעג, ווען די געשטאַ־פּאָווצעס האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן גרויסע טראַנספּאָרטן מענטשן, כדי זיי אַרויסצושיקן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, האָבן זיי אין דער קאַפּליצע אָפּגעהאַלטן שנעלע פאַרהערן פון די אומגליקלעכע. דעמאָלט זענען די הייליקע בילדער, וואָס האָבן באַצירט די ווענט פונעם געהייליקטן אָרט, געווען עדות פון גרויליקע סצענעס, פון שלאָגן און אומ־מענטשלעכן פייניקן, פון קלאָגן און יאָמערן...

דער גרויסער הויף אַרום דעם תפיסה־בנין איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ גרויסער מויער, וואָס איז נאָך געווען באַוואָרנט אין אירע אַלע עקן מיט בודקעלעך, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען שטענדיקע וואַך־פּאָסטנס.

די בנינים פון דער תפיסה־באַלעבאַטישקייט זענען געווען צעוואָרפן איבערן הויף. באַזונדערע בנינים זענען געווען באַשטימט פאַר די מאַגאַ־זינען, וואַרשטאַטן, פאַרן שפּיטאָל, פאַר דער קיך, פאַרן באָד און קעסל־רוים. פון דער רעכטער זייט הויף איז געווען אַ קליינער טויער, וועלכער האָט געפירט צו דער פרויען־אָפּטיילונג, צו דער אַזוי גערופענער „סערביע".

אַלץ צוזאַמען מיטן הויכן פאַבריקס קוימען, וואָס האָט מיט דער רויטקייט פון זיין גרויסן גוף אַרויסגעשפּראָצט צום הימל אַרויף, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַזונדערער מלוכה, פון אַ פולשטענדיק אָפּגעזונדערטער וועלט.

# סיטואַציע־פּלאַן פון פּאַוויאַק




1 — הויפּט־בנין פון דער תפיסה
2 — דער בנין פון די וואַרשטאַטן
(פון וואַנען עס זענען אַנטלאָפן די צען ייִדן — צווישן זיי דער מחבר)
3 — קעסלרוים
4 — די באָד
5 און 6 — די גרויסע קיך און דאָס שפּיטאָל
7 — קליינע קיך, וווּ מען האָט געקאָכט עסן פאַר די נאַצישע תפיסה־אויפזעער
8 — גרויסע מאַגאַזינען
9 — קליינע מאַגאַזינען
10 — די וואָג, וואָס האָט אויך געדינט אַלס תליה
11 — דער גאַראַזש, וווּ מען האָט סאָרטירט די זאַכן פון די אומגע־בראַכטע קרבנות
12 — די וואַך־טורעמלעך
13 — איינגאַנג צו דער פּרויען־תפיסה „סערביע"
די מויער אַרום דעם תפיסה־הויף

## דער ארום ליגט אין חורבות

ווען איך בין אָנגעקומען אין פּאוויאק אריין (געווען איז דאָס זומער־צייט 1943), איז שוין דער גאנצער ארום, דאָס ווארשעווער געטאָ, געלעגן אין חורבות. ברעקלעך מויערן, רויטע און שווארצע פון רויך, מויערן פון אמאָליקע גרויסע און שיינע הייזער, האָבן ארויסגעשפּראָצט צום הימל. פון מיין תפיסה־פענצטער האָב איך געזען גאנצע אינערלעכע ווענט, וואָס זענען פארשוינט געוואָרן פון בראנד און פייער און באצירטע מיט טאַפּעטן אָדער געמאָלעכצן, האָבן זיי צו מיר ארויסגעקוקט דורך די ברייטע אויס־געברענטע פענצטער־לעכער. די דאָזיקע ווענט האָבן דערמאָנט דאָס אמאָ־ליקע לעבן, וואָס האָט דאָ געשפּרודלט, א לעבן פול מיט פרייד און שאפן. אָבער דאָ און דאָרט האָט אינמיטן פון א געמאָלענער וואנט ארויסגעקוקט א לאָך, וואָס האָט דורכגעלאָזט די ליכטיקע שטראלן פון דער זון. מיר האָט זיך געדאכט, אז די איצטיקע פּוסטע און טרויעריקע ווירקלעכקייט מאכט דאָ חוזק פונעם צעשטערטן אמאָל.

צווישן די דאָזיקע חורבות איז געשטאנען דער פּאוויאק, ווי אן אינזל פון טויט אין מיטן פון א ים פון פארניכטונג און אונטערגאנג.

דאָס איז ער באמת געווען דעמאָלט, דער פּאוויאק. דעמאָלט, ווען איך האָב מיך מיט אים באקענט דעם 8טן יולי 1943.

## א געשיכטע אין קורצע שטריכן

דער פּאוויאק האָט געהאט זיין רייכע טראדיציע. אין די צייטן פון צארישן רוסלאנד איז ער געווען די הויפּט־טורמע פון קאָנגרעס פּוילן. די צארישע מאכט האָט דאָ געהאלטן פארשפּארט סיי פּאָליטישע ארעסטירטע און סיי קרימינעלע פארברעכער. הגם דער צארישער רעזשים איז נישט געווען קיין מילדער און הגם דאָס קולטורעלע ניוואָ פון די רוסן איז — לויט געבעלס טייוולאָנישער פּראָפּאגאנדע— געווען נידעריקער, ווי פון די דייטשן, קען מען דאָך זאָגן, אז די ארעסטירטע האָבן אין די רוסישע צייטן געהאט אין פּאוויאק אן אמתע כאַנאַטאָריע אין פארגלייך מיט דעם, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאט בשעת דער נאַצישער הערשאפט.

מיט מיר איז צוזאמען געזעסן חיים פינקעלשטיין, א ווארשעווער אנטיקווארער, א מענטש פון איבער די פופציק. אין יאָר 1905 איז דער דאָזיקער פינקעלשטיין איינגעזעצט געוואָרן אין פאוויאק פאר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. ער פלעגט אונדז אָפט דערציילן, ווי אזוי די צארישע טשינאָווניקעס האָבן באהאנדלט די ארעסטירטע. מיר האָבן שטארק מקנא געווען די גליקלעכע מענטשן פון יענער תקופה, וואָס עס איז זיי אזוי גוט געגאנגען אין תפיסה, ווייל אונדזער לעבן איז דאָרט געווען אן אמתדיקער קאָשמאַר.

אין יענע צייטן פון דער צארישער ממשלה איז פאָרגעקומען די באַקאנטע פליטה פון די „צען פון פאוויאק״, פון די צען פאָליאקן, וואָס זענען איינגעזעצט געוואָרן פאר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און וואָס די אָרגאניזאציע זייערע האָט זיי באוויזן ארויסצובאקומען. מיר האָבן גוט געקענט די געשיכטע פון די „צען פון פאוויאק״, אָבער פונדעסטוועגן פלעגט זי פינקעלשטיין פאר אונדז אָפט איבערחזרן.

דער טריק, מיט דער הילף פון וועלכן עס איז דעמאָלט דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאניזאציע געלונגען ארויסצובאקומען אירע צען פירער, דאָס פארכאפּן אין גאס די פאוויאקער קיביטקע, דאָס אריינפאָרן אין תפיסה פון איבערגעטועטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געשפילט די ראָלע פון רוסישע זשאנדארמען, דאָס אויסנארן דורך זייביים תפיסה־נאַטשאַלניק די צען ארעסטירטע, האָט פאר אונדז געקלונגען ווי א שיינע קינדער־מעשה. דאָך האָבן מיר געוווּסט, אז דאָס אלץ איז אמת און מיט א געפיל פון קנאה האָבן מיר געטראַכט וועגן יענע צען, וואָס זענען אזוי גליקלעך באפרייט געוואָרן.

פארן לעצטן קריג איז דער פאוויאק געווען כמעט אויסשליסלעך א תפיסה פאר קרימינאַליסטן. בלויז איין אָפּטיילונג איז באשטימט געווען פאר פּאָליטישע ארעסטירטע, וואָס זענען דאָרט געזעסן בלויז אין דער צייט, ווען עס איז קעגן זיי געפירט געוואָרן די געריכטלעכע אויספאָרשונג.

## אונטער דער נאַצישער ממשלה

די דייטשן האָבן תיכף נאָך זייער פארנעמען ווארשע באשטימט דעם

פאוויאק אלס תפיסה פאר פּאָליטיש אומזיכערע עלעמענטן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פאוויאק איז באַלד פול געווען מיט פּאָליאַקן, איינגעזעצטע אונטער פאַרשידענע חשדים אָדער סתם אַזוי אָן א פאַרוואָס און א פאַרוואָן. די מאַקסימאַלע צאָל מענטשן, וועלכע דער פאוויאק האָט געקענט אויפנעמען, איז געווען 1500. די דייטשן האָבן אָבער דאָרט שטענדיק געהאַלטן איבער 3000 אַרעסטירטע. אַזוי אַרום קען מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א לעבנסבאַדינגונגען די פאוויאַקער אַרעסטירטע האָבן געהאַט אין די ציַיטן פון דער דייטשער ממשלה.

פאַר די אַרעסטירטע פּאָליאַקן איז דער פאוויאַק געווען בלויז אַן איבערגאַנגס־עטאַפּ. נאָך א געוויסער צייט פון זיצן, נאָך דער פאַרענדיקטער אויספאָרשונג, האָט די געשטאַפּאָ אַרויסגעגעבן א פּסק איבערן אַרעסטירטן. עס איז פאַר אַלעמען געווען א סוד, לויט וועלכע דינים עס ווערט אין געשטאַפּאָ געפירט דער משפּט. דער אַרעסטירטער האָט נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו פאַרטיידיקן און זיין פּסק איז אים אפילו נישט געוואָרן פאָרגעלייענט. ממש ווי איבער א בהמה האָבן די נאַציס איבער דעם אַרעסטירטן אויסגעפירט דעם אורטייל. עס זענען פאַר דעם אומגליקלעכן געשטאַנען אָפן פיר וועגן:

האָט ער געהאַט א סך גליק, אָדער האָט זיין משפחה באַוויזן אים אויסצוקויפן, איז ער באַפרייט געוואָרן. זייער אָפט האָט מען די יונגע אַרעסטירטע איבערגעשיקט אין שטראָף אַרבעטס־לאַגער, וווּ זיי האָבן געאַרבעט במשך פון צוויי חדשים און שפּעטער זענען זיי אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דער דריטער וועג איז געווען דער וועג אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. כמעט אכציק פּראָצענט פון די אַרעסטירטע פּאָליאַקן האָבן דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג. יעדע וואָך איז אַוועקגעשיקט געוואָרן פון פאוויאַק א טראַנספּאָרט פון עטלעכע הונדערט אַרעסטירטע קיין אָשוויענטשים אָדער גראָסראָזען. חוץ דעם איז יעדע דריי חדשים פאָרגעקומען אין תפיסה א ריַיניקונג. דעמאָלט האָט מען אויסגעליידיקט די גאַנצע תפיסה און טראַנספּאָרטן פון טויזנטער מענטשן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די תפיסה איז ווידער פריי געוואָרן פאַר נייע קרבנות. עס האָט טאַקע נישט געדויערט מער ווי א וואָך אָדער צוויי און זי איז ווידער פול געווען פון אַרעסטירטע. לסוף

איז כדאי צו שענקען עטלעכע ווערטער דעם פערטן וועג. דאָס איז געווען דער וועג צו דער תליה. קיין טויט־אורטיילן איבער פּאָליאַקן האָט אין פאוויאק נישט אויסגעפעלט במשך פון דער גאנצער צייט. אָבער באזונ־דערס זינט דער העלפט פון יאָר 1943 ביז צום סוף פון דער דייטשער ממשלה זענען אין פאוויאק אויסגעפירט געוואָרן עקזעקוציעס איבער א סך טויזנטער פּאָליאַקן.

## שטענדיקע תושבים פון פאוויאק

די פּוילישע ארעסטירטע האָט מען געהאלטן אין פאוויאק נישט לענגער ווי דריי חדשים. בכלל זענען אָבער די ארעסטירטע געווען צופרירן פונעם פארלאָזן דעם פּאוויאק. ראשית האָט אויף זיי דאָרט שטענדיק גע־לויערט דעם טויט, והשנית איז דער תפיסה־רעזשים געווען א שווערער און אומדערטרעגלעכער.

עס זענען אָבער געווען פּאָליאַקן, וואָס האָבן באוויזן פיל־וויניק איינצואָרדענען זיך אין תפיסה. זיי זענען געווען באשעפטיקט אויף פונק־ציעס, זיי האָבן זיך געשאפן באקאנטשאפטן און גוטע באציאונגען מיט די וועכטערס. סוף כל סוף האָבן זיי אין שטאָט געהאט זייערע משפחות. צוליב די אלע סיבות האָבן זיי געשטרעבט אזוי לאנג ווי נאָר מעגלעך צו בלייבן אין תפיסה און נישט צו לאָזן זיך דעפּאָרטירן אין די לאגערן. א געוויסן (פארשטייט זיך נישט קיין גרויסן) טייל פון די פּוילישע ארעס־טירטע איז טאקע געלונגען אָפּצוזיצן יאָרן אין פאוויאק.

אין תפיסה־שפּיטאָל האָבן געארבעט דריי פּוילישע מעדיקער. זיי זענען געזעסן זינט דעם יאָר 1940 ביז זומער 1944. פאר דער עוואקואציע האָבן זיי די דייטשן געלאָזט פריי.

דער שרייבער פון דער תפיסה־קאנצעלאריע איז געווען אן ארעס־טירטער פּאָליאַק. ער איז אויך געווען אן איינגעזעסענער תושב פון פּאַ־וויאק כמעט פונעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאציע. אים וואָלטן די דייטשן קיין מאָל נישט באפרייט, ווייל דער דאָזיקער מענטש האָט גע־קענט צו פיל סודות זייערע. דער שרייבער האָט זיך וועגן דעם אָפּגעגעבן

חשבון. ער האָט נישט געוואַרט ביז צום לעצטן מאָמענט. ער האָט אויס־גענוצט א געלעגנהייט און געמאַכט פליטה.

א געוויסע צאָל פוילישע פאַכלייט האָבן געאַרבעט אין די פּאַוויאַק־וואַרשטאַטן. עס זענען לרוב געווען שניידערס און שוסטערס. אַזוי ווי מען האָט זיי געדאַרפט האָבן צו דער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן, האָט מען זיי נישט אַוועקגעשיקט. זיי האָבן אַלזאָ אויך געהערט צו די שטענדיקע פּאַוויאַק־תושבים. אויך האָבן די טראַנספּאָרטן נישט נוגע געווען די קליינע צאָל קרימינעלע אַרעסטירטע, וואָס זענען געזעסן אין פּאַוויאַק איבער סמך פון די פאַרמלחמהדיקע אורטיילן. די דאָזיקע קרימינאַליסטן זענען ביי די דייטשן געווען באַזונדערע מיוחסים.

לסוף האָבן צו די שטענדיקע פּאַוויאַקער תושבים געהערט די הונ־דערט פופציק יידישע פאַכלייט. פאַר זיי איז נישט געווען, נישט קיין מענ־לעכקייט אַרויסצוגיין אויף דער פריי און נישט קיין מעגלעכקייט אַוועק־געפירט צו ווערן אין טראַנספּאָרט. בלויז איין וועג איז פאַר זיי געשטאַנען אָפן. דאָס איז געווען דער וועג צו דער „אומזידלונג", דער וועג צום טויט. אָבער כל זמן זייער אַרבעט איז נאָך געווען נוצלעך פאַר די דייטשן, האָט מען זיי געהאַלטן אין פּאַוויאַק, מען האָט זיי געגעבן דאָס ביסל זופּ און געהייסן זיי שווער אַרבעטן, ביז עס וועלן אָנהאַלטן די לעצטע כוחות.

די דאָזיקע יידן זענען אַלזאָ געווען די שטענדיקע תושבים פון דער תפיסה, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן אויף באַזונדערע רעכט, אויף די רעכט צו אַרבעטן אָדער תיכף צו שטאַרבן.

## יידישע אַרעסטירטע

יידן זענען געווען געשטעמפּלט אַלס „א פּאָליטיש אומזיכערער עלע־מענט". דערפאַר האָט מען אַלע אַרעסטירטע יידן איינגעזעצט אין פּאַוויאַק. ווען עס איז נאָך אין וואַרשע געווען דאָס געטאָ, האָט מען אין פּאַוויאַק געבראַכט בלויז יענע יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַרשע אויף דער אַרישער זייט. דאַקעגן איז פאַר אַרעסטירטע יידן פון געטאָ געווען א צווייטע תפיסה אויף גענשא גאַס.

אין די צייטן, ווען יידן האָבן נאָך געלעבט אין געטאָ, ווען מען האָט



די געטאָ־חורבות געזען דורכן פענצטער
פון פאַוויאַק.

אין פאוויאק געבראכט א ייד פון דער ארישער זייט, איז ער דאָרט געזעסן ביז צו דער נאָענטסטער אקציע. בשעת דער אקציע איז ער אוועקגעשיקט געוואָרן צום אומשלאגפלאץ און פון דאָרט צוזאמען מיט אלע יידן אויפן ווייטערן וועג קיין טרעבלינקע.

ווען איך בין געבראכט געוואָרן אין דער פאוויאק־תפיסה, זענען שוין נישט געווען קיין יידן אין ווארשעווער געטאָ. דעמאָלט האָט מען שוין די יידן פון פאוויאק געפירט דירעקט צום עקזעקוציע־פלאץ. די עקזעקוציעס זענען פאָרגעקומען אין דער נאָענט פון דער תפיסה. א געוויסע צייט אין די חורבות פונעם הויז דזשעלנא 25, פונקט אנטקעגן דעם פאוויאק־טויער. שפּעטער איז דער עקזעקוציע־פלאץ אריבערגעטראָגן געוואָרן אויף זאמענהאפא 19, אויפן הויף פונעם אמאָליקן יידנראט. אויף דעם דאָזיקן עקזעקוציע־פלאץ זענען אומגעבראכט געוואָרן סיי יידן, סיי פאָליאקן.

די עקזעקוציעס האָט אויסגעפירט אן אָפּטיילונג דייטשע זשאנדאר־מען. צו דער דאָזיקער אָפּטיילונג זענען צוגעטיילט געוואָרן די סאמע גרעס־טע פארברעכערס. זיי זענען ביי דער ארבעט געגאנגען אָנגעטון אין ווייסע מונדירן און מיר האָבן זיי דערפאר גערופן די ווייסע זשאנדארמען.

ווען מיר האָבן פון אונדזערע פענסטערלעך פון דער ווייטנס דערזען די דאָזיקע חברה לייט, איז אונדז דורכגעגאנגען א שוידער. פון אונטער זייערע קאסקעס האָבן ארויסגעקוקט בייזע געשוואָלענע מאָרדעס, די יינגערע פון צווישן זיי האָבן געהאט אסצעטישע פנימער מיט פארביסענע ליפּן און אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט כעס און אומברחמנותדיקייט. די ווייסע זשאנדארמען האָבן אויף זייער געוויסן געהאט צענדליקער טוי־זנטער מענטשלעכע לעבנס. לעבנס פון אלטע און יונגע מענטשן, לעבנס פון מענער, פרויען און קינדער.

## די יידן פון דער באפעלשטעלע

נאָכן פארענדיקן די עקזעקוציע האָט די אָפּטיילונג ווייסע זשאנ־דארמען פארלאָזט דעם עקזעקוציע־פלאץ, איבערלאָזנדיק די מתים אין רשות פון די יידן פון דער באפעלשטעלע. די דאָזיקע יידן זענען א באזונדערער שמערצהאפטער קאפּיטל אין דער געשיכטע פון אונטערגאנג פונעם יידישן

ווארשע. זייער גרופּע איז באשטאנען פון עטלעכע צענדליק יונגען און מיידן, וואָס האָבן ס׳רוב געשטאמט פון די כאמע נידעריקסטע קרייזן פון דער ווארשעווער יידישער אונטערוועלט. דער פירער זייערער איז געווען טריסק, א דיקער יידישער בעל עגלה פון פּאָווישלע.

ווען יידן האָבן נאָך געלעבט אין געטאָ, האָבן זיך די דאָזיקע יידן געמאָלדן צו די דייטשן אויף ארבעט. די דייטשן האָבן זיי אָנגענומען, קאָשארירט זיי אין בנין פון דער געשטאפּאָ באפעלשטעלע פארן שטח פון געטאָ (אויף זשעלאזנא גאס) און איבערגעגעבן זיי די ארבעט פון אָפּרייניקן דאָס געטאָ פון מתים.

נאָכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, ווען די דייטשן האָבן דורכגעפירט די ליקווידאציע פון די רעשטלעך באהאלטענע יידן, האָבן די דאָזיקע באפעלשטעלע־יידן ארויסגעהאָלפן די דייטשע מערדערס אויפצודעקן די באהעלטענישן און בונקערס און ארויסצושלעפּן פון דאָרט די באהאלטענע יידן. די ווינציקע יידן פון ווארשע, וואָס האָבן זיך אָפּגעראטעוועט פון אלע שחיטות, טראָגן ביז צום היינטיקן טאָג אין זייערע הערצער שנאה און פאראכטונג צו די דאָזיקע שפּלדיקע פאררעטער פון זייערע אייגענע ברידער.

און איצט לאָמיר זיך אומקערן צום ענין פון די מתים. ביים עקזעקוציע־פּלאץ איז געווען די אזוי גערופענע „פארברענונגסשטעלע”. זי איז געווען גאנץ פּרימיטיוו. א הויפן טרוקן האָלץ. אויף דעם האָבן די יידן פון דער באפעלשטעלע ארויפגעוואָרפן די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע קרבנות. צוגעדעקט זיי מיט א צווייטער שיכט האָלץ, באגאָסן אלץ מיט בענזין און אונטערגעצונדן.

איז אן עקזעקוציע פאָרגעקומען ערגעצוו׳ אין געטאָ מחוץ פונעם שטענדיקן עקזעקוציע־פּלאץ, זענען אהין, אונטער א שמירה פון ווייסע זשאנדארמען, צוגעפאָרן די באפעלשטעלע־יידן מיט זייערע קליינע וועגעלעך, איינגעשפּאנטע אין קליינע פערדלעך. די יידן האָבן פארלאָדן די מתים אויף די וועגעלעך און געבראכט זיי צו פירן אויפן הויף פון זאמענהאפא 19, כדי זיי צו פארברענען. אָפט אָבער זענען עקזעקוציעס פון פּאָליאקן פאָרגעקומען אין די גאסן פון ווארשע. אין אזעלכע פאלן האָבן שוין די דייטשן אליין צוגעפירט אין אויטאָס די מתים צו דער „פערברענשטעלע”.

ווען די באַפעלשטעלע־יידן איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז לסוף האָבן אויך זיי געפונען זייער טויט פון די דייטשע הענט. געשען איז די זאַך אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1944. דייטשן האָבן באַשולדיקט די באַפעלשטעלע־יידן אין צוגרייטן אַן אויפשטאַנד. ווי ווייט די דאָזיקע באַ־שולדיקונג איז געווען אַ באַרעכטיקטע, ווייס איך נישט. באַקאַנט איז מיר בלויז אַ פּרט ווען נעפינען ביי עטלעכע פון זיי געווער. אין אַ געווויסן טאָג האָט די געשטאַפּאָ די גאַנצע גרופּע יידן פון דער באַפעלשטעלע איינגעזעצט אין פּאַוויאַק און געהאַלטן זיי דאָרט שטרענג אָפּגעזונדערט במשך פון עטלעכע טעג. אַמאָל, ווען איך האָב פּאַרטאָג, געפירט דורך אַן אוקראַינער, דורכגעשפּרייזט דעם תפיסה־הויף, האָב איך אין אַ ווינקל פון הויף אונטער דער מויער באַמערקט אַ גרויסן הויפן מתים. דער אוקראַינער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען די „זשידעס" פון דער באַפעלשטעלע. דערביי האָט ער מיט אַ סודותפולן ווינק צוגעגעבן:

— מען האָט זיי די נאַכט פאַרטיק געמאַכט.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל באַפעלשטעלע־יידן. דער טויט האָט אויך זיי נישט פאַרשוינט.

דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר ביי דער מתים־אַרבעט געזען אַנדערע יידן. דאָס זענען געווען יידן, געבראַכטע פון לאָדזשער געטאָ.

## דער סוף פון פּאַוויאַק

עס איז אָבער אויך געקומען אַ סוף צום פּאַוויאַק גופא. היינט איז ער שוין פונקט אַזאַ הורבה, ווי זיין גאַנצער אַרום. נאָכן דערשטיקן דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן פאַרברענט גאַנץ וואַרשע, האָבן זיי אויך אויפגעריסן דעם פּאַוויאַק.

ווען איך בין אַהין געקומען אין יאָר 1945 שוין נאָך דער באַפרייאונג, האָב איך באַטראַכט די דאָזיקע משונהדיקע חורבות און פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די נישטיקייט פון דער מענטשלעכער גאווה און פאַר־ברעכערישער איינבילדונג. דער פּאַוויאַק, דער דאָזיקער —האָט זיך גע־דאַכט— אומבאַזיגבאַרער סימבאָל פון דער דייטשער אכזריותדיקער הער־שאַפט, ליגט דאָ אַ צעבראָכטער און אַ צעהאַקטער אין פּיצלעך אונטער

מיינע פיס. און איך, דער קליינינטשקער מענטש, וואָס איז פאַר אים באַ־שטימט געווען אַלס קרבן, שטיי דאָ און באַטראַכט אים.

ווי אויסגעכשופטע זענען בלוצלינג פאַר די אויגן פון מיין נשמה דערשינען די לאַנגע שורות פון טויזנטער פון מיינע חברים, מיטאַרעס־טירטע פון פּאַוויאַק, וואָס האָבן זייער טויט געפונען דאָ אין דער דאָזיקער באַנדיטישער הייל. זיי זענען דערשינען מיט די זעלבע דערשראָקענע אויגן, מיט די זעלבע אויסדריקן פון זייערע פּנימער, פּונקט אַזוי, ווי איך האָב עס ביי זיי געזען, בשעת מען האָט זיי געפירט צו דער עקזעקוציע.

איך בין מיט שנעלע טריט אַנטלאָפן פון דאָרטן און בשעת דעם גאַנצן וועג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער זייער יאָמערן און קלאָגן. דאָס דאָזיקע פאַרשאָלטענע אָרט וויל איך מער נישט זען.

איצט וויל איך נאָך איין מאָל מאַכן אויפלעבן אין מיין זכרון די גרוילעכע בילדער פון יענער שרעקלעכער צייט.

# די לעצטע עדה יידן אין וואַרשע

## יידישע אַרבעטער פון פּאַוויאַק

מיט אַ רציחה, וואָס געפינט נישט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון פעלקער, האָבן די דייטשע מערדערס פאַרענדיקט זייער בלוטיק ווערק אין וואַרשעווער געטאָ. במשך פון דער צייט, ווען דער אויפשטאַנד האָט געדויערט און נאָכן ליקווידירן אים, האָט די דייטשע פּאָליציי צוזאַמען מיט די עס.עס.־אָפּטיילונגען אויסגעבראַנט דאָרט מיט די וואָרצלען יעדן זכר פון יידישקייט. רדיפות קעגן די וואַרשעווער יידן האָבן געהאַט אַן אַנדערן כאַראַקטער, ווי רדיפות קעגן יידן פון די איבעריקע פּוילישע שטעט. דאָ איז חוץ דעם אויספירן היטלערס אַנטיסעמיטישן אויסראָטונגס־פּראָגראַם געקומען אויך צום אויסדרוק דער ווילן פון די קלענערע דייטשע מושלים צו נעמען אין די וואַרשעווער יידן נקמה פאַר מאַכן דעם אויפ־שטאַנד, פאַר וואַגן זיך אַנטקעגן צו שטעלן זיי, די אומגעקרוינטע הערשער פון דער וועלט.

דערפאַר איז טאַקע די ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער יידן דורכגע־

פירט געוואָרן אזוי גרינטלעך, אזוי אומברחמנותדיק. אויב דייטשן האָבן אין די איבעריקע פוילישע שטעט איבערגעלאָזט נאָכן ליקווידירן די געטאָס הייפעלעך יידן אויף די ארבעטס־פלעצער, האָבן זיי אין ווארשע געשאָכטן דעם לעצטן ייד, וואָס איז אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט.

נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק פאר דער ליקווידאציע פון ווארשעווער געטאָ האָט די געשטאַפּאָ געשאפן אין פאוויאק א יידישע ארבעטער־אָפּטיילונג. א גרופּע יידישע פאך־ארבעטער, ס׳רוב שניידערס און שוסטערס, איז באשעפטיקט געוואָרן אין די גרויסע און קליינע ווארשטאטן, וואָס זענען געווען אין דער תפיסה. בסך הכל זענען דאָס דעמאָלט געווען אן ערך 100 יידן. זיי זענען קאסארירט געוואָרן אין דער תפיסה גופא און יעדן זונטיק האָבן זיי געהאט דאָס רעכט ארויסצוגיין אין געטאָ, בכדי צו באזוכן דאָרט זייערע משפחות, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט.

נאָכן אויסברוך פון אויפשטאנד זענען די פאוויאקער יידן פארמאכט געוואָרן אין די תפיסה־קאמערן. אין א געוויסן פארמאָרגן אין די ערשטע טעג פון חודש מאי 1943 איז אין פאוויאק אָנגעקומען אן אָפּטיילונג פארניכטונגס־זשאנדארמען. זיי האָבן מיטגעבראכט דעם באפעל פון דער פארניכטונגס־קאָמאנדאנטור צו ליקווידירן די הונדערט פאוויאקער יידישע פאכלייט. די יידן האָבן זיך געמוזט אליין אויסטון אין הויף פון דער תפיסה. דערנאָך האָט מען זיי, שוין אויסגעטוענע ביז צו דער אונטערשטער וועש, אויפגעלאָדן אויף אויטאָמאבילן און אוועקגעפירט אין געטאָ.

דאָס איז שוין געווען זייער לעצטער באזוך אין געטאָ. ציטערנדיקע און מיט אנגסטן באנאָסענע זענען זיי דורך די מערדער צוגעפירט געוואָרן אויף זאמענהאף גאס 19 און דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

## דייטשן קענען זיך נישט באגיין אָן יידישע פאכלייט

פון די הונדערט יידישע פאכארבעטער זענען זיבן מענטשן אָפּגעראטעוועט געוואָרן פון דער שחיטה. דאָס זענען געווען די סאמע וויכטיקסטע ארבעטער, וואָס האָבן געהאט געפונען חן אין די אויגן פון די געשטאפּאָווצעס פון דער תפיסה־וואך. די דאָזיקע געשטאפּאָווצעס האָבן

באהאלטן די זיבן יידן, בשעת די זשאנדארמען זענען געקומען זיי אוועקנעמען.

די זיבן יידן זענען געוואָרן דער אָנפאנג פון א נייער גרופע יידישע פאבליט, וואָס איז ווידער געשאפן געוואָרן אין פאוויאק. די דייטשן האָבן זיך נישט געקענט באגיין אָן די יידישע ארבעטער, וואָס זענען געווען די בעסטע פאבליט און וואָס האָבן דערצו נאָך געהאט די דאָזיקע מעלה, אז זיי זענען געווען יידן, אלזאָ מענטשן אָן שום פּרעטענזיעס, וואָס זענען צופרידן געווען דערמיט, וואָס מען האָט זיי כאָטש פאר א קורצע צייט געשאָנקען דאָס לעבן. אזעלכע שקלאפן האָט מען דאָך אמלייכטסטן געקענט אויסנוצן, ארויסיאָגן פון זיי די נשמות, מאטערן און פייניקן, וויפיל דאָס הארץ האָט נאָר געגלוסט.

דערווייל האָבן שוין די דייטשע רוצחים געהאט פארענדיקט זייער „רומפולן” קאמף אין ווארשעווער געטאָ. די ליקווידאציע פון די יידן איז געווען שוין א פארטיקע זאך. בלויז א זייער ווינציקע צאָל ווארשעווער יידן האָט זיך נאָך פארן אויסברוך פון אויפשטאנד באזעצט אויף דער ארישער זייט פון דער שטאָט און לעת עתה זענען די דאָזיקע יידן געווען די אָפּגעראטעוועטע. אָבער דאָס לעבן פון די דאָזיקע אָפּגעראטעוועטע יידן איז דאָרט אויף דער ארישער זייט ווייט נאָך נישט געווען זיכער. א טייל פון זיי האָט שטענדיק געמוזט זיצן אין די באהעלטענישן, די אנדערע, וואָס זייער אויסזען האָט נישט פארראטן זייער יידישע אָפּשטאמונג, זענען ארומגעגאנגען איבער די ווארשעווער גאסן. די סכנה אין יעדן מאָמענט דערקענט צו ווערן פון דייטשן און פּאָליאקן האָט אויף זיי געלאָקערט אויף שריט און טריט.

חוץ דעם האָט ווארשע געצויגן צו זיך יידן פון אלע שטעט אין פוילן. סוף כל סוף איז עס געווען די גרעסטע שטאָט פון לאנד און דאָרט האָט מען זיך אמלייכטסטן געקענט פארלירן צווישן דער באפעלקערונג. קיין ווארשע זענען טאקע טאָגטעגלעך געקומען יידן פון די פּראָווינץ־שטעט. דורך טויזנטער סכנות האָבן זיי באוויזן דורכצושלאָגן זיך, שווערע נסיונות זענען זיי אויסגעשטאנען און לסוף געקומען קיין ווארשע, ווו זיי האָבן געהאָפט צו געפינען א מקום מנוחה, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן איבערצולעבן די שרעקלעכע צייטן. די אלגעמיינע צאָל יידן, וואָס האָבן זיך אין

יענער צייט געפונען אויף דער ארישער זייט פון ווארשע, האָט מען אָפּ־געשאצט אויף אן ערך פופציק טויזנט. איך האלט, אז די דאָזיקע צאָל איז יעדנפאלס נישט קיין איבערגעטריבענע.

די דאָזיקע פופציק טויזנט יידן האָבן זיך געפונען אין א שטענדיקן הארטן קאמף פאר זייער לעבן. די געשטאפּאָ האָט אָנגעווענדט אלע מעג־לעכע מיטלען, כדי צו דעמאסקירן און ליקווידירן די דאָזיקע שארית הפליטה. אָבער מיט אן איבערמענטשלעכן אויסדויער, ממש מיט א כוח פון טיטאנען, האָבן די דאָזיקע שאָטנס פון אמאָליקע מענטשן זיך אנט־קעגנגעשטעלט דער ריזן־מאשין פון געפערלעכן שונא. געטריבן פון אָרט צו אָרט, בייטנדיק אומאויפהערלעך דאָקומענטן און דירות, ענדערנדיק זייער אויסזען, האָבן זיי מיט זייערע פארפאָלגערס געפירט א שפּיל פון קאץ און מויז.

נישט תמיד איז דער שפּיל געלונגען. אָפט זענען יידן פון דער ארי־שער זייט ארייננעפאלן אין די מערדערס הענט. זיי האָבן זייער קאמף פאר־שפּילט. די דאָזיקע פארשפּילטע האָט מען געברענגט אין פאוויאק און דאָס איז שוין געווען דער סוף פון זייער שווערן וואנדער־וועג.

## די לעצטע עדה יידן

דורכשניטלעך האָט מען געברענגט אין פאוויאק אן ערך 500 יידן א חודש. פון צווישן די דאָזיקע קרבנות האָבן די דייטשן אויסגעקליבן פאכלייט, צוגעשלאָסן זיי צו די ערשטע זיבן, וואָס זענען געווען די שארית הפליטה פון דער ערשטער ארבעטער גרופּע און פון זיי צוזאמען געשאפן די צווייטע יידישע ארבעטער גרופּע פון פאוויאק.

בסך הכל האָט די צווייטע פאוויאקער ארבעטער גרופּע קיין מאָל נישט דערגרייכט קיין העכערע צאָל ווי הונדערט פופציק יידן. דערפון קען מען זיך פאָרשטעלן, ווי שווער עס איז געווען פאר א ייד, וואָס איז ארייננעפאלן אין פאוויאק, צו דערגרייכן דאָס דאָזיקע אומבאשרייבלעכע גליק ארייננערעכנט צו ווערן אין דער דאָזיקער גרופּע. א טייל פון דער גרופּע האָט געארבעט אין די תפיסה־ווארשטאטן. די איבעריקע האָבן אויס־געפירט די סאמע שווערסטע ארבעטן.

צווישן די יידן איז אויך געווען א גרופע אויטאָ־מעכאניקערס, וואָס האָבן געארבעט אין די געשטאפּאָ־גאראזשן אויף די „דינאסן"*). די דאָזיקע גרופּע מעכאניקערס איז אין אָנפאנג אָנגעשלאָסן געווען צום פּוילישן ארבעטס לאגער אויף גענשא גאס און ערשט אין חודש דעצעמבער 1943 האָבן זי די דייטשן אריבערגעטראָגן אין פּאוויאק און פאראייניקט זי מיט דער יידישער פּאוויאקער ארבעטער־גרופּע.

שווער איז געווען דאָס לעבן פון די געפאנגענע פון דער יידישער ארבעטער־גרופּע. בייטאָג האָבן זיי געמוזט שווער האָרעווען, ביינאכט זענען זיי געלעגן פארשפּארטע אין די תפיסה־קאמערן און די ווערים האָבן זיי לעבעדיקערהייט אויפגעפרעסן. דאָס עסן איז נישט געווען צו דער זעט און די יעניקע, וועלכע האָבן נישט געהאט קיין מעגלעכקייט מיט אייגענע מיטלען צו שאפן זיך דאָס עסן, זענען געפאלן פון די כוחות. צו דעם אלעמען האָבן זיי אומאויפהערלעך געהאט אויסצושטיין א גיהנום פון רדיפות מצד די דייטשע וואכמייסטערס און זייערע אוקראינישע באַהעלפערס.

הגם דאָס לעבן פון די יידן איז געווען אזוי שווער, די געמיטער אזוי פארביטערט און די צוקונפט אזוי האָפענונגסלאָז, האָבן זיי אלס די לעצטע מאָהיקאנער פונעם אמאָליקן ווארשעווער יידנטום געטראָגן אויף זייערע שוואכע פּלייצעס די אחריות פארן כבוד פון דער לעצטער ווארשעווער עדה. זייער איצטיק נעבעכדיק לעבן האָבן זיי געפירט אין א שטענדיקן באַוווּסטזיין, אז זיי האָבן צו דערפילן די הייליקע שליחות צו זיין די סימבאָלישע פאַרזעצער פון דער אמאָליקער גרויסער און רומרייכער יידישער קהילה.

הויך האָבן זיי געהאלטן די פאָן פון יידישן כבוד. הויך איבער די קעפּ פון די דייטשע היהשע מערדערס, די שפלדיקע פחדנים און רוצחים.

## די קאַמערן פון טויט

## „יודען־העפטלינגע" און „יודען +"

די קאמער נר. 258 האָט זיך געפונען אויף דער אכטער אָפּטיילונג

*) א נאָרטן, וו עס פלעגן פארקומען כפאָרט־פאַרווילוגען.



די חורבות פונעם פּאוויאַק פאָטאָגראַפירט נאָך דער באַפרייאונג



אין קעלער פון תפיסה־בנין. זי איז נאָך נישט געווען די דירעקטע קאַמער פון טויט, הגם געזעסן זענען דאָרט בלויז יידן. די יידן פון דער קאַמער 258 זענען געווען די „יודען־העפטלינגע". פאַרשטיין דאַרף מען דאָס אויף פאָלגענדיקן אופן:

מענטשן זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אונטער א חשד, אַז זיי זענען יידן. אין דער געשטאַפּאָ ביים פאַרהער האָבן זיי זיך נישט מודה געווען אין זייער מגזאדיקן „פאַרברעכן". להפך, זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זענען די סאַמע ערלעכסטע גויים, זיי שטאַמען פון דעם אָדער א צווייטן מקום, ווו עס לעבן נאָך עד היום זייערע קרובים. דאָס אַלץ האָבן זיי געמוזט זאָגן אין הסכם מיט די פאַלשע פאַפּירן, וועלכע די געשטאַפּאָ האָט ביי זיי געפונען. אויב איינער איז געווען א חכם און געזאָגט, אַז זיינע קרובים זענען שוין געשטאָרבן, האָט ער תיכף געמוזט באַווייזן, ווו זיי האָבן געלעבט און אויף וועלכן בית עולם זיי זענען געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

דער געשטאַפּאָ רעפערענט, וועלכער האָט געפירט דעם פאַרהער, האָט ביי זיך פאַרצייכנט אַלץ, וואָס דער אַרעסטירטער האָט געזאָגט. דערנאָך האָט ער דורכגעפירט די אויספאָרשונג. דערווייל איז דער אַרעסטירטער געזעסן אין קאַמער נר. 258 אַלס „יודען העפטלינג".

די אויספאָרשונג האָט ווי ביי איינעם פאַרשידן געדויערט. דורכשניטלעך ביז זעקס וואָכן, אָבער ווען עמיצער האָט אויף זיינע פאַפּירן געהאַט אָנגעשריבן דאָס געבורטס־אָרט ערגעצוו אין א ווייטער פאַרוואָרפענער געגענט, איז ביז די געשטאַפּאָ האָט דאָרט דורכגעפירט די אויספאָרשונג, האָט געקענט דויערן אפילו ביז דריי חדשים. דער דאָזיקער אַרעסטירטער האָט געהאַט א האָפענונג צו לעבן נאָך דריי חדשים.

ביי מענער איז דער גאַנצער ענין פון דער אויספאָרשונג געווען פאָראויס שוין א פאַרשפּילטער. ווי גוט די אויספאָרשונג זאָל נישט אויספאַלן, איז ביי אים געווען דער „קאָרפּוס דעליקטי", פון וועלכן ער האָט זיך סיי ווי נישט געקענט ריינוואַשן. אָבער ביי יידישע פרויען האָב איך געקענט א ריי פאַלן, באַזונדערס ווען זיי האָבן געהאַט גוטע פאַפּירן, אַז די אויספאָרשונג איז דורכגעגאַנגען גינסטיק און די פרויען זענען באַפרייט געוואָרן.

הכלל, מען זיצט דערווייל אין קאַמער נר. 258 און מען וואַרט אויף

א נס. די צייט לויפט דורך און די אויספּאַרשונג ענדיקט זיך. דער רעפּע־רענט באַקומט ידיעות, פון וועלכע עס ווערט קלאָר, אז דער אַרעסטירטער האָט געזאָגט ליגן. דאָס איז שוין גענוג, כדי צו פאַרענדיקן דעם ענין. די געשטאַפּאָ שפּילט זיך שוין מער נישט מיטן אַרעסטירטן. דער באַשטע־טיקטער ליגן איז שוין א באַוויז, אז דער אַרעסטירטער איז א ייד. ער ווערט תיכף אַריינגעשטעלט אויף דער גאָענטסטער רשימה „צור אומזיד־לונג". אויף א פּשוטן לשון הייסט דאָס, אז ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט.

דערנאָך קומט די רשימה פון דער געשטאַפּאָ צו דער פּאַוויאַק־קאַנ־צעלאַריע. דער ייד ווערט אויסגעשטראָכן פון דער „העפטלינגס ליסטע" און זינט דעם מאָמענט טראָגט ער אויף זיך דעם סימן פּלוס (+). דאָס הייסט, אז ער איז שוין מער נישט קיין מיטגליד פון דער לעבעדיקער וועלט. ער געהערט שוין צו יענע, וואָס האָבן זייערס אָפּגעלעבט. תיכף נעמט דער וואַכמייסטער אַרויס דעם ייד פון דער קאַמער 258 און פירט אים אַריין אין דער שכנותדיקער קאַמער נר. 257. דאָס איז שוין די דירעקטע קאַמער פון טויט. דער ייד ווייסט שוין איצט באַשיינפּערלעך, אז צומאָרגנס וועט ער זיין א מת.

אין דער קאַמער נר. 257 איז דער פאַרמשפּטער נישט פאַראיינזאַמט. יעדן טאָג זיצן דאָרט עטלעכע יידן. זיי האָט מען געכאַפּט אויף דער אַרי־שער זייט און אזוי ווי זייער יידישקייט איז אין געשטאַפּאָ אָן שום ספק פעסטגעשטעלט געוואָרן, זענען זיי געקומען אין פּאַוויאַק שוין מיט א פאַר־טיקן אומזידלונגס" פּסק. אזוי זיצן זיי אין דער קאַמער 257 ביז מאָרגן פרי. דעמאָלט ווערן זיי אַרויסגעפירט צו דער עקזעקוציע.

איגעם תפיסה־אַפּאַראַט הערשט אַן אָרדענונג לויטן דייטשן מוסטער. אַלץ שטייט אויף פּינקטלעכקייט. פּונקט אזוי ווי א גוטער באַלעבאָס רייר־ניקט יעדן טאָג זיין הויז, נעמט צוזאַמען דאָס מיסט און וואַרפט עס אַרויס אין מיסט קאַסטן, אזוי טוט אויך די תפיסה־וואַך מיטן „יידישן מיסט". יעדן טאָג אין דער פרי ווערן די „יודן פּלוס" אַרויסגעפירט צום דערשיסן. די קאַמער פון טויט איז שוין ווידער ליידיק. אָבער נישט מער ווי צוויי שעה וועט זי שטיין ליידיק. פּינקטלעך אַזייגער צוועלף צו מיטאָג קומען די אויטאָס פון שוכא, וואָס ברענגען פרישע קרבנות. די קאַמער 257 וועט אין צוויי שעה אַרום ווידער אויסגעפילט ווערן מיט „יודן פּלוס".

# אין דער קאמער 258

## א צוזאמענשטעל פון פארשידנארטיקע מענטשן

א מאָדנעם צוזאמענשטעל פון מענטשן האָב איך אין מיין קאמער 258. צווישן די 28 ארעסטירטע זענען מיר 23 יידן. די איבעריקע 5 זענען ציגיינער. קיין באזונדערס אינטערעסאנטע געשטאלטן געפין איך נישט צווישן די ציגיינער. ווי אלע ציגיינער, פערד גנבים אָדער סתם מענטשן אָן א פראָפעסיע, וואָס שיקן ארויס זייערע ווייבער מיט די קינדער אין גאס בעטלען. צוליב די דאָזיקע חברה ליט האָבן מיר געהאט אויסצושטיין א סך צרות, אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן אין א שפּעטערן קאפּיטל.

די 23 יידן שטעלן מיט זיך פאָר א קאָמפּלעט פון פארשידנארטיקע מענטשן, וואָס קומען ארויס פון פארשידענע סביבות. עס זענען דאָ עטלעכע אלטע ווארשעווער תושבים, וואָס אמאָל זענען זייערע נעמען גוט באקאנט געווען צווישן די ווארשעווער יידן. א באדייטנדיקע צאָל אינטעליגענטן, דאָקטוירים, אדוואָקאטן און אינזשיניערן. עטלעכע משומדים, טאקע ריכ־טיקע משומדים פון פאר דער מלחמה און אויך אזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין ביי די דייטשן געמאכט פאר משומדים, ווייל זיי האָבן געטראכט, אז אויף אזא אופן וועט זיי געלינגען צו ראטעווען זיך דאָס לעבן. די דאָזיקע משומדים, וואָס זייערע נעמען זענען גוט באקאנט געווען אין דער פּויליש־שער געזעלשאפט, האָבן צענדליקער יאָרן אָפּגעלעבט אין זייערע סביבות און אָפט האָט מען בכלל נישט געוווסט, אז זיי שטאמען אָפּ פון יידן. די היטלעראָווצעס האָבן אָבער אנטפּלעקט דעם סוד פון זייער יידישער אָפּ־שטאמונג און איין מאָל שוין אריינבאקומען זיך אין זייערע מערדערישע הענט, איז דער משומד, פּונקט אזוי ווי אלע איבעריקע יידן, געווען א פארלוירענער.

צווישן מיינע חברים, די ארעסטירטע פון קאמער 258, זענען אויך געווען עטלעכע ליט פון דער ווארשעווער אונטערוועלט. עס זענען אויך מיט אונדז געזעסן צוויי יינגלעך פון אן ערך 18 יאָר. דאָס אויפפירן זיך פון די דאָזיקע יינגלעך און זייער גאנצע מענטאליטעט זענען מאָדנע צו־געפּאסט געווען צו דער תקופה, אין וועלכער מיר האָבן דעמאָלט געלעבט. נישט קיין חידוש. עס איז א באקאנטע זאך, אז קינדער און יוגנט לאָזן זיך אמלייכטסטן משפּיע זיין דורכן גייסט פון דער צייט.

י. הירשהויט

# די ערשטע טריט

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אריינגעקומען אין קאמער — דעם אמת געזאָגט, בין איך אריינגעשפּרונגען, באקומענדיק פון הינטן א פייער־דיקן זעץ פונעם דייטשן וואכמייסטער — בין איך געווען א ביסל צעטומלט. א רגע בין איך שטיין געבליבן אין מיטן קאמער און זיך ארומגעקוקט. דעם ערשטן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאכט די יידישלעכע פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען דאָרט געזעסן. איך האָב זיך תיכף דערפילט עפּעס היימיש, ווי איך וואָלט מיך פון עפּעס א לאנגער רייזע אומגעקערט א היים.

— איז נאָך פאראן ערגעץ אויף דער וועלט אזוי פיל יידן? — האָב איך א טראכט געטון.

אין דער זעלבער רגע האָב איך מיך אליין פאר זיך פארשעמט צוליב מיין נארישקייט. בסך הכל זענען עס עטלעכע יידן פונקט אזוי אומגליק־לעכע ווי איך. איבער וואָס קען מען זיך דאָ דען וווּנדערן?

אין מיטן קאמער איז ביז צו דער העלפט א נאקעטער געזעסן אויף דער ערד א מענטש מיט א באזונדערס יידישלעכן אויסזען. נעבן אים איז געשטאנען א בלעכענער וואשבעקן. דער ייד האָט די הענט געהאלטן איינ־געטונקען אינעם רויטלעך ברוינעם בלודיקן וואסער, פון אונטער וועלכן עס האָבן ארויסגעשטאַרט נאכע עקן פון עפּעס א שמאטע. דער ייד האָט געוואשן זיין העמד. אָבער ווען איך בין אזוי מיט אן אימפּעט אריינגע־פלויגן אין קאמער, האָט ער אויף א רגע אָפּגעשטעלט זיין ארבעט, כדי מיך צו באטראכטן. אזוי ווי איך האָב אים דעם ערשטן באמערקט, האָב איך אים באטראכט און מיר זענען געשטאנען אנטקעגן זיך און געקוקט זיך ביידע גלייך אין די אויגן. אין זיינע אויגן איז געווען א מילדער שמייכל, אין וועלכן איך האָב באמערקט א פינק פון א מענטשלעך געפיל. אזא בליק איז פאר מיר דעמאָלט געווען א נייעס, מחמת איך האָב שוין א לאנגע צייט פריער געפירט מיין לעבן אין שווערע באדינגונגען, ארומגערינגלט פון שונאים, געטריבן פון אָרט צו אָרט, באגעגענענדיק אומעטום בלויז ווילדע חיות, וואָס האָבן געלאָקערט אויף מיין לעבן. איך האָב שוין כמעט ווי פארגעסן, אז עס איז ערגעצוו אויף דער וועלט נאָך פאראן דער מענטש.

די דאָזיקע אויגן האָבן מיך צו זיך צוגעצויגן. איך האָב מיך מיט א טריט דערנענטערט צום ייד און ווילנדיק אָנהייבן מיט אים א געשפּרעך, האָב איך אים געפרעגט:

— נאָך וואָס וואַשט איר דאָס העמד? צו דער עקזעקוציע וועט מען אייך אָננעמען אויך מיטן ברודיקן העמד.

— איך זיץ שוין דאָ דריי וואָכן — האָט ער מיר מיט א שטילער שטימע געענטפערט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט — איך קען דאָך נישט וויסן, ווי לאַנג עס וועט מיר נאָך אויספאַלן דאָ צו זיצן. איך וויל נישט, אז די ווערים זאָלן מיך אויפפרעסן לעבעדיקערהייט.

בשעת מעשה האָבן מיך ארומגערינגלט די איבעריקע ארעסטירטע. זיי האָבן מיר אָנגעהויבן צו שטעלן פאַרשידענע פראַגן וועגן די נייעס פון דער וועלט. דער עיקר, ווי אזוי האלט עס אויף די פראָנטן און ווי ווייט פון אונדז געפינט זיך די רויטע ארמיי.

דאָס זענען דאָך געווען די לעבעדיקסטע ענינים, וואָס האָבן נאָך געקענט פאַראינטערעסירן די דאָזיקע במעט שוין טויטע מענטשן. זייער איינציקע האָפענונג אויף צו ראטעווען זיך איז געווען די תּיכפדיקע מפּלה פונעם רשע. מיט די אויגן פון זייערע פארמאַטערטע נשמות, נישט לייענענ־דיק קיין צייטונגען, האָבן זיי די געשעענישן געזען פאַראויסגיין מיט פאַר־שנעלערטע טריט. מיט א וואָך צוריק איז געקומען א נייער, האָט ער זיי געזאָגט, אז די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען טולאַ און האָבן זיך דערנענטערט צו אריאל. די אליאירטע האָבן צעשלאָגן איטאַליע, וואָס האלט שוין ביים קאַפּיטולירן. אפשר וועט דאָס שוין זיין דער סוף פון דער מלחמה? במשך פון א וואָך צייט האָט אפשר די גאַנצע זאַך געמאַכט א גרויסן פאָרשריט?

אָבער צוליב די ארעסטירטע פון דער קאַמער 258 וואָלט זיך די מלחמה געמוזט פאַרענדיקן היינט אָדער שפּעטסטנס מאָרגן. אויב נישט, וועלן זיי נישט דערלעבן איר סוף. וויפל האָט דען אזא ארעסטירטער נאָך צו לעבן? א טאָג אָדער אפשר א וואָך. במשך פון דער דאָזיקער קורצער צייט מוז געשען דער נס. און אויב נישט? וועגן דעם טראַכט נישט דער ארעסטירטער ייד פון דער קאַמער 258. דאָס ווייסט ער סיי ווי גוט. דאָס איז א זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

הכלל, איך האָב תּיכּף פאַר מיינע נייע חברים ארויסגעשיט אלע

גייעס, וועלכע איך האָב געקענט. מיר האָט זיך געדאכט, אז מיט די נייעס וועל איך זיי אויפמונטערן און דערפרייען. די נייעס פון די פראָנטן זענען געווען באזונדערס גוטע. לסוף אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די יידן זענען אנטטוישט. אין זייער פאנטאזיע האָבן זיי די געשעענישן געזען שוין ווייט פאָראויסגערוקט און דאָ וויזט זיך ארויס, אז די רוסן זענען נאָך זייער ווייט, און די אליאירטע טוען זייער ארבעט צו לאנגזאם. אויף וואָס קען מען איצט דאָ האָפן?

שטיל זענען זיי איצט געזעסן אויף זייערע שטרויזעק. יעדער א פאר־טראכטער אין זיך, אין זיינע געדאנקען וועגן זיין גורל.

## ביי דער ארבעט

לאנגזאם האָב איך מיך איינגעלעבט מיט מיין ארום. מיטן ייד, וואָס האָט געוואשן זיין העמד דעמאָלט, ווען איך בין געקומען, האָב איך מיך באפריינדעט. ער האָט זיך טאקע ארויסגעוויזן אלס סימפאטישער מענטש, א יונגערמאן פון לובלין מיטן נאָמען פישמאן. הגם זיין אויסזען האָט זיך תיכף געוואָרפן אין די אויגן, האָט ער צוזאמען מיט זיין פרוי און קינד געלעבט אין װארשע אויף אַרישע פאפירן. ער האָט געמוזט גיין ארבעטן, מחמת ער האָט נישט פארמאָגט קיין שום געלט־מיטלען און נישט געהאט פון וואָס צו לעבן. פישמאן האָט צוזאמען מיט עטלעכע פאָליאקן געארבעט אין א דייטשער ביורא. זיינע פוילישע מיטארבעטער האָבן אָבער אין אים תיכף דערקענט א ייד. עס האָט נישט לאנג געדויערט און פיש־מאנען האָט צוגענומען די געשטאפאָ. איצט ווייסט ער, אז ער האָט שוין זיין לעבן פארשפילט. ער האָפט נאָר, אז זיין פרוי און קינד וועט געלינגען זיך אויסצובאהאלטן פאר די מערדער, הגם אָן געלט וועט דאָס נישט זיין קיין לייכטער ענין.

פון די צרות איז פישמאן קראנק. עפּעס איז ביי אים אן אויער נישט מיט אלעמען. ער ליידט גרויסע יסורים און הערט שוין גאָרנישט אויף איין אויער. וועגן גיין צו א דאָקטאָר איז נישטאָ קיין רייד. יידן האָבן נישט אויפן פּאוויאק דאָס רעכט צו געניסן פון מעדיצינישער הילף.

איצט איז גאנץ שטיל געווען אין אונדזער קאמער. מידע פון דער

היץ און אָפּגעמאַטערטע פון הונגער זענען מיר געזעסן אויף די שטרויזעק. קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט אָנהייבן א געשפּרעך. אזוי ווי עס האָט זיך שוין דערנענטערט די מיטאָג־צייט, האָבן מיר שוין אַלע אויסגעקוקט אויף דעם ביסל וואסערדיקע זופּ, וואָס האָט שוין אין קורצן געדאַרפט פאַרטיילט ווערן.

פּלוצים האָט זיך א פּראַל אויף געטון די שווערע טיר פון אונדזער קאַמער. דער קאַפּאָ, א יונגער שייגעץ מיט א ווילדן בליק, וואָס האָט באַזונדערס אונדז יידן באהאנדלט זייער אכזריותדיק, איז געשטאַנען ביי דער שוועל. דער קאַפּאָ האָט אונדז געדראָט מיט א לאַנגער לעדערנער בייטש און געשריגן :

— זשידקי דאָ ראָבאָטי.

מיר זענען אַלע אויפגעשפּרונגען פון אונדזערע ערטער. דער קאַפּאָ האָט זיך ארומגעקוקט, אזוי ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט און ער האָט א פרעג געטון :

— ווו איז דער סטאַראָסטע?

קאַזיק, דער סטאַראָסטע, איז ארויסגעטרעטן.

— איך בין דאָ, פּאַניע קאַפּאָ.

— אכט יידן מוזן תיכף ארויסגיין צו דער ארבעט. תיכף קלייב זיי אַליין אויס, ווייל אז נישט, וועל איך עס טון און דעמאָלט וועט מיט אייך זשידקעס זיין שוין ערגער.

— תיכף, פּאַניע קאַפּאָ, וועט איר האָבן די אכט מענטשן צו דער ארבעט — האָט אים קאַזיק פאַרזיכערט.

עס איז געווען כמעט ווי א געזעץ אין דער תפיסה, אז צו אַלע ברודיקסטע און שווערסטע ארבעטן האָט מען גענומען די יידן פון דער קאַמער 258. מיר זענען טאַקע צו יעדן מאָמענט געווען צוגעגרייט, אז מען קען אונדז רופן צו אן ארבעט. כדי נישט צו געבן די פּייניקער קיין גרונט אונדז צו שלאָגן, האָבן מיר ביי זיך געהאַט אָרגאַניזירט א סדר, לויט וועלכן אַלע ארעסטירטע האָבן געהאַט דעם חוב תיכף צו מעלדן זיך, ווען מען וועט נאָר רופן. די אַלטע און די שוואכע האָבן מיר באַפרייט פון דער ארבעטספּליכט.

אזוי ארום האָט ביי אונדז יעדער געוווּסט, ווען עס פאַלט אויס זיין

ריי און ווען דער קאפאָ האָט איצט געפאָדערט די אכט ארבעטער, האָבן מיר שוין געוווּסט, אויף וועמען עס קומט אויס די ריי זיך צו מעלדן. די אכט יידן זענען טאקע תיכף ארויסגעגאנגען פון דער קאמער. איך אליין נישט לאנג אָנגעקומענער האָב געהאט דעם חוב צו מעלדן זיך צווישן די אכט.

מיר זענען ארויס אין קאָרידאָר, וווּ עס האָט שוין אויף אונדז גע־וואַרט אַן אוקראַינער. ער האָט אונדז ארויסגעפירט פון אונדזער קעלער־קאָרידאָר אין תפיסה־הויף. מיר זענען געגאנגען לענגאויס דעם תפיסה־הויף, ביז מיר זענען צוגעקומען צום אָרט פון דער ארבעט.

עס זענען דאָרט געלעגן גרויסע הויפנס דורכגעברענטע קוילן און אש. די קוילן האָבן דאָרט שטענדיק געגליט און פון די הויפנס האָט זיך ארויסבאַקומען א שווארצער און א שטיקנדיקער רויך. די דאָזיקע קוילן האָט מען אויף אייזערנע וועגעלעך נאָר וואָס ארויסגעפירט פון די ריזיקע תפיסה־קעסלען, וואָס זענען באַשטימט געווען אויף צו געבן דאמף און היים וואַסער פאר די קיכן, פארן באָד און פאר די איבעריקע בנינים פון דער תפיסה־ווירטשאַפט.

מען האָט אונדז געהייסן מיט לאָפּעטעס אָננעמען די דאָזיקע גליענ־דיקע קוילן, שיטן זיי אין די אייזערנע וועגעלעך און שלעפן די פולע ווע־געלעך צו א גרוב, וואָס האָט זיך געפונען אין א צווייטן עק פון הויף. מיט די דאָזיקע קוילן האָבן מיר געדאַרפט פארשיטן דעם גרוב און אויסגלייכן אים מיט דער ארומיקער ערד.

פאר אונדז אויסגעהונגערטע און פארמאַטערטע יידן איז די דאָזיקע ארבעט געווען ממש אן אומדערטרעגלעכע, בפרט, אז פון די הויפנס קוילן האָט געזעצט א מוראדיקע היץ ווי פון א גיהנום. און ווען א שטיקל קויל האָט זיך פארפּלאָנטערט אונטער א פוס, אָדער עס איז אויסגעפאַלן אנ־צורירן זי מיט דער האַנט, האָט מען זיך אָפּגעבריט. דער רויך האָט זיך ארייַנגעריסן אין די אויגן, וואָס האָבן פון זיך געגאָסן גאַנצע טייכן טרערן. דער אָטעם האָט געשטיקט, אין די לונגען האָבן מיר געפילט א ווייטיק, פונקט ווי זיי וואָלטן באַלד געדאַרפט פּלאַצן. אונדזערע גופים זענען שוין באַדעקט געווען מיט בריענדיקע ווונדן. אָבער אָפּשטעלן די ארבעט האָבן מיר נישט געטאָרט. איבער אונדז זענען געשטאַנען עטלעכע

אוקראינער און א דייטש נאָך דערצו. באזונדער אכזריותדיק האָט זיך צו אונדז באצויגן דער אוקראינער קאָלענקאָ. מיט דעם דאָזיקן מנוול האָב איך כמעט באגעגנט אין די שפּעטערע צייטן, בעת איך בין געווען א בעדער און אלס אזעלכן איז מיר שוין געקומען באהאנדלט צו ווערן ווי א האלבן מענטש. דעמאָלט איז שוין דער זעלבער קאָלענקאָ געווען צו מיר זיס און פריינטלעך, בפרט אז ער האָט פון מיר געראַפּט א טובה.

אין יענעם מאָמענט אָבער, ווען קאָלענקאָ איז איבער אונדז געשטאַנען ביי דער ארבעט, האָט ער געמאכט אויף אונדז דעם איינדרוק פון א וואלד־חיה. איך בין דער ערשטער פון אונדזער גרופּע ארבעטער געפאלן פון די כוחות. פּשוט געשטאנען און נישט געקענט רירן מיט די הענט. קאָלענקאָ איז צו מיר צוגעלאָפן, ארויסגעריסן ביי מיר די אייזערנע לאָפּעטע און געשלאָגן מיך מיט דער דאָזיקער לאָפּעטע איבער דער פּלייצע און איבער די אָרעמס.

היינט וואָלט איך שוין אזעלכע קלעפּ נישט געקענט איבערטראָגן. אָבער אין יענע צייטן איז דער מענטש געווען פון אייזן. איך דערמאָן מיך, אז עס האָט מיר געשווינדלט פאר די אויגן. עפּעס רויטע פונקען האָב איך פאר מיר געזען. אין גאנצן קערפּער א שטארקער ווייטיק, די הענט זענען מיר געפאלן אין חלשות, אָבער אויף די פיס האָב איך מיך געהאלטן. דאָס איז געווען מיין גליק. וואָלט איך דעמאָלט אוועקגעפאלן, וואָלט ער מיך דערשלאָגן אויף טויט. ווייל וואָס איז דען ווערט געווען א לעבן פון א ייד ראָרט אין דער באנדיטישער הייל, אין פאוויאק.

מיינע פיס האָבן אונטער מיר געציטערט. איך האָב אָבער נישט פארלאָזט די ארבעט. איך בין ווייטער געשטאנען מיט דער לאָפּעטע אין די ציטערנדיקע הענט. יעדעס מאָל וואָס איך האָב אָנגענומען א לאָפּעטע קוילן, האָבן זיי זיך מיר צעשיט, בשעת איך האָב געוואָלט צוטראָגן די לאָפּעטע צום וועגעלע. נעבן מיר ביי מיין רעכטער האנט איז געשטאנען הערמאן, א צעוואקסענער מאן פון עטלעכע פערציק יאָר. זיין פּנים א ברייט צעגאָפנס מיט א פּאָר ברייטע פּוילישע וואָנסעס אונטער דער דיקער נאָז, האָט אָפּגעלייקנט זיין יידישע אָפּשטאמונג. הערמאן האָט זיך טאקע קיין מאָל נישט מודה געווען אין זיין א ייד. אפילו אונדז, זיינע נאָענטסטע חברים, האָט ער דערציילט, אז ער איז א גוי, א ריכטיקער פּאָליאק. זיין

משפחה זאָל שטאַמען פון קאָלאָמיי (אין גאַליציע), ווו עס האָבן, לויט זיין מיינונג, געלעבט א סך פּאָליאַקן מיטן נאָמען הערמאַן.

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיט הערמאַנס גויאישקייט איז נישט אַלץ אין אָרדענונג. אויב די געשטאַפּאָווצעס האָבן אים אַריינגעזעצט צווישן יידן, ווייסן זיי צוליב וואָס זיי טוען דאָס. פונדעסטוועגן האָבן מיר צופיל נישט אַריינגעטראַכט אין הערמאַנס צרות. איטלעכער פון אונדז האָט גענוג געהאַט זיינע אייגענע. וויל ער, הערמאַן, פאַר אונדז שפּילן דעם גוי, זאָל אים ווויל באַקומען. אפשר וועט ער זיך גאָר א דאַנק דעם קענען אָפּראַטעווען.

איז דער דאָזיקער הערמאַן געשטאַנען מיט זיין לאָפּעטע ביי מיין רעכטער זייט. אַן אָפּגעמאַטערטער, האָט ער שוין מיט זיינע לעצטע כוחות געשלעפּט די שווערע לאָפּעטע. קאָלענקאָ האָט אים א ווײַלע באַטראַכט, דאַן האָט ער זיך צו אים דערנענטערט. הערמאַן האָט אַרויסגעלאָזן א שטילן קרעכץ, מעכאַניש פאַרשנעלערט די באַוועגונגען פון זיינע הענט. די לאָפּעטע האָט זיך אים אויסגעדרייט אין די הענט. די קוילן האָבן זיך א שאָט געטון אויף דער ערד און פייערדיקע פונקען האָבן זיך אַריינגעביסן אין זיינע פיס און אויך אין מיינע, ווייל מיך האָט פון אים אָפּגעטיילט א מרחק פון נישט מער ווי צוויי שריט.

קאָלענקאָ איז שוין אָבער געשטאַנען נעבן הערמאַנען. פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס פריער געטון מיט מיר, האָט ער ביי אים אַרויסגעריסן די לאָפּעטע. הערמאַן איז שוין זיכער געווען, אַז איצט באַקומט ער דעם קלאַפּ. ער האָט זיך אויטאָמאַטיש אַוועקגעבויגן אין א זייט. אָבער קאָלענקאָ האָט הערמאַנען נישט געשלאָגן. ער האָט אים בלויז געזאָגט מיט א הייזעריקער שטימע:

— טי, גרובי זשיד! קוק צו, ווי אַזוי מען דאַרף אָננעמען די זשור־זשעלעס אויף דער לאָפּעטע.

קאָלענקאָ האָט מיט שנעלע באַוועגונגען אָנגעהויבן צו לאַדעווען די קוילן אויפן וואָגן. ביי אים איז די אַרבעט שנעל געגאַנגען. עס איז נישט קיין וווּנדער. ער האָט נישט געהונגערט אַזוי ווי מיר און אויסגערוט איז ער אויך געווען.

געמאכט עטלעכע באוועגונגען מיט דער האנט, האָט קאָלענקאָ הער־
מאנען צוריקגעגעבן די לאָפּעטע און געזאָגט:

— אזוי מוזטו ארבעטן, וואָרום אז נישט, וועל איך דיך דאָ אוועקלייגן.

הערמאן האָט געהאט גליק. דאָס מאָל איז ער ארויס מיט גאנצע
ביינער.

דערווייל בין איך אביסל צו זיך געקומען. די ווייטיקן האָבן טאקע
נישט אויפגעהערט, אָבער איך האָב מיך אביסל בארואיקט. די הענט האָבן
מיר אויפגעהערט צו ציטערן, פעסטער בין איך שוין געשטאנען אויף די
פיס. נישט ווייט פון מיר איז געשטאנען מיכאלעק, איינער פון אונדזערע
צוויי יינגסטע מיטארעסטירטע. ער איז אלט געווען א יאָר אכצן, אן אויס־
געדארטער בחור מיט א בלייך פּנימל, כמעט א קינד. דאָך האָט שוין מי־
כאלעק אין זיין לעבן דורכגעמאכט מער פון נישט איינעם א דערוואקסענעם.

מיכאלעק איז געווען א קינד פון א גוטער היים. זיין פאָטער, דער
באוווּסטער ווארשעווער דאָקטאָר־כירורג, קאַהאַן, איז בשעת דער מלחמה
פארוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאנד. מיכאלעק האָט געגלויבט, אז זיין פאָטער
לעבט ערגעץ־וווּ.

אליין איז מיכאלעק דורכגעגאנגען א גלגול־וועג, ביז ער איז אריינ־
געפאלן אין פאוויאק. זיין געשיכטע איז געווען אן אמתער עפּאָס. אָבער
פונדעסטוועגן איז ער געווען א פריילעכער בחור, וואָס האָט אין א יעדער
לאגע תמיד גרייט געהאט א גלייכווערטל אָדער א וויץ. פון אלעמען גע־
לאכט, מיט דער ארבעט אויך זיך געגעבן אן עצה. איצט האָט ער שנעל
געדרייט מיט זיין לאָפּעטע. נישט מיד געוואָרן. שנעלער פאר אלע האָט ער
אָנגעפילט זיין וועגעלע און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו שיטן די קוילן
אין מיין וועגעלע און בעת מעשה שטיל זיך צוגעוויצלט.

— מיר וועלן שוין מיט זיי אמאָל פארטיק ווערן. דער דאָזיקער
„קאַבאַן" —האָט ער מיט קאָפּ־באַוועגונג געוויזן אויף קאָלענקאָ— איז
טאקע באשאפן געוואָרן צו אזא ארבעט. ער קען גוט די לאָפּעטע מלאכה.
מסתמא דאָס גאנצע לעבן האָט ער דאָס געטון.

— וואָס רעדסטו אזוי פיל — איז קאָלענקאָ צוגעגאנגען צו מיכאלעקן.

— איך זאָג, פאניע וואכמייסטער, אז עס וועט שוין נישט זיין ווו
צו שיטן, ווייל דער גרוב איז שוין פול. אז מיר וועלן ארייגשיטן די דאָזיקע

ווענעלעך זשעזשלעס, וועט שוין דער גרוב זיין פארשיט ביז איבערן וויערך.

— גיב אכטונג, דו הונט — האָט צו אים קאָלענקאָ אויף דייטש א געשריי געטון און געדראָט אים מיט דער בייטש.

דאָך האָט ער אָבער איינגעזען, אז עס איז גענוג די ארבעט. ער האָט אונדז געהייסן צופירן צום גרוב די פולע וועגעלעך און דערנאָך האָט ער אונדז צוריקגעפירט אין אונדזער קעלער אָפּטיילונג.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין אונדזער קאמער, האָט עס שוין געהאלטן ווייט נאָכן מיטאָג. אין א ווינקל אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע זענען געשטאנען אונדזערע אכט שיסעלעך מיט דער זופּ. קאזיק, דער סטאַ־ראסטע, האָט בשעת דעם פארטיילן די זופּ גענומען פאר אונדז דאָס עסן און אוועקגעשטעלט אין א זייט. ווי הונגעריקע חיות האָבן מיר זיך א וואָרף געטון אויפן עסן. גראד איז דעם טאָג געווען א בעסערע זופּ ווי תמיד, א געדיכטערע מיט ארבעס. זי איז געווען אינגאנצן אויסגעקילט און מיר האָבן נישט געהאט קיין לעפל. אָבער מיר האָבן דערויף נישט געלייגט קיין אכט. אריינגעשטעקט דאָס מויל אין דער שיסל, פונקט אזוי ווי עס טוט א הונט, האָט איטלעכער פון אונדז געזשלאָפּעט די זופּ. תיכף זענען אונ־דזערע שיסלען געווען אויסגעלייִדיקט, אָבער דער הונגער איז נאָך ווייט נישט געווען געשטילט. אָבער נישטאָ קיין ברירה. מען מוז ווארטן, ביז עס וועט פארטיילט ווערן די אָוונט־זופּ. דערווייל זוכן מיר אן אָרט, כדי אוועק־צוזעצן זיך אָפּרוען. די געברענטע ווונדן האָבן ערשט איצט אויף א רעכטן אמת אָנגעהויבן צו בריען. מיין רעכטע האנט איז צוליב די באקומענע קלעפּ געווען אינגאנצן אומבאוועגלעך.

## קעסלען מיט הייסער זופּ

די צייט שפּירן מיר ארויס א דאנק אונדזערע מאָגנס. דער יונגער מיכאלעק איז אין דעם דאָזיקן פּרט דער סאמע פינקטלעכסטער. ווען עס דערנענטערט זיך זייגער צוועלף, זאָגט ער מיט זיין נידעריק מענער קול, וואָס קלינגט אפילו א ביסל מאָדנע פאר זיין קינדערישער געשטאַלט:

— באלד וועט שוין זיין דער מיטאָג.

מיכאלעק האָט קיינמאָל נישט קיין טעות. ווען ער זאָגט נאָר ארויס

די דאָזיקע פארכשופטע ווערטער, הערט זיך שוין תיכף פונעם קאָרידאָר דאָס קלאַפּן פון די גרויסע בלעכערנע קעסלען, מיט וועלכע די באַדינערס פון דער אָפּטיילונג גייען אַרויס אין קיך, כדי צו ברענגען די מיטאָג־זופּ. א פערטל שעה שפּעטער הערט מען שוין פון קאָרידאָר א רעש. די באַדינער האָבן זיך שוין אומגעקערט מיט די שווערע און הייסע קעסלען.

דער קאַפּאָ עפנט איין קאַמער נאָך דער צווייטער. די אַרעסטירטע טרעטן אַרויס מיט זייערע שיסעלעך. א באַדינער גיסט אַריין מיט א גרויסן לעפל די זופּ יעדן אין זיין שיסעלע. די אַרעסטירטע קערן זיך אום אין זייער קאַמער און דער קאַפּאָ פאַרמאַכט הינטער זיי די טיר. דערנאָך עפנט ער א צווייטע קאַמער און עס הייבט זיך אָן אויפסניי דאָס פאַרטיילן פון דער זופּ. ביים פאַרטיילן די זופּ שטייט דער דייטשער וואַכמייסטער. ער גיט אַכטונג, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

## די וואַכמייסטערס

יעדע אָפּטיילונג האָט אירע צוויי דייטשע וואַכמייסטערס און יעדער דייטשער וואַכמייסטער האָט צו זיך צוגעטיילט אַן אוקראַינער אַלס זיין באַהעלפער. די דאָזיקע וואַכמייסטערס דערפילן גישט זייער דינסט צוזאַמען. זיי געהערן צו צוויי פאַרשידענע וואַכן און יעדן מעת לעת, ווען עס בייט זיך די וואַך אין דער תפיסה, בייטן זיך אויך די וואַכמייסטערס מיט זייערע באַהעלפערס, די אוקראַינער. דאָס בייטן זיך פון דער וואַך קומט פאָר אין פּאוויאַק טעגלעך זייגער צוועלף בייטאָג.

אונדזערע וואַכמייסטערס קענען מיר שוין גוט. קיין הידוש נישט. זיי לאָזן זיך גוט קענען. איינער האָט ביי אונדז א צונאָמען „שטשורעק". ווי אַזוי ער הייסט אויף זיין ריכטיקן נאָמען, ווייסן מיר נישט. דאָס איז אונדז אָבער גאַנץ גלייכגילטיק, ווייל וויכטיק איז בלויז דאָס, אַז דער דאָזיקער שטשורעק איז א סאַדיסט, טאַקע א סאַדיסט אין אמתדיקן זין פון וואָרט. אויסזען זעט ער אויס, ווי א שטשור, קליין, איינגעהויקערט און דאַר. זיין פּנים איז געל, זיינע אייגעלעך קליינע און פאַראַן איז אין זיי עפּעס א מאָדנער גלאַנץ, ווי ביי א קאַץ.

אַמאָל האָט ער פון אונדזער קאַמער אַרויסגערופן דעם קרומען

טשאריסקי, א יונגנמאן פון לאָדזש. וואָס פארא חטא טשאריסקי איז באַגאנגען, האָבן מיר נישט געוווּסט, אָבער פונדעסטוועגן האָט אים שטשורעק געהייסן לייגן זיך אויף א באנק און ער האָט אים מיט א גרויסער לעדערנער בייטש געשלאָגן מכות רצח. א צווייטער ארעסטירטער, א פּאָליאק, וועלכן שטשורעק האָט אוועקגעשטעלט צו אסיסטירן ביי דער דאָזיקער עקזעקוציע, האָט אונדז דערציילט, אז בעת דעם שלאָגן, איז שטשורעק דערגאנגען צום אָרגאזם, צו דער העכסטער מדרגה פון דער עראָטישער שפּאנונג.

צו יידן האָט זיך שטשורעק באצויגן מיט א באזונדערער שנאה. אזוי ווי ער איז געווען א הייסער חסיד פון דער היטלעריסטישער תורה, האָט ער שטאָל און אייזן געגלויבט אין אלצדינג, וואָס זי זאָגט וועגן יידן. שטשורעק איז גרייט תיכף ומיד צו דערשיסן אלע יידן, וועלכע ער האָט אין זיין רשות. ער וועט עס אפילו טון מיט גרויס ליבשאפט. ער דארף בלויז באקומען דעם באפעל. אזוי ווי ער האָט אָבער דעם באפעל נאָך נישט באקומען, איז ער זיך לעת עתה נוקם אין די יידן מיט וואָס ער קען נאָר. ער שלאָגט די יידן, ער באפעלט דעם קאפּאָ נישט צו געבן די יידן דאָס ביסל מארמעלאדע צום פרישטיק. ער הייסט די באדינער אָפּצוגיסן דאָס וואסער פון דער זופּ און געבן עס די יידן אויפן אָרט פון דער מיטאָג זופּ. שטשורעק איז א פּלייסיקער אויספירער פון דער יידן־אויסראָטונגס־תורה, וואָס דער הייליקער פירער האָט זי אלס מתנה געשענקט דעם אויס־געוויילטן הערן־פאָלק.

דער צווייטער דייטשער וואכמייסטער פון אונדזער אָפּטיילונג איז שוין א גוטער. דאָס הייסט א גוטער אין פארגלייך מיט שטשורעקן. דער דאָזיקער וואכמייסטער פון דער צווייטער וואך הייסט אלפמאן. ער רעדט א גוטן יידיש און פּויליש. ער איז א פאָלקס־דייטש פון לאָדזש, וואָס האָט זיך פון זיין יוגנט אָן דערצויגן צווישן יידן. מיט יידן וויל ער אנדערש נישט רעדן ווי נאָר יידיש. אז עס טרעפט זיך א ייד, וואָס קען נישט קיין יידיש, אָדער ער טאָר זיך נישט פאררעטן, אז ער איז א ייד און דערפאר וויל ער זיך נישט מודה זיין, אז ער קען די שפּראך, דעמאָלט ווערט אלפמאן שטארק אין כעס.

אמאָל האָבן מיר געהאט א געלעגנהייט צוצוקוקן זיך, ווי אלפמאן

האָט ביז חזקה פאַרטיידיקט די יידישע שפּראַך. געזעסן איז אין אונדזער קאַמער א געוויסער פראַנק, א פּוילישער מאַיאָר, וואָס האָט געשטאַמט פון יידן. אַלפּמאַן האָט דעם דאָזיקן פראַנק עפּעס א פראַגע געטון אויף יידיש און פראַנק האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע, ווייל ער האָט באמת נישט געקענט קיין יידיש. אַלפּמאַן האָט נישט געגלויבט פראַנקן, אז ער קען נישט די שפּראַך, ער איז אריינגעפאַלן אין כעס און געוואָרפן זיך אויף פראַנקן שלאָגן אים. אַלפּמאַן האָט פראַנקן געוואָרפן אויף דער ערד, געטרעטן אים מיט די פיס און בעת מעשה געשריגן אויף יידיש:

— דיין איינענע מוטערשפּראַך ווערסטו פאַרלייקענען?

טראָץ דעם איז אַלפּמאַן געווען נישט קיין שלעכטער וואַכמייסטער. אויף יעדן פאַל האָט ער אונדז באהאַנדלט נישט ערגער ווי די נישט יידן. בשעת זיין דינסט האָבן מיר באַקומען אַלץ, וואָס עס האָבן באַקומען די איבעריקע אַרעסטירטע, די פּאָליאַקן. ער האָט נישט געשלאָגן און אָפּט האָט ער אפילו אַרויסגעוויזן צו יידן א ביסל רחמנות־געפיל.

## קאָמבינאַציעס

אין פּאַוויאַק האָט דער אויסדרוק „קאָמבינירן” געהערט צו די סאַמע פּאָפּולערסטע. קאָמבינירן האָט געהייסן אויפטון עפּעס אַזעלכעס, א דאַנק וואָס מען קען זיך לכל הפּחות אויף א קורצע צייט פאַרבעסערן די לאַגע. צו באַקומען א צווייטע שיסל זופּ האָט געהייסן „אויסצוקאָמבינירן” א צווייטע שיסל זופּ. אָדער אריינצובאַקומען זיך אין דער גרופּע, וואָס איז געגאַנגען אַרבעטן אויף די זיבעטע אָפּטיילונג, וווּ דער קאַפּאָ איז געווען אַן אַנשטענדיקער פּאָליאַק און האָט געגעבן די יידישע אַרבעטער גוט זיך אָנצועסן, האָט אויפן פּאַוויאַק־לשון געהייסן: „אויסצוקאָמבינירן די אַר־בעט אויפן זיבעטער”.

אין אונדזער טאָגטעגלעכן תּפיסה־לעבן האָט די פּעאיקייט צו קאָמ־בינירן געשפּילט א געוואַלדיקע ראָלע. א דאַנק איר האָט זיך דער אומ־גליקלעכער אַרעסטירטער אָפּט געקענט פאַרלייכטערן זיין גורל.

קיין קאָמבינאַטאָרן האָבן אין אונדזער קאַמער נישט אויסגעפעלט. אין די טעג פון שטשורעקס וואַך פלעגט זיך טשאַריסקי, א האַלבע שעה

פאַרן טײלן דעם מיטאָג, אַװעקשטעלן בײ דער טיר מיט זײַן שיסעלע אין דער האַנט. טשאַריסקי האָט געהאַלטן, אַז דער ערשטער לעפל זופּ איז דער געדיכטעסטער. דערפאַר װאַרט ער בײ דער טיר אַזױ לאַנג, ביז מען װעט אָנהײבן טײלן דעם מיטאָג. װען דער קאַפּאָ טוט אַ פּראַל אױף די טיר און שרײַט אױס: — אַרױסגײן נעמען די זופּ — שטײט שױן טשאַריסקי מיט זײַן קרומען פּוס דער ערשטער בײַם קעסל. ער עסט טאַקע דעם ערשטן לעפל זופּ און זאָל זי אים װױל באַקומען.

דאַקעגן שטײגט סאַלעק טענענבױם מיט זײַנע קאָמבינאַציע־פּעאַי־קײטן שטאַרק איבער טשאַריסקין. ער שטופּט זיך נישט דער ערשטער צום קעסל מיט דער זופּ, ער זוכט צו מאַכן בעסערע געשעפטן. סאַלעק איז פון פאַך אַ קעלנער, יאָרן לאַנג געאַרבעט אין אַ קלײנעם רעסטאָראַן ערג־געצװױ אױף װאָלאַ. געהאַט שטענדיק צו טון מיט אונטערװעלט־מענטשן, איז גוט באַהאַװנט מיט כלערלײ מינים פון שפּעקולאַציעס. ער איז אַ קלײנער, אַ שװאַרצער און זאָגט װעגן זיך, אַז ער איז אַ בעל מוח, אַ חכם. אַז מען קומט רופן צו עפּעס אַן אַרבעט, װײסט ער שױן אױפן קוק פאַר־אױס, צי די אַרבעט װעט זײַן אַ שלעכטע, אַ שװערע, װאָס מען װעט בײ איר באַקומען שמיץ, צי אַ גוטע, װאָס מען װעט בײ איר באַקומען אַ שטיקל ברױט אָדער גאָר נאָך עפּעס בעסערס.

װען סאַלעק דערשנאַפּט, אַז די אַרבעט, צו װעלכער מען רופט איצט, איז אַ גוטע, לױפט ער דער ערשטער זיך צו מעלדן. ער קוקט נישט דערױף, אַז עס פאַלט איצט נישט אױס זײַן רײ. סײ װי שטערט אים קײנער נישט, װײַל די איבעריקע אײַלן זיך נישט צו גײן צו דער אַרבעט. מען װײסט דאָך נישט, װעלכע סורפּריזן זי װעט ברענגען. כמעט פון יעדער אַרבעט ברענגט זיך סאַלעק עפּעס צו עסן. אַנומלט האָט ער אַפילו געבראַנגט אַ גאַנץ ברױט און אַ פּושקע שמאַלץ. סאַלעק געהערט נישט צו די מענטשן, װאָס טײלן זיך מיט עמעצן. ער האָט זיך אײנער אַלײן אַװעקגעזעצט אין אַ זײַט און האָט זיך אַזױ שטאַרק אָנגעגעסן, אַז זײַן מאָגן האָט עס שױן נישט געקענט פאַרטראָגן. נאָכן עסן איז סאַלעק אַ גאַנצע נאַכט נישט אַראָפּגעקראָכן פון עמער. מיר, זײַנע מיטװױנער, זענען פּשוט געװען אומ־גליקלעך. די לופט איז אין קאַמער סײ װי געװען אַ שלעכטע, און איצט

נאָך, ווען דער עמער איז א גאנצע נאכט געשטאנען אן אויפגעדעקטער און סאלעק איז פון אים נישט אראָפּגעקראָכן.

אמאָל האָט זיך מיר געטראָפן, אז איך בין צוזאמען מיט סאלעקן ארויסגעגאנגען צו אן ארבעט. גערופן האָט אונדז דעמאָלט אלבערטס, א געשטאפּאָ־אָפיציר פון דער תפיסה־קאנצעלאַריע. אלבערטס האָט אונדז ביידע אריינגעפירט אין גאראזש, וואָס איז אין יענער צייט באַנוצט געווען פאר א מאגאזין פון מלבושים און שיך נאָך די דערשאָסענע קרבנות. סאלעק איז שוין געווען באהאוונט מיט דער ארבעט ביי די מלבושים און איך האָב געדארפט דאָרט ארבעטן פאר זיינעם א באהעלפער. אלבערטס האָט מיט אונדז נישט גערעדט קיין איינציק וואָרט, אריינגעלאָזט אונדז אין גאראזש, פארמאכט אונדז אויף א שלאָס און אוועקגעגאנגען. איצט האָט מיך סאלעק געלערנט די ארבעט.

— דו דארפסט —האָט ער צו מיר געזאָגט— ארויסנעמען יעדעס שטיקל פונעם זאק, גענוי דורכזוכן, צי עס איז דאָרט עפּעס נישטאָ. אלץ, וואָס דו וועסט געפינען אין די קעשענעס, זאָלסטו ווארפן אויף איין הויפן, דערנאָך זאָלסטו יעדע זאך ווארפן אויף א באזונדער הויפן. באזונדער הויזן, באזונדער העמדער, רעקלעך און אזוי ווייטער.

איך בין געשטאנען א צעמישטער. צום ערשטן מאָל האָב איך מיך דעמאָלט געהאט געטראָפן מיט די זאכן פון די דערשאָסענע מענטשן.

— דאָס זענען יידישע זאכן — האָב איך געטראַכט און מיר האָט זיך געדאכט, אז אין די דאָזיקע זעק, וואָס ליגן אויף דער בעטאָנענער פּאדלאָגע פון גרויסן גאראזש, געפינען זיך לעבעדיקע מענטשן, פארפּייניקטע נשמות, וואָס קלאָגן אויף זייער שרעקלעכן גורל.

— וואָס טראַכסטו אזוי – האָט מיך סאלעק צוגערופן— קענסט זיין צופרידן. עס איז א גוטע ארבעט. דער עיקר א לייכטע און חוץ דעם געפינט מען תמיד עפּעס אין די קעשענעס. דו וועסט געפינען א סך ברויט, נעם זיך שנעל צו דער ארבעט.

מעכאניש האָב איך מיך גענומען צו דער ארבעט, אָבער וועגן ברויט האָב איך לגמרי נישט געטראַכט. אין יענעם מאָמענט וואָלט איך אפילו נישט געקענט צעקייען דאָס ברויט. עס וואָלט מיר נישט דורכגעגאנגען דורכן האלדז. דאָך האָב איך געטון מיין ארבעט.

אין א קעשענע פון עפּעס א רעקל האָב איך געפונען א באַנקשיין פון צוואַנציק אַמעריקאַנישע דאָלאַרן. סאַלעק האָט עס דערזען און אויס־געשטרעקט צו מיר די האַנט.

— גיב עס אַהער.

— וואָס ווילסטו דערמיט טון? — האָב איך אים געפרעגט.

— דאָס מוז מען אָפּגעבן אַלבערטסן.

— וואָס פעלט דיר אויס, ווילסט רייכער מאַכן א מערדער, ער האָט שוין סיי ווי גענוג.

— הכלל, וואָס ווילסטו טון?

— צעריים עס — האָב איך געזאָגט — תיכּף צערייס עס אויף פּיצלעך.

— און אַז מען וועט געפינען די צעריסענע שטיקלעך — האָט סאַ־לעק מורא געהאַט.

אָבער איך האָב שוין נישט געהערט, וואָס סאַלעק האָט געזאָגט. געריסן האָב איך דעם באַנקשיין אויף שטיקלעך. אויסגעלאָזט צו אים מיין פאַרביטערט האַרץ. דערנאָך האָב איך די שטיקעלעך אַרונטערגע־וואָרפן ערגעץ אין א ווינקל אונטער א הויפן שמאַטעס. איך האָב געפילט, אַז מיין האַרץ איז אַביסל געקילט.

איך האָב מיך שוין גענומען צום לעצטן זאַק. א קליינער זאַק, ביז אין דער העלפט א פולער. איך האָב אַריינגעשטעקט די האַנט אין זאַק און אַרויסגעשלעפּט א קליין קליידעלע. עס איז געוועזן פון א גרינעם קאָליר, פון א מיידעלע פון פינף אָדער זעקס יאָר.

אין מיר האָט אויפגעציטערט דאָס האַרץ. פאַר מיינע אויגן איז פּלוצים אַרויסגעשוווּמען א שרעקלעך בילד. דייטשע און אוקראַינישע פּאָ־ליציי־לייט פירן א המון מענטשן. עס זענען ס׳רוב פרויען און קינדער. די פרויען שרייען און די קינדער וויינען. די פּאָליציי־לייט שלאָגן זיי מיט גרויסע שטעקנס איבער די קעפּ, איבער די פּלייצעס און אומעטום, וווּ עס לאָזט זיך נאָר. צווישן דעם המון איז אויך געוועזן א קליין מיידעלע, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטון דאָס קליידעלע, וואָס איך האַלט איצט אין מיין האַנט.

— וואָס שטייסטו ווייטער א פארטראכטער —האָט מיך סאַלעק געוועקט— באַלד וועט ער קומען, מיר מוזן ענדיקן.

— איך קען נישט ווייטער — האָב איך געענטפערט, און דאָס בילד איז מיר אַלץ נאָך געשטאַנען פאר די אויגן — סאַלעק, איך בעט דיך, מאַך עס שוין אַליין.

עס ווייזט אויס, אז סאַלעק האָט מיך דעמאָלט גוט באַטראַכט, ווייל ווען מיר זענען שוין געווען צוריק אין קאַמער, האָט ער פאר א גרופּע אַרעסטירטע דערציילט וועגן מיין פאַרהאַלטן זיך. ער האָט געהאַלטן, אז איך בין געווען בלייך ווי א מת און ער האָט מורא געהאַט, אז אָט אָט פאַל איך אום. — אזא שוואַכקייט —האָט זיך סאַלעק געוווּנדערט— פּאַסט אפילו נישט פאר א מאַנסבאַרשוין. מען טאָר זיך נישט איינברעכן.

די אַרעסטירטע האָבן שטילערהייט אויסגעהערט סאַלעקס דערציילונג. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט שוין קיינער נישט איבערגעריסן די שטילקייט. אפילו די צוויי יינגלעך, מיכאַלעק און מאַרדעקס, וואָס האָבן געהאַט א טבע שטענדיק זיך ארומצוריסן, האָבן זיך אריינגעשאַרט אין די ווינקעלעך און זענען געבליבן שטיל. עס איז געווען א שטילקייט פון א בית עולם.

— דאָ האָסטו דיין ברויט — האָט מיר סאַלעק צוגערוקט די שטיקלעך ברויט, וועלכע ער האָט געפונען אין די קעשענעס פון די בגדים פון די דערשאָסענע מענטשן.

— איך וויל עס נישט —האָב איך געענטפערט— דו קענסט עס נעמען פאר זיך.

## שנעלער... שנעלער...

דער זייגער האָלט שוין נאָך זעקס פאַרנאַכט. פון אונדזערע קעלער פענסטערלעך זעט מען שוין נישט קיין זון. בלויז איין שטראַל פון איר, א שטראַל פון גאָלד, צוזאַמענגעמישט מיט א בלוטיקער רויטקייט האָט זיך אריינגעגנבעט אין אונדזער לאָך אריין. ער האָט געבלאָנדזשעט איבערן ווינקל פון צווישן די צוויי ווענט, וואָס געפינען זיך אנטקעגן די פענסטערלעך. ער האָט לאַנגזאַם געוואַנדערט איבער דער וואַנט פון אונטן ביז

ארויף צום באלקן. דאַן האָט ער זיך וואָס אמאָל מער פאַרקלענערט, ביז ער האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער טונקלקייט פונעם קעלערדיקן בין השמשות.

פון קאָרידאָר הערט זיך אַ גרויסער רעש. שווערע טירן ווערן אויפֿגעפּראַלט, קולות און רופעניש: „פּרענדקאָ, פּרענדקאָ" און אויף דייטש „שנעל, שנעלער". דערנאָך פּלעכט זיך אין די דאָזיקע קולות אַריין אַן אָפּקלאַנג פון טריט פון אַ המון לויפנדיקע מענטשן. זיי לויפן גיך, פּונקט ווי עמעץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. דאַן דערווייטערן זיך שוין די קולות, עס ווערט שטיל אויף אַ קורצע צייט. נאָך צוויי מינוט הערט מען ווידער דעם אָפּקלאַנג פון לויפנדיקע טריט פון דעם זעלבן המון מענטשן, וואָס קערן זיך שוין אום. דער ווילדער געשריי „שנעלער, שנעלער" יאָגט זיי נאָך, זיי לויפן אַריין אין אַ קאַמער און די שווערע טיר פאַרמאַכט זיך הינטער זיי מיט אַ קלינגענדיקן קלאַפּ פון אייזערנע קייטן.

באַלד פּראַלט זיך אויך ביי אונדז אויף די טיר, דער קאַפּאָ רופט אויס:

— אָבורקאַ!

מיר קענען שוין גוט דעם טייטש פון דעם דאָזיקן וואָרט. מיר ווערן איצט אַרויסגעלאָזט אין בית הכסא. מיר זענען שוין צוגעגרייט צום אַרויסלויפן. צוויי פון צווישן אונדז, אויף וועלכע עס פאַלט היינט פּונקט אויס די ריי, טראָגן דעם שווערן אָנגעפולטן עמער. די איבעריקע לויפן מיט זייערע שיסעלעך אין די הענט.

— שנעלער... שנעלער...

מיר לויפן איינער איבערן צווייטן דורכן לאַנגן קאָרידאָר. אין סאַמע מיטן פונעם קאָרידאָר שטייט דער אוקראַיִנישער וואַכמייסטער מיט אַ גרויסער בייטש. ווען מיר מיידן אים אויס, שלאָגט ער מיט דער דאָזיקער בייטש יעדן, וואָס קומט אים אונטער דער האַנט. דערביי שרייט ער מיט אַ חיהשער שטימע אויף אַ לעכערלעך אויסגעצויגענעם דייטש:

— שנעלער... שנעלער...

ווי אַ ווינט יאָגן מיר דורך דעם קאָרידאָר און אונדזערע צוויי חברים מיטן שווערן עמער באַמיען זיך צו האַלטן מיט אונדז דעם טריט. עס קומט זיי שווער אָן, אָבער זיי טאָרן נישט בלייבן הינטער אונדז, ווייל אויב זיי וואָלטן געבליבן, וואָלטן זיי באַקומען שמיץ פונעם וואַכמייסטער.

איצט לויפן מיר שוין אריין אין די „אבורקע". איטליכער האט נאך אויף וועג אויפגעקנעפלט די הויזן. אין דער „אבורקע" זענען פאראן צוויי ענגלי־שע קלאזעט־מושלען און חוץ זיי שטייען דארט צוגעגרייט עטלעכע עמערס און פשוטע טעפ. בסך הכל קענען זיך אויף די אלע צוגעגרייטע כלים זעצן נישט מער ווי צען מענטשן, די איבעריקע שטייען נעבן די זיצנדיקע. זיי ווארטן, ביז די זיצנדיקע וועלן אויפשטיין, כדי צו פארנעמען זייערע פלעצער.

דער „פאן אבורקאווי" איז דער באד־נער פונעם בית הכסא. א פוילישער ארעסטירטער, וועלכן דער וואכמייסטער האט אויסגעוויילט פאר דער דאזיקער ארבעט. עס איז טאקע א מיאוסע ארבעט. צו די פליכטן פונעם „אבורקאווי" געהערט דאס רייניקן דעם בית הכסא, דאס ארויס־גיסן די צען עמערס און טעפ. די ארעסטירטע פילן זיך אבער גליקלעך, ווען מען ווײלט זיי אויס, זאל שוין זיין צו דער דאזיקער מיאוסער ארבעט. דער „אבורקאווי" ווערט שוין אריינגערעכנט צווישן די „פונקציעס". ער זיצט נישט אין קיין פארמאכטער קאמער. ער איז אין דער אפענער דינסט־קאמער און דארט איז שוין דאס לעבן באקוועמער און דאס עסן בעסער.

איבער אונדז האט דער „אבורקאווי" אן אומבאגרענעצטע מאכט. דאס, פארשטייט זיך, איז בלויז במשך פון דער צייט, ווען מיר געפינען זיך אויף זיין טעריטאריע, אינעם בית הכסא. דעמאלט ווען מיר לויפן אהין אריין, שטייט ער שוין מיט זיין בייטש. ער שרייט אומאויפהערלעך:
— שנעלער... שנעלער...

די גאנצע „אבורקע"־צייט פאר אונדז אלע טאר נישט דויערן מער ווי צוויי מינוטן. במשך פון דער דאזיקער צייט מוזן מיר אויסגיסן און אויסשווענקען דעם גרויסן עמער, וועלכן מיר האבן מיט זיך מיטגעברענגט. מיר מוזן מיט ריינעם וואסער אנפילן אונדזערע שיסעלעך, כדי צומארגנס זאלן מיר האבן מיט וואס זיך ארומצוואשן. בסך הכל קענען אויף איין מאל נישט זיצן מער, ווי צען ביז צוועלף מענטשן, פאלט אויס אויף איינעם צו זיצן נישט מער, ווי העכסטנס א האלבע מינוט. דער אבורקאווי גיט אכטונג, אז קיינער זאל טאקע לעננער נישט פארנעמען דעם פלאץ. עס קען זיך טרעפן, אז עמעץ איז קראנק און ער מוז אפזיצן א ביסל לענגער. דער אבורקאווי וויל דערפון אפילו נישט הערן. צו א לאנגזיצנדיקן שרייט ער:

— שנעלער... שנעלער... און בעת דעם שרייען שלאָגט ער אים מיט דער בייטש אזוי לאנג, ביז דער ארעסטירטער שטייט אויף און אנטלויפט.

די „אבורקע" איז געווען א וועטגעלויף צווישן א מבול ווילדע, חיה־שע געשרייען. א קאָשמאַרדיקער טייוואָלאָנישער חלום. פאר יעדן פון אונדז איז דעמאָלט געווען אן אומדערגרייכבארער חלום, צו מעגן פריי אוועק־זעצן זיך אין א קלאָזעט און דווקא אָפּזיצן דאָרט אזוי לאנג, ווי אים וואָלט זיך געגלוסט.

די לעזער זאָלן מיר מוחל זיין די דאָזיקע אביסל אפשר טריוויאַלע דיטגרעכיע. זי איז אָבער נויטיק געווען, כדי עס זאָל אָפּגעשפיגלט ווערן דאָס פולע בילד פון אונדזערע לעבנסבאדינגונגען אין יענעם גיהנום, וואו עס האָט מיט אן אומבאגרענעצטער מאכט געהערשט דער רעזשים פון „שנעלער... שנעלער..."

## מיר זענען „העפטלינגע"

מיר האָבן זיך שוין אומגעקערט פון דער „אָבורקע". ווידער זענען מיר אין אונדזער קאמער הינטער דער פארהאקטער טיר. מיר שטייען אין צוזאַמענגעפּרעסטע קופּקעלעך. מיר אָטעמען שווער, ווייל מיר זענען אָפּ־געמוטשעט פון לויפן. א טייל פון אונדז האָט באקומען געשלאָגן מיט בייטשן. דער אלטער יוזשוויאק (זיין אמתן יידישן נאָמען קענען מיר נישט, נאָר דאָס האָט דאָך נישט קיין שום באדייטונג) האָט געכאַפּט א שטאַרקן קלאַפּ מיט דער בייטש איבערן קאָפּ. איבער זיין שטערן לענגאויס פון איבערן רעכטן אויג ביז צום שארבן־צו ציט זיך א רויטער לאנגער צייכן, וואָס ווערט וואָס אמאָל טונקעלער און באקומט א בלויעכן קאָליר.

יוזשוויאק איז א ייד ביי די זיבעציק. ער האָט א קאָפּ גרוי ווייסע האָר. בכלל איז ער נישט ענלעך צו קיין ייד. יאָרן לאנג געווען א דירעקטאָר פון א גרויסער אסעקוראציע געזעלשאפט. ער איז אפשר א ביסל אסימי־לירט, דאָך אָבער האלט ער זיך פאר א ייד. אין די צרות האָט זיך אין אים פארשטארקט דער גלויבן אין גאָט. צוויי מאָל טעגלעך פארפעלט ער נישט איצט אין דער תפיסה־קאמער דאָס דאווגען. ער דאווגט בשתיקה איינער

אליין פאר זיך, אָבער מיר באמערקן גוט די שנעלע באוועגונגען פון זיינע ליפּן און דעם באגייסטערטן אויסדרוק פון זיינע אויגן.

יוזשוויאק גלייבט נישט, אז דייטשן זאָלן אויספירן מאָרדן איבער יידן, איבער אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט געזינדיקט קעגן קיי־נעם. שטאָל און אייזן האלט ער, אז אלע יידן, וועלכע די דייטשן האָבן אוועקגעפירט, לעבן. זיי געפינען זיך ערגעצוואו ביי אן ארבעט און נאָכן פארענדיקן זיך פון דער מלחמה וועלן זיי אלע בשלום זיך אומקערן אין זייערע היימען.

די דאָזיקע איינרעדענישן פון אלטן יוזשוויאק האָבן געהאט זייער יסוד אין זיין טיף איינגעוואָרצלטער אמונה, אינעם גלויבן אין גאָטס גרוי־סער מאכט איבער דער וועלט. ווייל גאָט וועט דאָך קיין מאָל נישט דער־לאָזן, אז אן אומשולדיק און שוואך מענטשלעך באשעפעניש, ווי צום ביי־שפּיל א קינד, זאָל ווערן אזוי אומגערעכט באעוולט.

איצט שטייט יוזשוויאק אין מיטן פון דער קאמער. ער גלאָצט עפּעס מאָדנע מיט די רויטע מיט בלוט פארגאָסענע אויגן און לייגט זיך צו א נאס טיכעלע צום קאָפּ. בעת מעשה קרעכצט ער שטילערהייט צו. די וווּנד פארשאפט אים ווייטיק, אָבער איך בין אים חושד, אז נאָך מער יסורים האָט ער דערפון, וואָס דער ענין מיטן קלאפּ האָט אין אים צעשטערט דעם גאנצן בנין פון זיין ביז איצטיקן גלויבן.

דעם קלאַפּ האָט ער נישט באקומען פון קיין דייטש און אויך נישט פון קיין אוקראינער. באקומען האָט ער אים דווקא פונעם פּאָליאַק, פונעם „אַבורקאָווי", וועלכער איז דאָך אויך נישט מער ווי אן ארעסטירטער. על פּי שכל און על פּי יושר דארף דאָך דער דאָזיקער פּאָליאַק זיין א פריינט און נישט קיין שונא.

צום ערשטן מאָל איז איצט יוזשוויאק מסופק אין זיין גלויבן. דער יסוד פון דעם דאָזיקן גלויבן האָט זיך א שטארקן וואקל געטון. אויב א חבר, אן ארעסטירטער, האָט אים, יוזשוויאקן, א זקן, געוואגט אזוי מער־דערלעך צו שלאָגן בלויז צוליב דעם, וואָס ער איז נישט געווען בכוח צו דער רגע אויפצושטיין פון בית הכסא, טאָ וואָס פארא טענות קענען מיר גאָר האָבן צו די דייטשן, צו די אָפענע שונאים?

יוזשוויאק לייגט זיך צו דאָס נאסע טיכל צום קאָפּ, ער קרעכצט און

בעת מעשה טראכט ער. דערוויל אָבער לויפט ארום איבער דער קאמער דער כלומרשטער אריער הערמאן. ער איז שטארק אויפגערעגט, ער באַמערקט אפילו נישט, אז מיט די גיכע באוועגונגען פון זיין ברייט צעוואקסענעם גוף מאכט ער פונאנדערשטופן די אין די קופקעלעך שטייענדיקע חברים. הערמאן האלט אין איין קלאָגן איבער יוזשוויאקס אומגליק.

— יעזוס מאריא! —שרייט ער— וואָס פארא פאָלק איז דאָס? זענען דען דאָס פאָליאקן? א מיטבירגער, א חבר צו שלאָגן. דאָס איז אומדערהערט. א בושה און א חרפה פאר אונדז פאָליאקן. מאקע פארן גאנצן פאָלק.

פלוצים לאָזט זיך הערן פון קאָרידאָר דאָס קלינגען פונעם גלעקל און תיכף דערנאָך רופט א נידעריק מענעריש קול:

— גרייט זיך צום א—א—פע—ע—ע—ל!

מיר פארלירן נישט קיין איין מינוט, ווייל מיר געדענקען, אז די וואך האלט היינט שטשורעק. מיר שטעלן זיך אויס לויט דעם געוועגלעכן סדר אין דריי שורות. קאזיק דער סטאראסטע שטעלט זיך אוועק פאר דער ערשטער שורה, מיר זענען שוין גרייט.

מיר ווארטן נישט לאנג. די טיר עפנט זיך. עס קומט אריין דער קאפא. שטשורעק שטייט ביי דער שוועל. צו די יידן גייט ער נישט אריין, ווייל ער האָט מורא צו פארברודיקן זיך דורך א צו נאָענטן קאָנטאקט מיט די „שמוציקע יודן”. דאָך אָבער קען ער זיך נישט אָפּהאלטן פון מאכן א בייזוויליקע באמערקונג.

— ווי געט עס אייך, יודען, אין אויערעם קעפיג — שרייט ער צו אונדז אויס פון דער שוועל מיט א מאָדנע ווילד לאכן.

מיר ענטפערן אים נישט, נאָר קאזיק דער סטאראסטע מעלדעט אויף א געבראָכענעם דייטש:

— הער וואכמייסטער, איך מעלדע געהאָרזאמס, צעללע נומער צוויי הונדערט אכט אונד פינפציק, אכט אונד צוואנציק העפטלינגע, אלע אַנוועזנד.

— ווי אזוי מעלדעסטו —שרייט שטשורעק— נישט העפטלינגע, נאָר יידן. פארשטייסטו, הונט! איר זענט יידן. נאָך אמאָל פון אָנהייב — האָט שטשורעק קאָמאנדעוועט.

אין דעם איז באשטאנען אונדזער קאמף, וועלכן מיר האָבן שוין

## די רוצחים פון פאוויאק פארווײלן זיך...



דער ערשטער לינקס איז קורט נאָוואָטני, דער מערדער פון די זיבן פון קעסלרוים. די פרוי איז די וואכמייסטערקע מארושא, וועלכע איז דערשאָסן געוואָרן נאָך דער באפרייאונג פוןווארשע

זינט א לענגערער צייט נעפירט קעגן שטשורעקן. אויף א רעכטן אמת זענען מיר טאקע געווען העפטלינגע. מיר האָבן נישט געוואָלט זיך לאָזן בארויבן פון אונדזערע רעכט פון העפטלינגע. כמעט ביי יעדן אפעל, וועלכן שטשורעק האָט איבערגענומען, איז געקומען צו דער זעלבער סתירה. קאזיק האָט שטענדיק געמאָלדן „העפטלינגע" און שטשורעק האָט פארבעסערט „יידן און ציגיינער". ווען שטשורעק האָט זיך געאיילט אָדער ער איז געווען אין א בעסערער שטימונג, האָט ער זיך באגנוגנט מיט בלויז פארבעסערן און האָט זיך אָפּגעטראָגן. עס זענען אויך פאָרגעקומען פאלן, אז ער האָט זיך דערזוויטערט, נישט מאכנדיק וועלכע עס איז באמערקונג.

אָבער היינט איז שטשורעק געווען עפּעס באזונדערס צערייצט. מיר האָבן עס באמערקט שוין דעמאָלט, ווען ער איז פאר אונדז דערשינען. בחוש האָבן מיר געפילט, אז איצט וועט קומען צו א צוזאמענשטויס.

איז נאָכדעם, ווי שטשורעק האָט באפוילן נאָכאמאָל צו מעלדן, האָט זיך קאזיק נישט גערירט פון אָרט און נישט אויפגעמאכט דאָס מויל.

שטשורעק איז אריין אין צאָרן.

— וואָס — האָט ער געשריגן און בעת מעשה דערנענטערט זיך צו קאזיקן.

קאזיק איז אויף זיין אָרט געשטאנען אָן אויסגעגלייכטער, ווי נישט אים מיינט מען דאָס.

— וועסטו מעלדן? — האָט אים שטשורעק די פראגע אריינגעשריגן אין פּנים אריין.

— מיר זענען העפטלינגע — האָט אים קאזיק רואיק געענטפערט.

עס האָט זיך דערהערט א הילכיקער פאטש און דערנאָך נאָך א צווייטער. קאזיק איז א פארדרויטלטער אויפן פּנים ווייטער געשטאנען אָן אויסגעגלייכטער אויף זיין אָרט. שטשורעק האָט זיך ארומגעקוקט נאָך א בייטש. צום גליק אָבער האָט ער זי נישט געהאט ביי זיך. אָן אויפגעקאָכטער איז ער ארויסגעלאָפן פון דער קאמער. דער קאפּאָ האָט פארהאקט די טיר.

שטשורעק איז במשך פון יענעם אָוונט מער צו אונדז נישט צוריקגעקומען. ביי די שפּעטערדיקע אפּעלן האָט אים קאזיק ווידער געמאָלדן „העפטלינגע". שטשורעק האָט שוין אָבער דערויף נישט מער רעאגירט.

מסתמא האָט ער ביי זיך שוין שלום געמאכט מיטן געראַנק, אַז יידן קענען אויך ראוי זיין צו דערגרייכן דעם כבוד צו זיין „רעפּטלינגע" ביי די דייטשן.

* * *

דער אפּעל האָט פּארענדיקט דעם טאָג אין תפיסה. דערנאָך האָט שוין ארום אונדז געהערשט א שטילקייט. עס איז געווען די שטילקייט פון א פּאוויאקער פינצטערער נאכט, במשך פון וועלכער די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איר מאכט, זענען אָנגעוויזן געווען צו בלייבן אליין מיט זייערע געדאַנקען. במשך פון אזא פינצטערער און שלאָפלאָזער נאכט, ווען דער ארעסטירטער איז מיט אָפענע אויגן געלעגן אויף זיין הארטן און עפּושדיקן געלעגער, האָט ער אין זיינע געדאַנקען נאָכאמאָל פונעם אָנהייב איבערגעלעבט דעם גאנצן קאָשמאר פון זיין לאַגע.

במשך פון יענע פינצטערע נעכט זענען אין די מוחות פון א טייל געבוירן געוואָרן די סאמע ווילדסטע פּלענער פון רעוואָלט. עס האָט זיך אויך אָנגעצונדן דאָס קליינע פינקעלע פון האָפענונג, וואָס האָט זיך אָפּט צעוואקסן אין א פייער פון טאט און העלדישקייט. במשך פון די זעלבע נעכט האָט די אנדערע באהערשט דער יאוש, דער געפערלעכסטער שונא פון ארעסטירטן, וואָס ווען דער ארעסטירטער איז שוין דורך אים באהערשט געוואָרן, איז ער שוין געטריבן געוואָרן צום סאמע קבר.

יענע פינצטערע נעכט האָבן מיר שטיל אונטערגעזאָגט דעם געדאנק, אַז איך וועל פון דאַנען נאָך ארויס א לעבעדיקער. ווען איך האָב אָבער מיטן ניכטערן שכל דורכגעטראכט דעם דאָזיקן געדאנק, איז קלאָר געווען, אַז עס איז נישט מער ווי א שיינער חלום. מסתמא האָט דעמאָלט חוץ מיר נאָך עמעץ פון מיינע חברים געשפּינט דעם דאָזיקן שיינעם חלום פון בלייבן לעבן און זיין פריי. ליידער האָבן זיך כמעט ביי קיינעם פון מיינע מיט־ארעסטירטע פון דער קאמער 258 נישט פאַרווירקלעכט זייערע חלומות, ווייל כמעט איינער אליין בין איך פון צווישן יענער גרופּע מענטשן געבליב, א לעבעדיקער.

# זעקס יידישע בעדער

## איך גיי ארבעטן

אין א זונטיקדיקן נאָכמיטאָג זענען צו אונדז אין קאמער אריינגעקומען עטלעכע געשטאפּאָווצעס. מיט א טומלדיקן רעש, מיט ווילדע געשרייען זענען זיי צו אונדז אריין, האָבן צעשלאָגן עטלעכע ארעסטירטע און געהייסן אונדז אלע ארויסגיין אין קאָרידאָר און אויסשטעלן זיך אין א ריי.

— דער סוף — האָבן מיר זיך צוגעזעגנט איינער דעם צווייטן.

יאָ, עס איז נישט אנדערש, ווי דאָס. איצט האָט שוין פאר אונדז אלעמען אויסגעשלאָגן די לעצטע שעה. מען נעמט אונדז אװעקצופירן צום טויט.

די געשטאפּאָווצעס האָבן יעדן באזונדער ארויסגערופן פון דער ריי און געשטעלט אים א פראגע:

— וואָס איז דיין פאך?

ניי דערציילן אים, וואָס פארא פאך האָט א ייד. אזוי ווי מיר האָבן אָבער געהערט, אז שוסטערס און שניידערס נעמט מען אריין אין דער גרופּע פון יידישע פאכלייט, וואָס געפינט זיך אויף דער פּערטער אָפּטיילונג פון דער תפיסה, האָבן מיר געטראכט, אז יעדנפאלס איז גוט אָנצוגעבן זיך פאר איינעם פון די צוויי מינים פאכלייט. אפשר וועט דאָס ראַטעווען פון טויט? און אפשר וועט מען זיך אויף אזא אופן אריינבאקומען צווישן דער גרופּע פון די יידישע פאכלייט.

די ארויסגערופענע האָבן געמאָלדן זייערע פאכן. מיכאלעק האָט זיך אָנגעגעבן אלס קאמאשנמאכער, מארדעקס אלס שניידער, ודאווינסקי, א יונגער אינזשיניער, האָט געמאָלדן, אז ער איז א שלאָסער. די עלטערע לייט האָבן נישט געקענט די מלאכה פון זאָגן ליגן. סעגאלאָוויטש, א זיבעציקיעריקער ווארשעווער אינזשיניער, וואָס איז פארן קריג געווען דער פארמרעטער פון די צייס־ווערקן, האָט געזאָגט דעם אמת וועגן זיין פאך. יוזשוויאק איז שוין דעמאָלט געווען פולשטענדיק צוזאמענגעבראָכן. עס האָט געמאכט דעם איינדרוק, ווי קיין זאך וואָלט אים שוין נישט נוגע געווען.

אלע ארעסטירטע, וואָס האָבן געמאָלדן זייערע פאכן, שטייען שוין נעבן דער צווייטער וואנט. זייער צאָל איז שוין א גאָר גרויסע. איך שטוי שוין אויך צוזאמען מיט זיי. די געשטאפּאָווצעס זענען עפּעס נישט צו־פרידן, ווייזט אויס, אז זיי האָבן נישט געפונען דאָס, וואָס זיי האָבן געזוכט.

הערמאן האָט איצט געדארפט מעלדן זיין פאך. ער האָט זיך א פרווו געטון.

— איך בין א פאכמאן פון אויטאָס — האָט ער געמאָלדן.

— יאָ — האָט א געשטאפּאָוויעץ אונטערגעכאפּט — ביי וואָס האָסטו געארבעט?

— איך בין געווען א גאראזש מייסטער.

— שטעל זיך אין א צווייטער זייט.

איצט האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן, אז עס גייט דאָ אין פאכלייט פון אויטאָס. מען וועט זיי נעמען צו אן ארבעט און ווי אזוי עס זאָל נישט זיין, איז ביי אן ארבעט יעדנפאלס בעסער, ווי אין דער טויטן־קאמער. צו הערמאנען זענען תיכף צוגעקומען נאָך פינף מכלומרשטע אויטאָ פאכלייט.

קאזיק דער סטאראסטע איז געשטאנען נעבן מיר צווישן דער גרע־סערער גרופּע פון די נישט אָנגענומענע. קאזיק האָט ארום זיך געוואָרפן בליקן און געפינטלט מיט זיינע כיטרע אייגעלעך. ער האָט ארויסגעקוקט אויף עפּעס א גינסטיקן מאָמענט. די געשטאפּאָווצעס האָבן עפּעס צווישן זיך גערעדט. זיי האָבן אויף אונדז נישט געקוקט. קאזיק שפּרינגט איצט פלינק ווי א קאץ. איין רגע בלויז און ער שטייט צווישן יענע זעקס מיט הערמאנען. איך מאך תיכף נאָך דאָס זעלבע. עס איז געלונגען. די גע־שטאפּאָווצעס ציילן אונדז אָפּ. מיר זענען אכט. מען פירט אונדז אוועק. די איבעריקע בלייבן אין דער קאמער.

## יידישע ארבעטער אין די געשטאַפּאָ גאראזשן

א געשטאפּאָוויעץ האָט אונדז אוועקגעפירט אויף גענשע גאַס, דאָרט ווו עס איז בשעת די געטאָ צייטן געווען די יידישע תפיסה. דער וואכ־מייסטער אלפמאן, וועלכער האָט אונדז באגלייט ביז צום טויער, האָט צו אונדז געזאָגט:

— יידן, דאנקט גאָט, וואָס איר גייט ארויס פון דאנען. וווּהין איר זאָלט נישט גיין, איז אַלץ בעסער ווי דאָ.

אויף געגעשע גאַס האָבן אויף אונדז אויך נישט געווארט קיין באַזונדערס גרויסע גליקן. אין יענער צייט איז דאָרט געווען א שטראָף אַרבעטס לאגער פאר פּאָליאקן. צוזאמען מיט די פּאָליאקן האָבן דאָרט געלעבט אן ערך פופציק יידן, וואָס זענען געווען די שארית הפליטה פונעם אמאָליקן גרויסן יידישן ארבעטס לאגער פון דער „אָסטבאן". דער לאגער „אָסטבאן" איז געוואָרן ליקווידירט אין חודש יוני 1943 און יענע קליינע גרופּע האָבן די מערדערס איבערגעלאָזט לעבן און צוגעטיילט זיי צו א שווערער ארבעט אין די וואַרשעווער געשטאַפּאָ־גאראזשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די „דינאכן". אונדז האָט מען אנגעשלאָסן צו דער דאָזיקער גרופּע פון פופציק יידן.

די גליקן פון די גאראזשן־ארבעטער האָב איך געטיילט בלויז במשך פון צען טעג. מען האָט אונדז איבערגעטון אין טונקל גרינע לאגער־מונדירן. איך האָב באקומען א פּאָר קורצע הייזעלעך, וואָס האָבן דערגרייכט קוים ביז די קניען, דאָס רעקעלע איז געווען קורץ און ענג. איך האָב נישט געקענט באוועגן מיט די הענט. פיר אזיינער פארטאָג האָט מען אונדז געוועקט. דערנאָך האָבן מיר במשך פון צוויי שעה געמוזט שטיין אויפן הויף ביים אפּעל. אין יענעם אויגוסט זענען די פרימאָרגנס געווען קאלטע. מיר זענען געווען שלעכט אָנגעטון, נישט דערנערט און נישט אויסגעשלאָפן, און די דאָזיקע אפּעלן, בעת וועלכע די פייניקער האָבן אונדז אָפט געשלאָגן, האָבן זיך אונדז שטארק איינגעגעסן אין די ביינער.

צו דער ארבעט זענען מיר געגאנגען צו פוס. א מרחק פון 4 קילאָמעטער אהין און צוריק. דער דאָזיקער מארש אונטער א שטארקער שמירה פון עסעסאָוצעס האָט אונדז אויך שטארק אָפּגעמאטערט, הן אין פיזישן זין און הן אין מאָראלישן. מיר האָבן דורכגעשפּרייזט די שיינע וואַרשעווער גאַסן פון ביעלאַנסקא איבער דעם טעאַטער פּלאַץ, קראָלעווסקא און קראַקאָווער פּאַרשטאָט ביז די „דינאַסן". דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען בשעת דעם וועג, די פּרעכטיקע און לעבעדיקע שטאָט, וואָס האָט זיך ממש געבאָדן אין די שטראַלן פון דער ווארעמער זון און אין דער גרינקייט פון די ביימער און מיט גראָז און בלומען באדעקטע פּלעצער,

די שיין אנגעטוענע און צעשמייכלטע מענטשן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, דאָס אַלץ האָט פאַר אונדז אויסגעזען ווי עפּעס א נישט דערגרייכבארער חלום, א גרוס פון א צווייטער און פרעמדער וועלט. פאַר אונדז, געוועזענע מענטשן, וואָס האָבן שוין געהערט צו דער טויטער וועלט, וואָס האָבן געהאַט פארלוירן יעדע שייכות צום לעבן, פארלוירן משפּחות, געזונט, פארמעגנס און איצט האָבן מיר, ווי שדים מיט נאַקעטע שטיקער לייב, מיט נאַקעטע פיס, וואָס האָבן ארויסגעשטאַרט פון אונטער די צעריסענע און קורצינקע בגדים, זיך באַוויזן אונטער דער שיינענדיקער זון — איז דער דאָזיקער טאָגטעגלעכער מאַרש צו דער אַרבעט געווען א שווער און צערפּול איבערלעבעניש.

די אַרבעט איז געווען א שווערע, דאָס עסן נאָך קנאַפּער ווי אין פּאַוויאַק, די נעכט שלאָפלאָזע צוליב די מיליאָנען וואַנצן, וואָס זענען אונדז תּיכּף נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט, ווי היישעריקן באַפאַלן אויף אונדזערע עפּושדיקע געלעגערס. פונדעסטוועגן האָב איך אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, כּדי זיך דאָרט צו דערהאַלטן. עס איז פון דאָרט געווען א מעגלעכקייט צו מאַכן פּליטה און א טייל יידן, וואָס האָבן נאָך געהאַט באַציאונגען מיט דער אַרישער זייט, האָבן די דאָזיקע מעגלעכקייט טאַקע אויסגענוצט. איך אַליין האָב נאָך דעמאָלט געהאַט א ברודער, וואָס האָט זיך אויף אַרישע פּאַפּירן אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע. איך האָב גערעכנט צו מאַכן פּליטה און צו באַהאַלטן זיך ביים ברודער.

איך בין שוין געווען צוגעגרייט צום אַנטלויפן, אָבער צוליב אן אומפּאָרזיכטיקייט האָב איך געליטן א דורכפאַל. דער געשטאַפּאָוויעץ לאַנגע, דער לייטער פון די וואַרשטאַטן, האָט מיך פאַרהאַלטן כּמעט אין לעצטן מאָמענט. דערנאָך בין איך במשך פון א מעת לעת געזעסן אויף געגנשאַ א פאַרשפּאַרטער אין א פינצטערער קאַמער. פון דאָרט האָט מען מיך צוריקגעפירט אין פּאַוויאַק.

פאַר א פּרוּוו צו אַנטלויפן האָבן די דייטשן באַשטראָפט מיט הענגען. צוריקגייענדיק אין פּאַוויאַק, בין איך זיכער געווען, אַז צומאָרגנס וועט שוין מיין טויטער גוף הענגען ערגעצוואו אויף אן אָנגעזעען אָרט אויפן תּפיסה־הויף, כּדי די פּאַוויאַקער אַרעסטירטע זאָלן בפירוש ווייסן, וואָס עס דערוואַרט איינעם, וועלכער וואַגט צו וועלן אַנטלויפן פון די מערדערס

הענט. אזוי האָט געדאַרפט זיין על פּי שׂכל און על פּי „דין” פון דער היטלעריסטישער בלוטיקער מאַכט. איך וויים עד היום נישט, אַדאַנק וואָס פאַרא גליק איך בין דעמאָלט נצול געוואָרן פון דער תליה. איך בין אָפּ־געזעסן עטלעכע טעג אין דער טויטן־קאַמער און דאַן האָט מען מיך אַוועק־געפירט צו דער פּערטער אָפּטיילונג, צו דער גרופּע יידישע פּאַבלייט, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער פּאַוויאַקער תפיסה.

## אויף דער פערטער אָפּטיילונג

ווען אַריינבאַקומען זיך צו דער פערטער אָפּטיילונג האָבן געחלומט די אַרעסטירטע פון דער קאַמער 258. מיר איז געלונגען צו דערגרייכן דאָס דאָזיקע גרויסע גליק. דאָס לעבן פון די יידן פון דער פערטער אָפּטיילונג איז געווען פּונקט אַזוי נישט זיכער, ווי דאָס לעבן פון די יידן פון דער קאַמער 258. דאָך אָבער איז פאַר די יידן פון דער פערטער אָפּטיילונג געווען אַן אויסזיכט אויף אַ לענגערער וועגעטאַציע, לכל הפּחות אַזוי לאַנג, ווי די דייטשן וועלן זיי דאַרפן. חוץ דעם זענען דאָרט די לעבנסבאַדינגונגען געווען אַ כּך בעסערע, ווי אונטן אין קאַמער 258. ביי דער אַרבעט האָט מען אַפילו געקענט האָבן ברויט צו דער זעט, עס זענען געווען באַקוועמע פּלעצער צום שלאָפן און מען האָט דאָרט געהאַט, הגם נישט באַדייטנדיקע, אָבער דאָך אין אַ געוויסער מאָס אַ באַוועגונגס־מעגלעכקייט. אויב דאָס לעבן אין קאַמער 258 איז געווען אַ גסיסה, איז שוין דאָס לעבן אין דער פערטער אָפּטיילונג געשטאַנען מיט אַ שטופּע העכער. עס איז געווען אַ וועגעטאַציע.

איך בין געוואָרן אַ בעדער. איך האָב געהאַט צו באַדינען דעם דעז־זינפעקציע־קעסל. אַ גרויסער, שוואַרצער דאַמף־קעסל איז דאָס געווען. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווען אַ גרופּע אַרעסטירטע איז גע־קומען זיך באָדן, האָב איך זיי אויפגענומען אין אַ ספּעציעל צימער, איך האָב זיי געהייסן זיך אויסטון און צוזאַמענבינדן זייערע בגדים. ווען זיי זענען געגאַנגען אונטער די טושן, האָב איך זייערע פּעקלעך בגדים אַריינ־געלייגט אין קעסל, פאַרמאַכט אים און געלאָזט דעם דאַמף. די מלבושים זענען געלעגן אין דאַמף במשך פון דריי פערטל שעה, שפּעטער האָט שוין

א צווייטער חבר געעפנט דעם קעסל פון דער צווייטער זייט, ארויסגענומען די הייסע מלבושים און צוריקגעגעבן זיי צו די ארעסטירטע. פאר אונדז איז נישט געווען קיין סוד, אז די דאָזיקע דעזינפעקציע האָט די לייז נישט געטון, חלילה, קיין שום רעה. נאָך דער דעזינפעקציע זענען די לייז ארומ־געקראָכן איבער די בגדים פּונקט אזוי לעבעדיקע און געזונטע ווי פאר דער דעזינפעקציע. דערפאר אָבער האָט דער דאמף שטארק געשאדט די קליידער גופא. אזוי ווי בשעת די מלחמה צייטן זענען די קליידער ס׳רוב געווען פון א שלעכטער קוואליטעט, האָבן זיי זיך נאָך א דעזינפעקציע כמעט איינגאנצן צעשיט.

## מיינע חברים

צוזאמען מיט מיר האָבן אין באָד געארבעט נאָך פינף יידן. מיר זענען געווען א גרופע פון זעקס. יעדער פון אונדז איז געווען כמעט א באזונדערע וועלט פאר זיך. געקומען פון פארשידענע שטעט און סביבות, האָבן די מענטשן פון א פארשידענעם עלטער זייער שווער זיך געקענט צופאסן איינער צום צווייטן. דאָך אָבער האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט, כדי לכל הפחות אין א געוויסער מאָס צו געפינען א געמיינזאמע שפּראך.

די זאך איז אונדז צו ביסלעך געלונגען. מיר האָבן זיך איינגעלעבט, איינגעאָרדנט פאר זיך די מעגלעכע לעבנסבאדינגונגען. דעם גאנצן טאָג ביז אין שפּעטן אָוונט זענען מיר געווען אין באָד. דאָרט האָבן מיר געגעסן, געטעטעמט, געטראכט און געלעבט. אין אָוונט, ווען מען האָט געענדיקט די ארבעט אין באָד, זענען מיר צוריקגעגאנגען אין קאמער. דאָרט האָבן מיר שוין פארבראכט מיט די רעשט יידן פון אונדזער גרופּע. עס איז א פאקט, אז אפילו אין יענע שרעקלעכע באדינגונגען וואָלט זיך געקאָנט ביי אונדז אנטוויקלען אן אינטערעסאנט לעבן פון שאפן, ווען נישט די דאמאָקלעס שווערד פון טויט, וואָס איז שטענדיק איבער אונדז געהאנגען.

אין באָד האָט איבער אונדז געהאט די דעה דער אוקראַינישער וואכ־מייסטער. ער איז געווען דער אייגנטלעכער באלעבאָס פון באָד. ער האָט געהאט אן אומבאגרענעצטע מאכט סיי איבער אונדז, די באָד־ארבעטער, סיי איבער די ארעסטירטע, וואָס זענען געקומען זיך באָדן. במשך פון

דער צייט, ווען מיר זענען געווען אין באָד, האָבן זיך ביי אונדז געביטן א סך וואכמייכטערס. עס זענען צווישן זיי געווען פארשידענע מענטשן. מענטשלעכע, מיט וועלכע מען האָט געקענט דורכקומען און שלעכטע כלבים, וואָס האָבן געוואָרפן אן אימה און א פחד אויף די ארעסטירטע. ס'רוב זענען מיר מיט אונדזערע וואכמייסטערס דורכגעקומען. מיר האָבן באוויזן אפילו איינצונעמען איינעם, קאָוואלענקאָ, וואָס איז באקאנט געווען פאר א מוראדיקן אכזר. מיט אונדז האָט דער דאָזיקער קאָוואלענקאָ געלעבט בשלום און אז מיר האָבן אים שוין געהאט איינגענומען, האָט ער נישט געקענט אויך זיין געפערלעך פאר די ארעכטירטע, וואָס האָבן זיך ביי אונדז געבאָדן. בלויז איין וואכמייסטער, א מנוול, האָבן מיר געהאט. דאָס איז געווען דער אוקראאינער קאָסטענקאָ. ער האָט זיך נישט געלאָזט איינ־נעמען נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. מיר האָבן פון אים געהאט אויסצושטיין גרויסע צרות. צום גליק איז ער אָבער ביי אונדז נישט לאנג געווען.

איך וויל דאָ איבערגעבן א קורצן באריכט פון א געוויסער פאָליטי־שער און געזעלשאפטלעכער ארבעט, וואָס די דאָזיקע זעקס יידישע בעדער האָבן אין יענע שווערע באדינגונגען אויסגעפירט לטובת טויזנטער ארעס־טירטע פון פאוויאק, ס'רוב פאָליאקן.

## א פארקאָנספירירטע פאָסט

אין אלטערטימלעכן רוים זענען די שטאָט־בעדער געווען די צענ־טראלע פונקטן פון די צוזאמענטרעפן פון די רוימישע פאטריציער. דער פארגלייך, וועלכן איך פארנעם זיך דאָ צו מאכן צווישן דער אייביקער שטאָט מיט אירע אדעליקע תושבים און, להבדיל, דעם פאוויאק מיט זיינע עטלעכע טויזנט פארפייניקטע ארעסטירטע, קלינגט אפשר א ביסל לעכערלעך. אָבער דאָך איז געווען א פאקט, אז דאָס פאוויאקער באָד איז געווען דער צענטראלער פונקט פון די קאָנטאקטן צווישן אלע פאוויאקער ארעסטירטע. יעדער ארעסטירטער האָט געמוזט לכל הפחות איין מאָל אין דער וואָך באזוכן דאָס באָד. אלע אָפטיילונגען האָבן געהאט באזונדערע אויסגעטיילטע טעג פאר באָדן זיך. דער וואכמייסטער פון א געוויסער אָפּ־

טיילונג האָט אין זיין באַשטימטן טאָג געפירט די אַרעסטירטע פון זיין אָפּטיילונג אין באָד. כדי אַרעסטירטע פון פאַרשידענע קאַמערן זאָלן זיך נישט קענען באַגעגענען, האָט מען יעדע קאַמער געפירט באַזונדער. נאָכדעם ווי ס'האָבן זיך אָפּגעבאָדן די אַרעסטירטע פון איין קאַמער, האָט מען אַריינגעפירט די אַרעסטירטע פון דער צווייטער קאַמער.

אַזוי ווי דאָס אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן די אַרעסטירטע פון פאַרשידענע קאַמערן און אָפּטיילונגען איז געווען פאַר די אַרעסטירטע אַ גאָר וויכטיקער ענין, האָבן מיר, די בעדער, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו זיין די פאַרמיטלער צווישן זיי. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ מין פּאָסט, וואָס האָט ביי אונדז פונקציאָנירט גענוי און פּרעציז. די דאָזיקע פּאָסט האָבן מיר געמוזט האַלטן אין שטרענגער קאָנספּיראַציע, כדי די דייטשן זאָלן זיך פון איר נישט דערוויסן. די אַרבעט איז געווען אַ געפערלעכע, ווייל אַלס גרעסטער חטא פון אַן אַרעסטירטן איז באַטראַכט געווען דער „גריפּס", דער נישט דערלויבטער און נישט צענזורירטער בריוו.

דער אופן פון פירן די דאָזיקע אַרבעט איז געווען פאָלגנדער: דער וואַכמייסטער פון אַ געוויסער אָפּטיילונג האָט אַריינגעפירט זיינע מענטשן צו באָדן זיך. ער האָט זיי אָפּגעציילט און מיט אַ פּראָטאָקאָל איבערגעגעבן צו אונדזער וואַכמייסטער — דעם אוקראַינער. אַזוי ווי מיר זענען שוין מיט אונדזער וואַכמייסטער געווען זיכער, האָט ער אונדז בכלל נישט געקוקט אין די הענט. בעת איינער פון אונדז האָט מיט אים גערעדט, האָבן מיר דערווייל אויסגעפירט אַלץ, וואָס מיר האָבן געדאַרפט. איז קודם כל האָבן מיר צעטיילט צווישן די אַרעסטירטע די „גריפּסן", וואָס זענען פאַר זיי באַשטימט געווען און זענען ביי אונדז געלעגן פון פריער. דערנאָך האָבן מיר פאַרטיילט שטיקלעך פּאַפּיר און בלייפעדערס צו די אַרעסטירטע, וואָס האָבן געדאַרפט שרייבן אַן ענטפער, אָדער סתם אַ „גריפּס". דאַן האָבן מיר ביי די אַרעסטירטע צוגענומען זייערע בריוו, באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט, כדי איבערצוגעבן זיי צו די אַדרעסאַטן דעמאָלט, ווען זיי וועלן צו אונדז קומען זיך באָדן.

אַדאַנק דער דאָזיקער פּאָסט איז פולשטענדיק דורכגעבראָכן געוואָרן די איזאָלאַציע צווישן די אַרעסטירטע, די איזאָלאַציע, מיט וועלכער די געשטאַפּאָ איז אויסן געווען צו פאַרבעסערן די טעטיקייט פון איר אויס־

פאַרשונגס־אַפּאַראַט. די אַרעסטירטע האָבן איצט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך צווישן זיך וועגן וויכטיקע ענינים.

די דייטשן האָבן, צום ביישפּיל, איינגעזעצט צוויי פּאַליאַקן, באַשולדיקטע אין דעם זעלבן ענין. אין אַזעלכע פאַלן האָט די געשטאַפּאָ איינעם פון די צוויי פּאַליאַקן אַריינגעזעצט אויף דער דריטער אָפּטיילונג און דעם צווייטן אויף דער פינפטער. די געשטאַפּאָ איז שוין געווען זיכער, אַז די דאָזיקע צוויי אַרעסטירטע וועלן זיך נישט קענען פאַרשטענדיקן, כדי זיי זאָלן ביים פאַרהער אָפּגעבן איינשטימיקע דערקלערונגען. די דייטשן האָבן דעם דאָזיקן ענין גוט דורכגעטראַכט. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויב די צוויי אַרעסטירטע וועלן זאָגן ליגן, מוזן אַרויסקומען סתירות צווישן די דערקלערונגען פון איינעם און דעם צווייטן. אַזעלכע סתירות זענען געווען פאַר דער געשטאַפּאָ ראַכ וואַסער אויף דער מיל. דערנאָך האָבן זיי שוין געקאָנט לייכט אויספאָרשן דעם אמת.

אַדאַנק אונדזער פּאָסט איז אָבער פאַר די אַרעסטירטע געווען אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך. די דערקלערונגען פון די אַרעסטירטע זענען כמעט תמיד געווען איינשטימיקע. די געשטאַפּאָ־לייט זענען געווען אויסער זיך, אָבער זיי זענען קיין מאָל נישט געוווּיר געוואָרן דעם סוד פון די איינשטימיקע דערקלערונגען. וועגן אונדזער פּאָסט האָבן זיי זיך נישט דערוווּסט.

אין פּאַוויאַק איז תמיד געזעסן אַ געוויסע צאָל פון באַזונדערס איזאָלירטע אַרעסטירטע. דאָס זענען געווען די סאַמע וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, הויכע אָפיצירן פון דער „לאַנדס ארמיי" (א.ק.), אוויאַטאָרן־פּאַראַשוטיסטן פון דער רויטער אַרמיי און פון די ענגלישע לופט־כוחות, וועלכע מען האָט געכאַפּט אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. די דאָזיקע מענטשן האָט די געשטאַפּאָ באַטראַכט ווי די גרעסטע פאַרברעכער. זיי זענען געווען באַשולדיקט אין אָנפירן מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אין יענע צייטן זייער שטאַרק אַריינגעביסן די דייטשן אין די ביינער. געזעסן זענען זיי ביחידות אין די איזאָלאַטקעס פון דער ערשטער אָפּטיילונג. ספּעציעלע געשטאַפּאָלייט האָבן זיי געהיטן בייטאָג און ביינאַכט. זיי זענען

געווען דאָס אויג אין קאָפּ. אפילו די אוקראַינער האָבן צו זיי נישט געהאַט קיין צוטריט.

איך דערמאָן מיך, אַז אין אַ געוויסער צייט זענען דאָרט געזעסן צוז"אַ פינף וויכטיקע אַרעסטירטע: אַן אָפיציר פון די ענגלישע לופט־כוחות, קענעדי, דריי פּוילישע פּאָלקאָווניקעס: סטרושעוויטש, קאַראַנסקי און ראַכטוואַראָווסקי און אַ פּוילישער פּאַראַשוטיסט פון לאָנדאָן יעזשי. ווען די דייטשן פּלעגן די דאָזיקע פינף אַרעסטירטע אַריינפירן אין באָד, האָט קיינער זיך נישט געטאָרט געפינען אין דער נאָענט פון באָד־לאָקאַל, פאַרשטייט זיך חוץ אונדז, די באַדינערס. די גאַנצע צייט פון זייער באָדן זיך איז זייער היטער, דער געשטאַפּאָוויעץ, געשטאַנען נעבן זיי. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט געהיט, אַז זיי זאָלן זיך נישט קענען פונאַנדעררעדן צווישן זיך און אַז מיר זאָלן אויך מיט זיי זיך נישט קענען פאַרשטענדיקן.

מיר האָבן אָבער יאָ געפונען דעם וועג פאַר אָנקניפּן מיט זיי אַ קאָנטאַקט. דאָס איז לגמרי נישט געווען קיין לייכטע זאַך און חוץ דעם האָט יעדע קלענסטע אומפאָרזיכטיקייט געקענט גורם זיין דעם טויט. מיר האָבן אָבער נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. אונדזער לעבן איז סיי ווי געווען הפקר און דער טויט האָט געדראָט נישט בלויז צוליב אַ קאָנטאַקט מיט די איזאָלירטע. ער האָט געדראָט צוליב דער קלענסטער זאַך, צוליב אַ פאַר־פירקס, צוליב אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג, צוליב אַ גרימאַסע פון פּנים. מיר האָבן נישט געקוקט אויף קיין געפאַר און ממש הינטער די אויגן פון די געשטאַפּאָווצעס האָבן מיר מיט די איזאָלירטע געשאַפן דעם קאָנטאַקט.

דער קאָנטאַקט מיט אונדז האָט פאַר די איזאָלירטע געהאַט אַן ערשט־ראַנגיקע באַדייטונג. אַזוי ווי עס האָט זיך וועגן זיי שטאַרק אינטערעסירט די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי זיי אָפּצושלאָגן, האָבן זיי געמוזט האָבן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. די דאָזיקע פאַרבינדונג איז געווען. אין פּאַוויאַק איז געווען אַן אוקראַינישער וואַכמייסטער, קאָוואַלענקאָ. צווישן די אַרעסטירטע איז ער אָנגעגאַנגען פאַר איינעם פון די גרעסטע כלבים. ער האָט זייער שלעכט באַהאַנדלט די אַרעסטירטע, אָפּט אַרויסגעוויזן צו זיי אכזריות. אַ געוויסע צייט האָבן מיר אין באָד געהאַט פון אים אויסצושטיין גרויסע צרות.

אזוי ווי מיר האָבן פון אונדזער באַד ארויס געהאט אַן אומדירעקטע פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און אזוי ווי עס איז גראַד דעמאָלט געווען די צייט, ווען די פּאָליאַקן האָבן מאַסנווייז אויסגעפירט טויט־אורטיילן איבער די דייטשן און די פאַררעטער, האָבן מיר געגעבן צו וויסן וועגן קאָוואַלענקאָס רשעות און מיר האָבן געבעטן, אז מען זאָל אים דאָרט אין שטאָט מאַכן דעם ריכטיקן סוף. מיט א וואָך שפּעטער האָבן מיר אָבער דערהאַלטן אזא מאָדנעם ענטפער:

— אייער „בלאָפ" (ווערטלעך) טאָר מען נישט רירן. געדענקט!

אין אָנהייב האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען דעם ענטפער. אָבער ווען מיר האָבן זיך גוט פאַרטראַכט, האָט פאַר אונדז דער גאַנצער ענין אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז דער דאָזיקער קאָוואַלענקאָ מוז דאָ שפּילן א צווייִדייטיקע ראָלע, אז ער שטייט אין דינסט פון דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע. אזוי איז טאַקע געווען. שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ענין מיט די פיר איזאָלירטע, איז קאָוואַלענקאָ געווען דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן זיי און דער אָרגאַניזאַציע. נאָר אזוי ווי אפילו ער, צו וועמען די דייטשן האָבן געהאט גרויס צוטרוי, האָט נישט געקענט פריי צוקומען צו די איזאָלאַטקעס, האָט ער אלע זיינע שליחותן געמוזט איבערגעבן דורך אונדזער פאַרמיטלונג.

און איצט בלייבט נאָך אויפצוקלערן, ווי אזוי מיר האָבן זיך אַן עצה געגעבן מיט דער שווערער אויפגאַבע פון פאַרבינדן זיך מיט די איזאָלירטע. מיר האָבן געהאט צוויי מעגלעכקייטן. די ערשטע און די עיקר־דיקסטע מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די איזאָלירטע איז געווען דער דעזינפעקציע־קעסל. ווען די איזאָלירטע זענען אריינגעקומען אין באַד, האָבן זיי פּונקט אזוי ווי אלע איבעריקע ארעסטירטע, איבערגעגעבן מיר זייערע בגדים צו דער דעזינפעקציע. פון צווישן די קליידער פלעג איך ארויסנעמען די „גריפּסן". עס זענען דאָרט געווען בריוו צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט איבערגעבן דעם אוקראַאינער קאָוואַלענקאָ און עס זענען אויך געווען בריוו צו אונדז, בריוו מיט פאַרשידנאַרטיקע פראַגן, מיט בקשות און פאָדערונגען פון זאַכן, אין וועלכע די איזאָלירטע האָבן זיך גענויטיקט.

בשעת די איזאָלירטע האָבן זיך געבאָדן, האָבן מיר דערלייִדיקט

אליץ, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט און דאן האָבן זיי אונדזערע ענטפערס, ווי אויך די „גריפּסן", וועלכע קאָוואַלענקאָ האָט אונדז איבערגעגעבן, גע־האַט שוין צוריק אין די קליידער, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פון דער דע־זינפעקציע.

די הויפּט זאכן, וואָס מיר האָבן אריינגעשמוגלט צו די איזאָלירטע, זענען געווען פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך און ריין פּאַפּיר אויף צו שרייבן בריוו־לעך. דאָס דורכשמוגלען די דאָזיקע זאכן האָט נישט געהערט צו די לייכטע אויפגאַבן.

אונדזער צווייטע מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די איזאָ־לירטע איז געווען דער שיפר, א לשון, וואָס איז צווישן אונדז געווען אָפּ־געשמועסט אין די „גריפּסן". דער אויספירער פון דעם שיפרירטן געשפּרעך האָט געקענט זיין בלויז חיים פינקלשטיין, וועלכער האָט באַדינט דעם וואַ־סער־אַפּאַראַט און אלס אזעלכער האָט ער געמעגט שטיין אין דער נאָענט פון די איזאָלירטע, בשעת זיי האָבן זיך געוואַשן אונטער די טושן.

פינקלשטיין, א ייד איבער די פופציק, כמעט אינגאַנצן א בלינדער, מיט א פּאָר גרויסע ברילן אויף דער לאַנגער נאָז, מיט א ליסן קאָפּ, האָט געמאַכט אן איינדרוק, אז ער קען קיין צוויי נישט ציילן. ער איז שטענדיק געשטאַנען ביי זיין וואַסער־אַפּאַראַט און געדרייט מיט די צוויי רעדלעך. מיטן גרעסערן צום לאָזן דאָס קאַלטע וואַסער און מיטן קלענערן פונעם הייסן וואַסער. מיט די דאָזיקע צוויי רעדלעך האָט פינקלשטיין געדאַרפט רעגולירן דעם שטראָם וואַסער, כדי ער זאָל האָבן אן איינהייטלעכע טעמ־פּעראַטור פון פערציק גראַד. פינקלשטיין איז אָבער געווען א גרויסער שלימזלניק און נישט געטויגט צו קיין שום אַרבעט, האָט ער געדרייט מיט די רעדלעך און דאָס וואַסער איז אים שטענדיק געשפּרונגען. דאָ האָט עס געהאַלטן ביי 20 גראַד און באַלד האָבן די באַדנדיקע געמוזט אנטלויפן פון אונטערן טוש, ווייל די טעמפּעראַטור האָט שוין געהאַלטן ביי די זעכציק גראַד, ביים אַפּאַראַט איז געווען א טערמאָמעטער, אָבער פינקל־שטיין איז געווען, ווי געזאָגט, כמעט אינגאַנצן בלינד און ער האָט נישט געזען, וואָס דער טערמאָמעטער האָט געוויזן.

די באָדנדיקע האָבן שוין געקענט פינקלשטיינס מום, און ווען דאָס וואַסער איז געוואָרן צו קאַלט, פלעגן זיי שרייען :

— פאניע פינקלשטיין, עס איז קאַלט.

פינקלשטיין האָט אביסל אויסגעדרייט דאָס קלענערע רעדעלע און תיכף האָבן שוין די באַדנדיקע באשטעטיקט:

— הא, איצט איז גוט, זייער גוט.

די דאָזיקע אומשולדיקע אויסגעשרייען ביי די נאָרמאַלע ארעסטיר־טע האָבן ביי די איזאָלירטע געדינט פאר א שיפר.

פינקלשטיין האָט צום ביישפיל רואיק א זאָג געטון:

— פאנאָוויע, אויב דאָס וואסער איז צו הייס, זאָלט איר מיר תיכף מעלדן.

פארן געשטאַפּאָוויעץ, וועלכער איז געשטאַנען הארט נעבן פינקל־שטיינען און די באָדנדיקע, האָט דער דאָזיקער זאָץ נישט געהאט קיין שום באדייטונג. אָבער פאר איינעם פון די איזאָלירטע איז דאָס געווען אן ענטפער אויף א פראגע, וועלכע ער האָט מיט א וואָך צוריק געשטעלט אין א בריוועלע צו אונדז.

דאן האָט סטרושעוויטש געזאָגט:

— דאָס וואסער איז טאקע צו הייס.

און ארויסגעזאָגט האָט ער עס אין אן אויפגערעגטן טאָן.

דער געשטאַפּאָוויעץ האָט גאָרנישט חושד געווען, אָבער פינקלשטיין האָט שוין געוווּסט, אז אן ארעסטירטער, קאָזאקעוויטש, וואָס איז דער קאפּאָ פון דער דריטער אָפּטיילונג, דארף תיכף ומיד באקומען דעם „גריפּס", וואָס איז געלעגן צווישן די בגדים, וועלכע איך האָב איבערגענומען צו דער דעזינפעקציע.

אזוי האָט אויסגעזען דער קאמף, וואָס מיר, די זעקס צעבראָכענע יידן, האָבן געפירט קעגן דער בעסטיע, קעגן דער ריזן־מאשין פון גע־שטאַפּאָ. צי האָבן מיר דעם קאמף געוווּנען? איך ווייס נישט. יעדנפאלס איז זיכער, אז מיר האָבן זיך פארמאָסטן אים צו פירן און מיר האָבן אין א גרויסער מאָס דורכגעפירט דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט.

## די זעלבסט־הילף

א צווייטער צווייג פון אונדזער ארבעט איז געווען די קאָנספּירא־

טיווע זעלבסטהילף. די דאָזיקע אַרבעט איז אונדז ממש אָנגעוואָרפן געוואָרן. פֿון איין זייט דורך די אַרעסטירטע פֿון די קאַמערן, וואָס האָבן געהונגערט און געליטן צוליב מאַנגל אין פּאַפּיראָסן, זיי האָבן פֿון אונדז געפֿאָדערט הילף; פֿון דער צווייטער זייט האָבן די אַרעסטירטע פּאָליאַקן, וועלכע זענען באַשעפֿטיקט געווען אויף פֿאַרשידענע פֿונקציעס אין דער תּפֿיסה־אַדמיניסטראַציע, אַרײַנגעבראַנגט צו אונדז פּראָדוקטן צום פֿאַרטײלן זיי צווישן די נויטבאַדערפֿטיקע. אין דער ערשטער רײ זענען געקומען אין באַטראַכט די אַרבעטער פֿון אַזעלכע אָפּטיילונגען, ווי די קיך, דער שפּײַז־מאַגאַזין, די בעקערײַ און די קאַנטין. אין די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך פּאָליאַקן. קיין ייִדן האָט מען אַהין נישט צוגעלאָזט. צווישן יענע פּאָליאַקן האָבן נישט געפֿעלט קיין מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די נויטן פֿון זייערע חברים. אַזוי ווי בײַ אונדז איז געווען די צענטראַלע שטעלע פֿאַר די פֿאַרבינדונגען צווישן די אַרעסטירטע, איז אויך בײַ אונדז אײַנגעאָרדנט געוואָרן דער צענטראַלער פֿאַרטײלונג־פּונקט פֿון דער געהיימער זעלבסט־הילף. גאַנצע זעק ברויט, אַ סך שפּײַז־אַרטיקלען און פּאַפּיראָסן זענען בײַ אונדז אָפּגעלייגט געוואָרן און מיר האָבן דאָס צעטיילט צווישן די נויטבאַדערפֿטיקטע.

די נויטבאַדערפֿטיקטע זענען געווען די טויזנטער אַרעסטירטע, וואָס זענען געזעסן אין די קאַמערן הינטער פֿאַרהאַקטע טירן. ניינציק פּראָצענט פֿון די פּאַוויאַקער תּושבֿים זענען זיי געווען, די דאָזיקע נויטבאַדערפֿטיקטע, ווײַל די אַרבעטער, וואָס זענען צוגעלאָזט געוואָרן צו אַלע פֿונקציעס, האָבן צוזאַמען באַטראָפֿן נישט מער ווי צען פּראָצענט פֿון דעם באַשטאַנד פֿון די אַרעסטירטע. דערפֿון קען מען זיך שאַפֿן אַ בילד וועגן דער גרויסקייט פֿון דער נויט, וואָס האָט געהערשט אין פּאַוויאַק, אין דער הייל פֿון פּײַן און טויט.

חוץ דעם האָבן מיר אויך געוואָלט העלפֿן די ייִדן פֿון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף גענשע גאַס. זינט אָקטאָבער 1943 איז אויף גענשע גאַס אײַנגעאָרדנט געוואָרן דער „קאָנצענטראַציע־לאַגער וואַרשע", וווּ עס זענען געזעסן איבער פֿינף טויזנט גריכישע, סלאָוואַקישע, פֿראַנצויזישע און אונגאַרישע ייִדן. זיי האָבן געאַרבעט בײַם אָפּרייניקן די חורבֿות אויפֿן שטח פֿונעם געוועזענעם געטאָ, זיי האָבן געלעבט אין גאָר שווערע באַ־

דינגונגען, בשום אויסגעגאנגען פון הונגער, מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו העלפן די דאָזיקע יידן.

די דאָזיקע אויפגאבע האָבן מיר, אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען, דורכגעפירט מיט דער הילף פון די איבעריקע יידן פון אונדזער גאנצער גרופע. אין יאנואר 1944 האָבן די דייטשן אריבערגעטראָגן אונדזער גרופע פון דער פערטער אָפּטיילונג אין נייעם בנין פון די ווארשטאטן. דער דאָזיקער בנין איז פאר דער מלחמה געווען א וווינונגס־הויז פאר די תפיסה־וועכטער. די דייטשן האָבן דעם דאָזיקן בנין צוזאמענגעשלאָסן מיט דער תפיסה, אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק איינגעאָרדנט די ווארשטאטן און דעם דריטן שטאָק איבערגעבויט אויף תפיסה־קאמערן פאר אונדז, די יידישע פאכלייט.

אזוי ווי דער דאָזיקער בנין איז שוין געשטאנען מחוץ פון דער הויכער מויער, וואָס האָט ארומגערינגלט די תפיסה און די פענצטער פון אונדזערע קאמערן זענען ארויסגעגאנגען אויף דער וויענזשעננא גאס; ביים עק פון פאוויאק, וווּ די דייטשע וואך־פּאָכטנס זענען נישט געווען קיין באזונדערס שטארקע, האָבן מיר געהאט כמעט א פרייען ארויסקוק אויף די חרובע גאסן. אין יענער צייט איז שוין א גרויסער טייל פון געטאָ געווען אָפּגעריייניקט פון די חורבות, און אויסגעגלייכט מיט דער ערד. פאר אונדזערע אויגן האָבן מיר געהאט א פרייען שטח. פון צווישן דעם דאָזיקן ים פון פוסטקייט האָט צו אונדז פון דער ווייטנס געקוקט מיט זיינע גלאנצנדיקע שויבן פון די פענסטער פון די וואכטורעמלעך איין איינציקער פארבויטער פונקט. דאָס איז געווען דער קאָנצענטראציע־לאגער פון גענשא גאס, דער בנין פון דער אמאָליקער תפיסה, ארומגעשטעלט מיט אומצייליקע קליינע באראקן, וועלכע די דייטשן האָבן לעצטנס אויסגעבויט, כדי איינצואָרדענען אין זיי די טויזנטער אומגליקלעכע געפאנגענע, וואָס זענען אהער געברענגט געוואָרן פון כמעט אלע ווינקלען פון אייראָפּע.

די דאָזיקע געפאנגענע זענען געווען יידן. אמאָל זענען זיי געווען מענטשן מיט לייטן גלייך. אָבער היינט אויסגעהונגערטע, הויט און ביינער, אָנגעטוענע אין די וויים־בלויע פאסיאקעס, מיט די הילצערנע טרעפעס אויף די געשוואָלענע פיס, האָבן זיי שוין מער נישט געמאכט קיין איינדרוק פון מענטשן. זיי האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די קופעס ציגל, שטיינער

און זאמדיקער בלאָטע, אויסגעפירט זייערע שווערע ארבעטן, און ווען זיי האָבן פארשטאנען, אז דער מאָמענט איז א גינסטיקער, אז די וואך־פּאָסטנס קוקן נישט, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו אונדזער בנין, געשטעלט זיך אונטער אונדזערע פענסטער. אויך אונדזערע חברים האָבן ארויסגעקוקט אויף אזא מאָמענט. ווען די פּאסיאקעס זענען צוגעקומען, האָט מען תיכף פון אונדזערע פענסטער זיי ארויסגעוואָרפן ברויט.

וואָס האָבן מיר דען זיי מער געקאָנט וואַרפן, ווי שטיקלעך טרוקן ברויט, וואָס מיר האָבן אליין אָפּגעשפּאָרט פון אונדזער מויל? עס איז געווען א ווייטיק און א צער בלויז זיך צוצוקוקן, ווי די דאָזיקע שאטנס פון מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף די שטיקלעך טרוקן ברויט. איינער האָט ביים צווייטן ארויסגעריסן דעם ביסן פון מויל, פּונקט אזוי ווי עס טוען עס הינט, ווען זיי געפינען אין מיסט א ביין.

דאָס בילד פון די אויסגעהונגערטע פּאסיאקעס, ווי זיי האָבן זיך ווי די חיות געוואָרפן אויף דעם אראָפּגעוואָרפענעם ברויט, שטייט מיר עד היום פאר די אויגן. דאָס דאָזיקע בילד איז נישט ווייניקער גרויזאם פון יענעם בילד פון די פרויען און די קינדער, וואָס זענען געפירט געוואָרן צו דער שחיטה. יעדנפאלס האָט עס מיר דעמאָלט אויפגעקלערט דעם סוד פונעם נאצישן סיסטעם צו פּרימיטיוויזירן די מענטשלעכע אינסטינקטן. איך האָב געוווּסט, אז נישט אנדערש ווי זיי האָב איך אליין אויסגעזען, בשעת איך בין געזעסן אין דער קאמער 258. און ס'איז פאר מיר קלאָר געוואָרן, אז א גיכער טויט איז א סך בעסער פון א לאנג דויערנדיקן הונגער פּיין.

## סאבאָטאזשן

מיר, די זעקס יידישע בעדער, האָבן ביי אונדזער ארבעט אויף אויי־גענע האנט דורכגעפירט א ריי סאבאָטאזש־אקטן. הגם מיר האָבן זיך אָפּ־געגעבן א דין וחשבון דערפון, אז מיט אונדזערע סאבאָטאזשן וועלן מיר נישט גורם זיין צו דער מפּלה פונעם שונא, האָבן מיר דאָך נישט געקענט ביי זיך פּועלן איבערצולאָזן א נישט אויסגענוצטע געלעגנהייט אויף צו פארשאפן דעם שונא שאָדנס.

די דייטשן פלעגן צו אונדז אריינברענגען גאנצע טראנספּאָרטן פון אויסגעווײלטע זאכן, מלבושים, פעלצן, בעטגעוואנט און אנדערע. די זאכן זענען געווען טאקע די סאמע בעסטע, צוגערויבט ס׳רוב ביי יידן, וואָס זענען פריער דערמאָרדעט געוואָרן. די דאָזיקע זאכן זענען באשטימט געווען ארויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד, אָבער פריער האָבן זיי געמוזט ביי אונדז דורכגיין א דעזינפעקציע. מיר האָבן שוין געזאָרגט דערפאר, אז די זאכן זאָלן פון דער דעזינפעקציע ארויסקומען אין אזא צושטאנד, אז די שונאים זאָלן פון זיי נישט האָבן קיין נוצן.

איך געדענק א פאקט, ווען דער אינטענדענט פון דער ווארשעווער געשטאפּאָ־צענטראלע האָט אונדז געברענגט צו פירן צען פולגעפּאקטע זעק מיט זאכן. די זעק זענען געווען פארנייט און פּלאָמבירט און מיר האָבן באקומען א בפירושן באפעל נישט צו עפענען זיי. דער אינטענדענט האָט זיך נישט אויסגעקענט אין די סודות פון די דעזינפעקציע ארבעטן און איך האָב אים געשטעלט א פראגע, צי די דעזינפעקציע דארף געמאכט ווערן מיט הייסן דאמף, צי מיט א קאלטן גאז.

— וועלכע איז א גרינגערע? — האָט דער חמור ביי מיר געפרעגט.

— אוודאי די הייסע — האָב איך אים געענטפערט.

— אויב אזוי, טאָ איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז איר דארפט עס מאכן אויף א הייסער דעזינפעקציע. נאָר מאָרגן זאָל עס זיין פארטיק — האָט ער צוגעגעבן.

— יא וואָל — האָב איך צוגעשטימט און דער ענין איז געווען א דערלידיקטער.

מיר האָבן תיכף געהאט א חשד, אז אין די זעק ליגן פארפאקט עפּעס גאָר וויכטיקע זאכן. מיר האָבן פונאנדערגעטרענט א זאק און באַטראכט די סחורה. עס זענען געווען די פיינסטע פעלצן. דאָס האָט אונדז שוין גענוגט. א פעלץ דארף נישט מער, ווי נאָר במשך פון צען מינוט צו ליגן אין א הייסן דאמף. דערנאָך ווערט פון אים א קליין שטיקעלע הארטע לעדער, וואָס צעפאלט זיך תיכף, ווען מען רירט זי אָן מיט דער האנט.

מיר האָבן צוריק פארנייט דעם זאק און גענוי אויסגעפירט דעם באפעל פונעם אינטענדענט, דעם חמור. צומאָרגנס האָט ער אָפּגענומען

די זעק. ער האָט נישט געקוקט, וואָס ער האָט דאָרט אינעווייניק. ער איז געווען פון אונדז שטאַרק צופרידן און געגעבן אונדז אפילו פּאַפּיראָסן.

אַן ענלעכע זאַך האָבן מיר אַ צווייט מאָל געמאַכט מיט אַ טראַנס־פּאָרט פון הונדערט פוסטע קאָלדרעס. מיר האָבן פאַרפאַרבט די זיידענע איינשיטן און פונעם פוך זענען געבליבן נאָר קנוילן. די קנוילן זענען האַרט געווען ווי שטיינער און איטלעכער אזוי גרויס ווי אַ פויסט פון דער האַנט. עס האָט אונדז בלויז באַנג געטון, וואָס מיר קענען נישט זען ווי די דייטשן דעקן זיך צו מיט די דאָזיקע קאָלדרעס.

ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די זאַכן געלינגען, זענען מיר געוואָרן דרייסטער. מיר האָבן זיי פאַרברענט כמעט אַלץ, וואָס איז נאָר אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט.

* * *

די יידישע בעדער פון פּאַוויאַק האָבן זייער אַרבעט געמאַכט מיט אַן איינערלעכן באַוווסטזיין, אַז זיי באַטייליקן זיך אין קאַמף קעגן דעם שונא. זיי האָבן פון קיינעם נישט דערוואַרט קיין ווערטער פון אָנערקע־נונג. אָבער די פּוילישע אַרעסטירטע פון פּאַוויאַק האָבן אָפּגעשאַצט די לייסטונגען פון די יידישע בעדער. אָבער אזוי ווי דער ייד איז פאַר זיי געווען אַ באַשעפעניש פון אַ מינדערן סאָרט, האָבן זיי אונדז אָפט געלויבט, באַנוצנדיק זיך מיט פאָלגנדיקן אויסדרוק:

— איר, בעדער, זענט זייער אָנשטענדיקע „זשידקעס".

דער „ביולעטין אינפאָרמאַציני", דער אונטערערדישער פּרעסע אָר־גאַן פון דער לאָנדאָנער רעגירונג, וואָס איז בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע דערשינען אין וואַרשע, האָט אַמאָל אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן די גוטע מעשים פון די פּאַוויאַקער בעדער. דער אוקראַינישער וואַכמייסטער באַר־טשענקאָ, וואָס האָט ביי אונדז געהאַלטן די וואַך, האָט אונדז אַמאָל גע־בראַנגט פון דער שטאָט דעם דאָזיקן נומער פון „ביולעטין". מיר האָבן דאָרט געלייענט, אַז „די זעקס בעדער פון פּאַוויאַק האָבן גוט דערפילט זייער בירגערלעכן חוב אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט. עס קומט זיי די העכסטע אָנערקענונג מצד דעם גאַנצן קעמפנדיקן פּוילן".

אין יענער צייט זענען מיר פון דער דאָזיקער נאָטיץ לגמרי נישט געווען אנטציקט. זי האָט פאר אונדז געדינט אלס ביישפּיל פון זשורנאַליסטישער אומפאראנטוואָרטלעכקייט. ווען די געשטאַפּאָ וואָלט די דאָזיקע נאָטיץ באמערקט, ווער וואָלט געטראָגן די פאָלגן דערפאר?

מיר האָבן טאקע א לענגערע צייט צוליב דעם געלעבט אין שרעק. צום גליק אָבער האָט די געשטאַפּאָ נישט באמערקט די דאָזיקע נאָטיץ.

# די וואך פון דער תפיסה

## געשטאַפּאָ־צעס־באאמטע

דער קאָמענדאנט פון דער תפיסה איז געווען דער הויפּטשטורמפירער פּיטש, א יונגער פרייסישער דייטש. מיר האָבן אים זעלטן ווען געזען, ווייל ער פלעגט זיך לגמרי נישט אריינמישן אין די אינערלעכע תפיסה־ענינים, פארלאָזנדיק זיך אינגאנצן אויף זיינע פארטרעטער.

ער האָט זיך אָבער געהאט אויף וועמען צו פארלאָזן. זיינע צוויי פארטרעטער, וואָס זענען דאָרט געווען במשך פון מיין צייט, זענען געווען פארדעכנט צווישן די סאמע בייזעסטע הינט, סאדיסטן און מערדער. בעת איך בין געקומען אין תפיסה, איז פּיטשס פארטרעטער געווען דער באַוווסטער בירקל, וואָס זיין נאָמען האָט אויף גאנץ ווארשע געוואָרפן א שרעק און אן אימה. דעם דאָזיקן בירקל האָט די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פארמשפּט צום טויט און דער אורטייל איז איבער אים אויסגעפירט געוואָרן אין אויגוסט 1943. נאָך בירקלס טויט האָט דעם אמט פון פארטרעטער פון תפיסה־קאָמענדאנט איבערגענומען פּאָרסט, אן אלטער מאַן מיט א פּנים פון אן אינטעליגענט, אָבער פּון פּאך א גנב אָדער א מערדער. עס איז פאר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אז דער דאָזיקער פּארסט איז אן אלטער קרימינעלער פארברעכער. צו די ארעסטירטע האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט ארויסגעוויזן די נידעריקסטע סאדיסטישע אינסטינקטן. געווען איז ער אן אמתע חיה רעה.

ארום דעם פארטרעטער פון קאָמענדאנט האָט זיך געדרייט א מנין געשטאַפּאָ־צעס־באאמטע, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די פארשידענע

אָפּטיילונגען פון תפיסה־ביורא. זיי האָבן געהייסן: אלבערטס, צאנדערס, דאָנעי און אנדערע. די דאָזיקע באאמטע זענען אין דער תפיסה אָנוועזנט געווען בלויז במשך פונעם ארבעטס־טאָג. נאָך דער פארענדיקטער ארבעט האָבן זיי פארלאָזט די תפיסה.

## די באוואכונג פון דער תפיסה

א באזונדערע זאך איז געווען די תפיסה־באוואכונג. זי איז באשטאנען בסך הכל פון אכצן מענטשן, צווישן זיי זעקס דייטשן און צוועלף אוקראאינער. יעדן מעת לעת האָט זיך די באוואכונג געביטן. טעגלעך זייגער צוועלף בייטאָג האָט איין גרופּע פארלאָזט די תפיסה און נעגאנגען זיך אָפּרוען. איר פּלאץ האָט פארנומען א צווייטע גרופּע, וואָס איז באשטאנען פון פּונקט אזוי פיל מענטשן, ווי די ערשטע. די אָנפירער פון די דאָזיקע צוויי גרופּעס פון דער תפיסה־באוואכונג זענען געווען: פּריוווירט (דער אָנפירער פון דער ערשטער גרופּע), א ווינער קעלנער און א געפערלעכער מענטש און האניש (דער אָנפירער פון דער צווייטער גרופּע), א האלבער פּאָליאק פון מזרח פּרייסן. דער צווייטער איז געווען א ביסל מער מענטשלעכער פונעם ערשטן און דערפאר אפשר איז אויך די צווייטע גרופּע געווען עפּעס מילדער. ווען האניש מיט זיין גרופּע האָבן איבערגענומען דעם דינסט, פלעגן מיר לייכטער אָפּעטעמען. די דאָזיקע צווייטע וואך האָט אונדז נישט געפּייניקט אזוי אוממענטשלעך, ווי עס פלעגט עס טון פּריווירט מיט זיינע באהעלפערס.

## דער רעזשים

דער רעזשים איז אין דער תפיסה געווען א זייער שטרענגער ביז זומער 1943. די וואכמייסטערס, הן די דייטשע און הן די אוקראאינישע פלעגן גאנצע טעג ארומשפּאצירן איבער די קאָרידאָרן. דורך די וויזיערקעס (קליינע פענצטערלעך, מיט וועלכע עס זענען פארזען די טירן פון די קאמערן) פלעגן זיי אָפט אריינקוקן אין די קאמערן. זיי האָבן באטראכט די ארעסטירטע און טאָמער איז זיי עמעץ נישט געפעלן געוואָרן, האָבן

זיי דעם דאָזיקן אומגליקלעכן ארויסגערופן און געפּייניקט אים כמעט ביז צום טויט. אַזעלכע פאלן פון פּייניקן ארעסטירטע זענען פאָרגעקומען טעג־לעך אין די הונדערטער. די פּייניקער האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע מיטלען. זיי האָבן געהייסן שפּרינגען „זשאַבקעס", געשלאָגן מיט בייטשן און אויפגערייצט ווילדע וועלף־הינט.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 האָט זיך דער רעזשים אביסל געמילדערט. די צאָל פון די אינדיווידועלע שיקאַנעס האָט זיך פאַר־קלענערט, דערפאַר האָט זיך אָבער אין דער צייט באַדייטנד פאַרגרעסערט די צאָל פון טויט־עקזעקוציעס, וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעפירט איי־בער פּאָליאַקן.

אין יענער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943, איז שוין פאַר יעדן קלאָר געווען, אַז די דייטשנס מפּלה דערנענטערט זיך. די אוקראַי־נער האָבן די ערשטע געביטן דעם טאָן. זיי האָבן שוין דעמאָלט געטראַכט וועגן געווינען די סימפּאַטיעס פון די אונטערדריקטע, כדי אין פאַל פון אַן איבערקערעניש זאָלן זיי זיך קענען ראַטעווען.

דעמאָלט האָט שוין אַ טייל פון די אוקראַיִנישע וואַכמייסטערס מיט־געאַרבעט מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, די איבעריקע האָבן זיך באַמיט מיט אַ גוטן באַהאַנדלען די ארעסטירטע צו רעהאַביליט־טירן זיך פון זייערע פריערדיקע שלעכטע מעשים. איך האַלט, אַז נאָך צוליב דעם האָט זיך געבעסערט דער רעזשים אין דער תּפיסה. בלויז בנוגע אונדז יידן האָט זיך דער רעזשים נישט געענדערט. די אוקראַיִנער האָבן אונדז טאַקע אויפגעהערט צו פּייניקן, אָבער דערפאַר האָט פּריווירט, דער רשע, אונדז געפּייניקט ביז צום לעצטן מאָמענט.

## די איבעריקע מיטגלידער פון דער תּפיסה־וואַך

די איבעריקע מיטגלידער פון דער תּפיסה־וואַך זענען געווען די פּויי־לישע פאַרמלחמהדיקע תּפיסה־וועכטער, די אַזוי גערופענע „קלאַווישן". זייער צאָל איז אין פּאַוויאַק דערגאַנגען ביז צוואַנציק. דאָס איז געווען אַ ברוכטייל פון די יעניקע, וואָס האָבן דאָרט געדינט פאַר דער מלחמה.

יעדנפאלס זענען דאָס געווען אזעלכע, וואָס האָבן גוטוויליק איינגעשטימט מיטצואַרבעטן מיט די דייטשן.

די געשטאַפּאָ האָט אָבער צו זיי נישט געהאַט קיין באַזונדערס גרויסן צוטרוי. זיי זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן אין די ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונגען פון דער תפיסה. איין „קלאַוויש" איז געווען שעף פון דער קיך, א צווייטער פון קעסעלרוים, פון דער וועשעריי או"וו. ס'רוב האָבן זיי זיך אנשטענדיק אויפגעפירט, חוץ צוויי, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט גאָר ערנסטע תרעומות. איינער, אָלשעווסקי, איז געווען דער שעף פון די וואַרשטאַטן. א געפערלעכער אנטיסעמיט, וואָס האָט אויף זיין געוויסן געהאַט א סך יידישע לעבנס. נאָך בשעת דער געטאָ-צייט האָט ער א סך יידן, וואָס זענען שוין דעמאָלט געזעסן באַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, געמסרט און אַרויסגעגעבן דער געשטאַפּאָ. אין דער תפיסה גופא האָט ער געפייניקט און געטרודפט יידישע אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן.

א צווייטער איז געווען מיטן צונאָמען „משוגענער פּעלוש", א דער־גענערירטער שכור, וואָס איז שולדיק אין טויט פון די זיבן יינגלעך, וועלכע האָבן געמאַכט דעם פּרווו צו אַנטלויפן פון קעסלרוים (די געשעעניש איז באַשריבן אין איינעם פון די וויטערדיקע קאַפּיטלען). אלס שעף פון קעסל־רוים האָט „פּעלוש" שטאַרק געפּייניקט זיינע אַרבעטער, סיי די יידישע און סיי די גוייאישע.

לסוף וויל איך נאָך דערמאָנען וועגן די פּרויען וואַכמייסטערקעס, פאָלקס דייטשקעס, וואָס האָבן זיך איינגנוויליק געמאָלדן צו דער דאָזיקער אַרבעט. געווען איז אין פּאַוויאַק א וואַכמייסטערקע מיטן נאָמען מאַרושאַ, א מויד פון צוואַנציק יאָר, וואָס איר אַמתדיקע פּראָפעסיע איז געווען פּראָס־טיטוציע. די דאָזיקע מאַרושאַ האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען צו פּייניקן די יידישע פרויען, וואָס זענען אין דער טויטן-קאַמער געזעסן א מעת לעת פאַר דער עקזעקוציע. זי האָט געהייסן די פרויען קריכן אויף אַלע פיר איבערן תפיסה-הויף, זי האָט זיי געריסן ביי די האָר און געשלאָגן מכות רצח.

וואַרשיינלעך האָט מאַרושאַ געפּייניקט אויך די פּאָלקעס. א באַווייז, אז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט זי פאַרמשפּט צום טויט. דעם אורטייל האָבן פּוילישע קעמפער אויסגעפירט אין א געוויסן אָוונט

אין חודש אפּריל 1944, אין סאַמע האַרץ פון וואַרשע, אויף דער קאַשי־קאָווא גאַס. מען האָט זי אַרײַנגענאַרט אין אַ פינצטערן טויער, דאָרט איר פאַרגעלייענט דעם אורטייל און אַרײַנגעשאָסן איר אַ קויל.

אַ צווייטע וואַכמייסטערקע, איבער וועלכער די אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל, איז געווען אַן איבער פערציק יעריקע פרוי. איך האָב זי געקענט. יעדן טאָג האָט זי דורכגעשפּרייזט דעם תפיסה־הויף, האַרט נעבן אונדזערע פענסטער. איר נאָמען איז מיר נישט געווען באַקאַנט. זי האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ גוט דערצויגענער, אינ־טעליגענטער פרוי. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָרין. זי האָט אויסגענוצט דעם צוטרוי, וואָס די אַרעסטירטע פרויען האָבן איר געשענקט, זי האָט ביי זיי גענומען „גריפסן", כלומרשט איבער־צוטראָגן אין שטאָט. די „גריפסן" האָט זי אָבער איבערגעגעבן אין געשטאַפּאָ און אַזוי אַרום האָט זי פאַראומגליקלעכט הונדערטער מענטשן, מיטגלידער פון די פּוילישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס. איר טויט האָט זי גע־פונען אין מיטן פון אַ שיינעם פרילינג־טאָג 1944 אויף אַ וואַרשעווער גאַס.

* * *

דאָס זענען זיי געווען, די פייניקער און מערדער, וועמענס מאַכט איבער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס איז געווען אָן אומבאַגרענעצטע. בלויז במשך פון די לעצטע צוויי יאָר פון דער היטלער־אָקופּאַציע אין פּוילן איז דורך דעם פאַוויאַק דורכגעגאַנגען אַ צאָל פון אַן ערך פופציק טויזנט אַרעסטירטע. צווישן זיי זענען געווען ביי די אַכט טויזנט יידן. פון די דאָזיקע יידן איז אפילו קיין זכר נישט געבליבן. אַלע זענען זיי געפאַלן פון די הענט פון יענע פייניקער און מערדער.

בלויז עטלעכע יחידים, מיטגלידער פון דער לעצטער יידישער עדה פון וואַרשע, וואָס זענען על פּי נס ניצול געוואָרן פון מערדערישע הענט, וואָגלען היינט אַרום איבער דער וועלט. זיי זענען די לעבעדיקע עדות פון איינע פון די פיל יידישע טראַגעדיעס, פון דער טראַגעדיע — פּאַוויאַק.

צווייטער טייל

# געשטאַלטן און מעשים

## א גלגול וועג

מיט האסטיקע טריט האָט רודאָלף געשפּרייזט איבער די ברייטע וואַרשעווער גאַסן. נישט מער ווי עטלעכע טעג געפינט ער זיך אין דער גרויסער שטאָט, נאָר פילן פילט ער זיך שוין דאָ ווי א פיש אין וואַסער.

דאָס ביז איצטיקע לעבן אין זיין שטעטל אויף דער פאַרוואָרפענער גאַליצישער פּראָווינץ האָט זיך אים שטאַרק איינגעביסן אין די ביינער. בפרט במשך פון די לעצטע וואָכן, אין אָנהייב יוני 1943, ווען די דייטשע רוצחים האָבן פאַרענדיקט די ליקווידאַציע פון יידן אין שטעטל און ווען זיי האָבן אין א וואַרעמען זומער־טאָג אוועקגענומען ביי רודאָלפן זיין פרוי און זעקסיעריקע מיידעלע, האָט ער זיך דערפילט אינגאַנצן צעבראָכן. אין טראַגישן מאָמענט פון אוועקנעמען זיין פאַמיליע איז רודאָלף געווען ביי דער ארבעט אין א דייטשער פאַבריק. ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן זיין גרויסן אומגליק. תחילת האָט רודאָלף באַשלאָסן נאָכצוגיין זיין קליינער פאַמיליע און זיך פרייוויליק מעלדן צו דער געשטאַפּאָ.

— לאָמיר שוין צוזאַמען שטאַרבן — האָט ער געטראַכט.

אָבער ווען עס איז געקומען צום אויספירן דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט ער זיך פּלוצלינג דערפילט שוואַך. ער איז געבליבן ליגן אויף זיין געלעגער און מיט די אויגן פון זיין פאַרפייניקטער נשמה האָט ער בילדלעך

געזען, ווי מען האָט זיין ווייב און זיין מיידעלע געפירט צום שרעקלעכן טויט.

ערשט נאָך עטלעכע טעג איז רודאָלף אויפגעשטאַנען פון זיין גע־לעגער. ער האָט צו זיך געזאָגט:

— מער וועל איך פאַר די שונאים נישט אַרבעטן. איך מוז פון דאַנען אַנטלויפן.

רודאָלפן האָט דעמאָלט נישט אינטערעסירט מער דאָס לעבן. ער האָט נאָר געלעכצט פטור צו ווערן פון שרעקלעכן קאָשמאַר. געטראַכט האָט ער וועגן קאַמף. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו באַזאָרגן זיך דאָס געווער. ער האָט זיך אויך נישט געקענט דערוויסן, ווו עס געפינען זיך פּאַרטיזאַנער. ער האָט געטראַכט וועגן סמען זיך, אָבער קיין סם האָט ער אויך נישט געהאַט.

רודאָלף איז געווען זיכער, אַז באַלד, ווי ער וועט נאָר שטעלן דעם ערשטן טריט אויף דער „אַרישער זייט", וועט מען אין אים תיכף דער־קענען דעם ייד. דאַן וועט שוין קומען זיין סוף. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן זיך צו לאָזן אויף אַ רייזע. ער איז געווען זיכער, אַז דערפאַרן וועט ער נישט ווייטער ווי אין די נאָענטסטע תפיסה. זוי צו להכעיס זיך אַליין איז אָבער רודאָלף אומגעשטערט דערפאָרן ביז וואַרשע.

אָנגעקומען איז רודאָלף קיין וואַרשע אָן שום דאָקומענטן. אַרויס־גייענדיק פון וואַקזאַל, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין עלטערער ברודער, וואָס איז מיט זעקס חדשים צוריק אַנטלאָפן פון שמעטל, געפינט זיך אין וואַרשע. רודאָלף האָט זיך דערמאָנט דעם ברודערס אַדרעס. ער האָט זיך געלאָזט צו אים גיין.

ביים ברודער אין שטוב איז רודאָלף אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט. נאָך אַ וואָך ליגן איז ער אַ וואַקלענדיקער זיך אויף זיינע פיס אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. די געוואַלטיקע באַוועגונג, די מאַסן־מענטשן, די עלעגאַנטע קליי־דער און צעשמייכלטע פּנימער פון די דורכגייער האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

— הערן נאָר — האָט ער געזאָגט צום ברודער, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין סוף וועלט און דאָ איז דאָך פאַראַן אַ לעבן, ווי קיין מאָל גאָרנישט.

דער ברודער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָרנישט געענטפערט.

מען האָט געמוזט זוכן צו פאַרדינען אויף חיונה. קומענדיק קיין וואַרשע, האָט ביי זיך רודאָלף געהאַט בסך הכל עטלעכע הונדערט זלאָטעס. דער ברודער איז אויך געווען זייער אָרים און געהאַט מיט זיך זיין פרוי. דער ברודער האָט געקענט אַ סוחר אויף נאָווי שוויאַט, ביי וועלכן ער האָט גענומען סחורות, כדי זיי אָפּפאַרקויפן אין די קלענערע געשעפטן. ביידע זענען זיי אַוועק צום סוחר. דער ברודער האָט פאָרגעשטעלט רודאָלפן אלס אַ באַקאַנטן, אַן אנשטענדיקן מענטש און אַ געטרייען פּאָליאַק. ער האָט ביים סוחר געבעטן, אַז ער זאָל אויך רודאָלפן געבן סחורות צו פאַרקויפן.

זינט דעם טאָג איז רודאָלף אַרומגעגאַנגען צווישן די וואַרשעווער זייף־געשעפטן און פאַרקויפט דאָרט סחורות. פאַרדינט האָט ער נישט שלעכט. עס האָט געגוגנט אויף עסן און איינגעאָרדנט האָט ער זיך אויך אין אַ באַזונדערן צימער. דאָס צווייטע האָט ער געטון צוליב פאָרזיכטיקייט. בכלל האָבן זיך אַזוי נוהג געווען די באַהאַלטענע יידן אין וואַרשע, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון פּאָליאַקן, אַז זיי האָבן נישט געוווינט צוזאַמען. ווייל טאָמער פאַלט איינער אַריין, זאָל דער צווייטער דערפון נישט ליידן.

צו די דאָזיקע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען האָט רודאָלף מסכים געווען אונטערן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון זיין ברודער. אליין איז ער צו אַלעמען געווען גאַנץ גלייכגילטיק. אויך האָט ער בכלל נישט געגלייבט קיין אכט אויף די מוסר־רייד פון זיין ברודער, וועלכער האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך נישט אַרומדרייען אין די געפערלעכע געגנטן פון שטאָט. בפרט איז געווען פאַר די יידן געפערלעך די געגנט פון פּלאַץ קאַזשימיעזשא, וווּ עס האָבן געבושעוועט המונים פון שאַנטאַזשיסטן, וועלכע האָבן געזוכט אַרויסצופּרעסן געלט ביי יידן.

גאַנץ גלייכגילטיק האָט זיך רודאָלף צוגעהערט צום ברודערס מוסר־רייד, פּונקט ווי נישט אים מיינט מען דאָס. קיין חידוש נישט. רודאָלף איז נישט אימשטאַנד געווען איינצוזיצן אויף איין אָרט. ווען ער האָט זיך בלויז אויף אַ רגע אָוועקגעריסן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין איצטיקן מאָמענט, זענען אים תיכף, ווי בייזע ווערים, באַפאַלן זיינע טרוי־

עריקע געדאנקען. דעמאָלט איז ער שוין פון זיי געווען א געפאנגענער, ער האָט געפילט, אז ער מוז אויסגיין.

דערפאר איז ער טאקע במשך פון גאנצע טעג ארומגעלאָפן איבער גאסן, נישט ליינגדיק קיין אכט אויף די פארשארפטע און געדיכטע פאָליציי־פאטראָלן, וואָס האָבן אין יענער צייט געכישטערט אין די ווארשעווער גאסן, זוכנדיק יידן און אנדערע „פארדעכטיקטע עלעמענטן".

אין א געוויסן פרימאָרגן, בכך הכל דריי וואָכן נאָך זיין קומען קיין ווארשע, האָט זיך רודאָלף געפונען אין דער נאָענט פון פלאין קאזשימיערזשא. שאנטאזשיסטן־פאָליאקן, וואָס האָבן אין אים דערקענט דעם ייד, האָבן אים פארטשעפעט. בשעת ער האָט זיך מיט זיי געאמפערט, איז צוגעקומען א דייטשער ציוויליסט און האָט רודאָלפן פארהאלטן. די פאָליאקן זענען נעלם געוואָרן און דער דייטש האָט צוגערופן צוויי זשאנדארמען.

רודאָלף איז געברענגט געוואָרן אין געשטאַפּאָ. דאָרט איז ער פנים אל פנים געשטאנען מיטן שרעקלעכן תלין פון ווארשעווער געטאָ, בראנד. דער תלין האָט רודאָלפן אויסגעפאָרשט און דערנאָך איז ער געקומען צום אויספיר, אז רודאָלף איז נישט קיין ייד. נאָר אזוי ווי זיינע פאפירן זענען נישט מיט אלעמען אין אָרדענונג, זאָל ער אלנפאלס איינגעזעצט ווערן אין פאוויאק.

די ערשטע נאכט האָט רודאָלף פארבראכט אין א קאמער, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער פון געשטאַפּאָ־בנין. די דאָזיקע קאמערן האָט מען אין ווארשע גערופן „טראמווייען" צוליב די אויסגעשטעלטע בענק, וואָס האָבן דערמאָנט דעם אינערלעכן טייל פון א טראמוויי־וואגאָן. צומאָרגנס איז רודאָלף צוזאמען מיט אנדערע ארעסטירטע אין א לאסט־אויטאָמאָביל אוועקגעפירט געוואָרן אין פאוויאק.

פאָרנדיק מיטן אויטאָמאָביל, האָט רודאָלף צום לעצטן מאָל אָנגעקוקט די פרייע וועלט. ער האָט באוואונדערט די באוועגונג פון דער גרויסער שטאָט. טראמווייען פאָרן, דורכגייער גייען אהין און צוריק. מען איילט זיך, כדי נישט צו פארשפעטיקן מיטן דערליידיקן די געשעפטלעכע ענינים, מען שטעלט זיך אָפּ, מען כאפט א שמועס מיט א היימישן. דאָס לעבן גייט פאָראויס און קיינעם ארט נישט, אז אָט אין דער „בודע" זיצט שוין רודאָלף א געפאנגענער, אז ער געפינט זיך אין די הענט פון די מערדערס

און פון אונטער די דאָזיקע הענט גייט שוין קיין ייד נישט ארויס א לע־בעדיקער. רודאָלף איז נישט געווען קיין שטארקער מאמין, אָבער אין יענעם מאָמענט האָט ער אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן נאָט.

— אפשר איז דאָך פאראן א גאָט אויף דער וועלט? נאָר ווען ער וואָלט געווען, וואָלט ער דאָך נישט דערלאָזט צו דער שהיטה פון די אומ־שולדיקע קינדער. און בפרט נאָך, וואָס לעב איך נאָך? פאר מיר וואָלט געווען בעסער, ווען איך בין שוין איצט א מת. אויב גאָט איז פאראן, מוז ער זיין זייער גרויזאם. איז דען דער טויט אליין ווייניק? פארוואָס האָט ער נאָך גוזר געווען אויף אלע יידן דורכצומאכן דעם גרויליקן וועג, וואָס פירט צום טויט?

אין רודאָלפן האָט זיך דערוועקט א שטארקער באגער צו זיין שוין טויט. ער האָט שטארק מקנא געווען זיינע נאָענטע, וועלכע האָבן אין יענעם מאָמענט זייער מארטירער־וועג געהאַט הינטער זיך.

פארטיפט אין זיינע געדאנקען איז רודאָלף געווען, ווען דער אויר־טאָמאָביל האָט זיך אריינגעראָלט אין תפיסה־הויף. א צעטומלטן האָט מען אים געפירט אין קאנצעלאריע און דערנאָך צו דער אבטער אָפּטיילונג, וואָס האָט פארנומען א העלפט פון גרויסן תפיסה־קעלער.

מיר דערמאָנען זיך פון פריער, אז בראַנד האָט פון רודאָלפן אראָפּ־גענומען דעם חשד פון יידישקייט. אין דער תפיסה האָט אָבער די ניי־אָנגעקומענע באקוקט א דאָקטאָר. דער דאָזיקער דאָקטאָר איז, אגב, געווען א באַליאַק און אויך אן ארעסטירטער. ווען דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט רודאָלפן באקוקט, האָט ער תיכף צום וואכמייסטער א ווינק געטון:

— „דיזער איסט בעשניטען".

דער וואכמייסטער האָט זיך דערנענטערט צו רודאָלפן און אים א פרעג געטון:

— „ביסט דו יודע?"

— ניין — האָט רודאָלף געענטפערט.

אָבער דער וואכמייסטער האָט שוין נישט געהערט רודאָלפס ענט־פער. ער האָט אים דערלאַנגט א הילכיקן פּאַטש און דאַן גענומען קאָפּען אים מיט זיינע גנקאָוועטע שטיוול. בשעת דעם שלאָגן האָט דער דייטש געשריגן:

— פארוואָס האָסטו זיך נישט מודה געווען, דו הונט? די דייטשע פאָליציי ווילסטו אָפּנאַרן?

א ביז בלוט צעשלאָגענעם האָט דער וואכמייסטער רודאָלף ארייג־געוואָרפן אין א קאמער. די שווערע טיר האָט זיך נאָך אים פארהאקט. רודאָלף האָט זיך ארומגעקוקט מיט פארגעפלטע אויגן. ארום אים זענען געשטאַנען עטלעכע צענדליק יידן.

# דער בלאָנדער גבור

ליפשיץ האָט זיך היינט אויפגעוועקט פריער ווי יעדן טאָג. מיט א פארשלאָפענעם בליק האָט ער א קוק געטון אויפן אלטן וואנט־זייגער, וואָס איז געהאנגען פונקט אנטקעגן זיין בעט. עס איז געווען זיבן אזייגער און די גאָלדענע זון־שטראַלן האָבן זיך דרייסט אריינגעריסן דורכן אָפענעם פענסטער אין ליפשיצס שלאָפצימער.

אין צווייטן בעט איז געלעגן זיין פרוי און נעבן איר זיין טעכטערל, ביידע נאָך איינגעהילט אין טיפן פארטאָגיקן שלאָף. זיין צוויייעריקער זון איז געשלאָפן אין דעם קליינעם פון שטרוי געפלאָכטענעם בעטל. דער קליינער האָט צעקאָפּעט די קאָלדרע, מיט וועלכער ער האָט געדארפט זיין צוגעדעקט. ער האָט זיך עפּעס מאָדנע אויסגעדרייט אין א זייט און געלעגן איז ער אויף דער ברייט פון בעטל.

שטילערהייט האָט זיך ליפשיץ אראָפּגעשלייכט פון זיין געלעגער. באָרוויס האָט ער זיך דערנענטערט צום פענסטער און ער האָט גענומען ארויסקוקן אויף דער שטילער גאס. מען האָט נאָך כמעט נישט געזען קיין דורכגייער. נאָר פון דערווייטנס זענען דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פון די טראמוויי־גלאָקן. די פרימאָרגנדיקע שטילקייט האָט געהערשט איבער ווארשע.

פונקט אזוי ווי ער האָט עס געפלעגט טון יעדן אינדערפרי, האָט ליפשיץ געמאכט עטלעכע אויסגערעכנטע גימנאסטישע באוועגונגען. דער־נאָך האָט ער זיך גענומען ראזירן. ער האָט זיך געוואשן און געדוידערט האָט נישט לאנג, איז ער שוין געווען אינגאנצן אָנגעטון.

די פרוי האָט זיך איבערגעוועקט. מיט פארשלאָפענע אויגן ארומ־

געקוקט זיך איבער דער גאנצער שטוב. און ווען זי האָט דערזען דעם מאַן און אָנגעטוענעם, האָט איר פּנים אויפגעבליט מיט א ליבן שמייכל. עס איז געווען עפּעס א געמישט שמייכל פון צופרידנקייט און א גרענעצלאָזע ליבשאפט. די פרוי האָט איר מאן שטארק ליב געהאַט, פּונקט אזוי, ווי ער זי און זייערע קליינע קינדערלעך. זי האָט געוווּסט, אז נאָר אדאנק זיין איבערמענטשלעכן כוח און זיין איניציאַטיווע לעבן זיי אלע נאָך ביז היינט. און גאָט ווייסט זיי מסתמא באשיצן אויך ווייטער. אזוי לאנג, ביז צו דעם איצטיקן קאָשמאַרדיקן לעבן וועט ענדלעך נעמען א סוף.

איצט האָט זי באטראַכט די שיינע און הויך געוואַקסענע, כמעט אטלעטישע געשטאַלט פון איר מאַן. ער איז צו איר צוגעגאנגען, זיך אראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון איר בעט. זי האָט אים ארומגענומען דעם האַלדז, געקושט אים דעם קאָפּ בלאָנדע האָר, דאָס פּנים, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט מיט געזונט און זיינע בלויע אויגן. ליפּשיץ האָט געקושט זיין פרוי, דערנאָך האָט ער נאָך א לאנגע ווײַלע געקושט די שלאָפנדיקע קינדער און דאַן איז ער מיט שנעלע טריט ארויס אין גאַס.

ליפּשיץ האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, אז ער געהערט צו די ווייניקע גליקלעכע יידן, וועלכע האָבן באוויזן אפילו איין טאָג נישט צו פארברענגען אין געטאָ. דאָס האָט ער קודם כל געהאַט צו פאַרדאנקען זיין נישט יידישן אויסזען און חוץ דעם נאָך א ריי אנדערע סיבות, אויף וועלכע עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

ליפּשיצס פאָטער, א באַלעבאַטישער ייד, האָט זיין זון געגעבן א וועלטלעכע דערציאונג. ליפּשיץ האָט געלערנט אין גימנאַזיע, דערנאָך אויף דער אוניווערסיטעט. ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פון א כעמיקער. דערביי האָט ער זיך תמיד שטארק אינטערעסירט מיט ספּאָרט. נאָך בשעת די סטודענטישע צייטן האָט ער געהערט צו די בעסטע שווימערס און באָקסערס פון זיין קרייז. אין מיליטער, וווּ ער האָט געדינט, איז ער געווען דער בעסטער שיסער פון רעגימענט. ער איז טאַקע געווען שטארק באַליבט ביי זיינע פאָרגעזעצטע אָפיצירן און ער האָט דאָס מיליטער פאַרלאָזט אלס אָפיציר־אספּיראַנט (פּאָדכאָראָנזשי).

אין יאָר 1936 האָט ליפּשיץ פאַרענדיקט דעם מיליטערישן דינסט. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן תכלית. נאָך זייענדיק אין מיליטער,

האָט ער אין פּויזן געמאַכט געוויסע באַקאַנטשאַפטן, איצט האָט ער באַשלאָסן פּראַקטיש אויסצונוצן זיי. מיט דער הילף פון די דאָזיקע באַקאַנטע האָט ער זיך אין פּויזן געדונגען א געשעפטס־לאָקאַל און איינגעאָרדנט א געשעפט פון כעמישע אַרטיקלען.

פּויזן איז תמיד געווען דורכגעדרונגען פון אַנטיסעמיטיזם. וואָלט זיך ליפּשיץ מודה געווען אין זיין א ייד, וואָלט ביי אים א קונה נישט געעפנט קיין טיר. ליפּשיץ האָט זיך דערמיט גערעכנט און ער האָט זיך פון אָנהייב אָן איינגעמאָלדן אַלס פּאָליאַק. דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט מיט א יידיש מיידל פון זיין שטעטל, אָפּגעלעבט מיט איר עטלעכע גליקלעכע יאָר ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה און קיין מאָל האָבן זיי, אַפילו פאַר די נאָענטסטע שכנים, נישט פאַרראַטן זיך מיט זייער יידישקייט.

דאָס איז זיי בשעת דער מלחמה שטאַרק צונוץ געקומען. ווען דייטשן זענען אַריינגעקומען קיין פּויזן, האָבן זיי דאָס רוב פּאָליאַקן פאַריאָגט פון דער שטאָט. ליפּשיץ מיט זיין פרוי און קליין טעכטערל, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט, האָבן זיך צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער פּאָליאַקן באַזעצט אין וואַרשע. זיי האָבן געהאַט די בעסטע מאַסקירונג. פּויזנער ליט האָבן זיי געקענט אַלס פּאָליאַקן און במילא איז זיי זייער לייכט אָנגעקומען צו שפּילן די זעלבע ראָלע אויך אין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט זיך ליפּשיץ געמאַכט א קליין פאַבריקל פון כעמישע פּראָדוקטן. ליפּשיץ האָט גוט פאַרדינט. ער האָט באַוויזן צו פאַרגרעסערן זיין פאַבריק און הגם ער האָט זיך געמוזט שטאַרק היטן מיט זיין יידישקייט, האָט ער דאָך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווער ער איז. תיכף נאָכן באַזעצן זיך אין וואַרשע האָט ער אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אונטערשטיצט יידן און ער האָט אין זיין פאַבריק אויף וואָלע איינגעאָרדנט א פאַרקאָנספּירירטן צענטער פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

איצט איז ליפּשיץ פון זיין שטוב אַראָפּ אין גאַס. פּונקט אַזוי ווי יעדן אינדערפרי, האָט ער זיך גענומען צופאָרן אין זיין פאַבריק. נאָר היינט איז ער אַרויסגעגאַנגען אַביסל פריער ווי געוויינלעך. אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געאיילט, האָט ער באַשלאָסן נישט תיכף זיך אַריינצוזעצן

אין טראַמוויי, נאָר אַ שטיקל וועג גיין צו פוס, כדי צו באַטראַכטן די פרי־מאָרגנדיקע באַוועגונג פון דער גרויסער שטאָט.

מיט זיכערע טריט האָט ער געשפּאַנט איבער דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס. אַנטקעגן אים זענען געגאַנגען המונים דייטשן. דייטשן אין פאַרשידנ־אַרטיקע מונדירן און ציוויל געקליידעטע מיט האַקנקרייצן אין די קנעפּ־לעכער. ליפשיץ האָט זיי אַלע גלייך אַריינגעקוקט אין די פּנימער. הייגט האָבן אים די דאָזיקע מנוולים, וואָס האָבן מיט זייערע ספּעציפיש גאַווה־דיקע טריט געשפּרייזט איבער דער באַזיגטער ערד, עפּעס מער ווי תמיד פאַרשאַפט פאַרדרוס. די באַוועגונג פון דייטשן איז גראָד אין דער שעה געווען אַ גרויסע. זיי האָבן זיך געאײַלט אין זייערע ביוראָס. זיי זענען געשפּרונגען אין די טראַמווייען מיט די אויפשריפטן „נור פיר דויטשע", ווי פאַרסמטע זענען זיי געלאָפן אַהין און צוריק.

ליפשיץ האָט באַטראַכט זייערע פעטע צופריד־ענע מאָרדעס און זיין האַרץ איז פול געווען פון ווייטיק און שנאה קעגן די פאַרברעכערס, וואָס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען ייִדישע קינדער. פּלוצלינג האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן באַגער אַריינצושפּייען אין פּנים אַ דורכגייענדיקן הויכן עס־עס אָפיציר מיט אַ רויטער נאָז, אויף וועלכער עס זענען געזעסן אַ פּאָר גרויסע ברילן.

— ליפשיץ, האַלט זיך — האָט ער צו זיך געפליסטערט.

דערנאָך איז ער פלינק ווי אַ קאַץ אַריינגעשפּרונגען אין אַ דורכ־פאָרנדיקן טראַמוויי.

ליפשיץ איז אויסגעשטיגן אויף וואָלסקאַ גאַס. פון דאַנען האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל וועג צו פוס. ער האָט זיך גענומען גיין. געמאַכט עטלעכע שריט, האָט ער דערפילט, אַז עמעץ גייט אים נאָך. ער האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט הינטער זיך אַ הויכן פאַרשוין אין אָפי־צירישע הויכע שטיוול. עפּעס האָט אים אַ שטאָך געטון אין מוח. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. ליפשיץ האָט דווקא נישט געהערט צו די איבערגעשראָקענע, אָבער איצט האָט ער בחוש דערפילט די סכנה. ער האָט פאַרשנעלערט די טריט און מיט די אויגן האָט ער גע־זוכט, צי עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו מאַכן פליטה. די גאַס איז

אָבער כמעט געווען לײדיק. ליפּשיץ האָט נישט געזען קײן מעגלעכקײט אוועקצוריײסן זיך פון דעם פאַרפאָלגערס אויגן.

אפשר ארײנשפּרינגען אין א טויער? אין דער רגע האָט זיך ליפּשיץ באַרעכנט, אז עס איז נישט כדאי. ער האָט שוין גוט געקענט אַלע טויערן פון יענער געגנט. ער האָט געוווּסט, אז זײ האָבן נישט קײן דורכגענג. הכלל, וואָס וועט ער האָבן פון ארײנשפּרינגען אין טויער? ער וועט דאָך תיכף בלײבן אין אים א געפאַנגענער.

דערווײל האָט ליפּשיץ הינטער זיך דערפילט גיכע און האסטיקע טריט. תיכף זענען פאַר אים געשטאַנען צווײ הויך געוואַקסענע פאַרשוינען. הינטער זיך האָט ליפּשיץ געפילט א דריטן.

זײ האָבן פאַררעדט ליפּשיצן אין דער פּוילישער שפּראַך און ליפּשיץ האָט פאַרשטאַנען, אז ער האָט צו טון מיט „קריפּאָ"-לײט (דײטשע קרי־מינאַל־פּאָליציי, אין וועלכער עס האָבן כ'רוב געדינט פּאָליאַקן). דער ערשטער חברה־מאַן האָט שוין געהאַלטן א רעוואָלווער אין דער האַנט. מיט כּוח האָט ער ליפּשיצן ארײנגעשטופּט אין נאָענטסטן טויער. ליפּשיץ איז ארײן אין טויער. נאָך אים די דרײ לײט. דער ערשטער מיטן רעוואָל־ווער אין דער האַנט, די איבעריקע צווײ די הענט אין די קעשענעס.

— גיב אהער דײַנע דאָקומענטן — האָט ער דער ערשטער באַפוילן.

ליפּשיץ האָט זיך ארומגעקוקט. ער איז געשטאַנען אין ווינקל פון א גרויסן קאָרידאָר, א צוגעשפּאַרטער צו דער וואַנט.

— עס האַלט שלעכט — האָט ער געטראַכט, און ווילנדיק געווינען א ביסל צײט, האָט ער דעם קריפּאָ־מאַן געענטפערט מיט א פראַגע:

— נאָך וואָס דאַרפט איר מײנע דאָקומענטן?

ליפּשיץ האָט געוואָלט אָנהײבן א פרווו וועגן דורכקומען מיט זײ מיט געלט. אָבער דער ערשטער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט האָט זיך נישט געלאָזט פאַררעדן. ער האָט אויסגעשריגן צו ליפּשיצן:

— די הענט הויך!

ליפּשיץ האָט איצט פאַרשטאַנען, אז מיט זײ וועט ער שוין נישט קענען דורכקומען. אין דער רגע איז ער אינגאַנצן אויפגעטרײסלט געוואָרן. פלינק ווי א קאַץ האָט ער זיך א וואָרף געטון אויף דעם מיטן רעוואָלווער. מיט דער לינקער האַנט האָט אים ליפּשיץ אָנגעכאַפּט בײ דער האַנט, אין

וועלכער ער האָט געהאלטן דאָס געווער. א גענײטע באַוועגונג און דער קריפּאָ־מאן האָט געלאָזט דעם רעוואָלווער. ליפשיץ האָט מיט דער רעכ־טער האנט אין דער זעלבער רגע געכאפּט דעם רעוואָלווער. דער אגענט, א פארבליפטער, האָט אפילו נישט געהאט קיין צייט אָפּצושטעמען. דער נאנצער משא ומתן האָט געדויערט א האלבע סעקונדע. תיכף איז געפאלן א שאָס און דער אגענט איז שוין געלעגן אויף דער ערד. א צווייטער שאָס און דער צווייטער חברה־מאן איז געווען פארטיק. ליפשיץ האָט ווייטער געצויגן ביים צינגל, אָבער דער רעוואָלווער איז געבליבן שטיל, ער האָט מער נישט געענטפערט. אן אומגליק, דער רעוואָלווער האָט זיך פארהאקט.

דער דריטער אגענט, וואָס איז אזוי ארום געבליבן לעבן, האָט אָנ־געהויבן צו שרייען געוואלד. מענטשן זענען זיך צוזאמענגעלאָפן. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואקסן דייטשע זשאנדארמען. ליפשיץ איז געווען א פארלוירענער.

* * *

„דינסטשטעללע דער זיכערהייטספּאָליציי ווארשאַו" — אזא טאָוול איז געהאנגען איבערן טויער פון א גרויסן בנין אין די שוכא־אַלייען. אויפן צווייטן אָדער דריטן שטאָק פון דעם דאָזיקן בנין איז געווען א צימער, וואָס אויף דער טיר איז אָנגעשריבן געווען: „יודען אפּטיילונג — לייטער: אונטערשטורמפיהרער בראַנד".

ליפשיצן האָבן זשאנדארמען אריינגעפירט אין דאָזיקן צימער. א מיטלוווּקסיקער און בייכיקער דייטש, מיט א גוטמוטיקן פּנים איז דער תלין בראַנד געשטאַנען פאַר דעם הויכגעוואקסענעם ליפשיץ און האָט צו אים ארויפגעקוקט גלייך אין די אויגן. בראַנד האָט שוין געהאט א מעל־דונג וועגן דעם פּאַרפאַל אויף וואלבקא גאַס. איצט האָט ער פריינטשאפט־לעך און מיט באוווּנדערונג באטראכט ליפשיצן. ער האָט בלויז געוואָלט וויסן, ווי אזוי האָט ליפשיץ באוויזן ארויסצורייסן דעם רעוואָלווער ביים אגענט.

ליפשיץ האָט זיך איצט געפילט אינגאנצן פארשפּילט. ער האָט שוין נישט געהאט קיין שום האָפענונג אויף ראטעווען זיך. ער איז געשטאַנען

פאר בראנדן און ממש געציטערט ווי א פיש. ער האָט נישט מורא געהאט פארן טויט, נאָר ער האָט געוווּסט, אז די דייטשן וועלן זיך אָן אים וועלן נוקם זיין פארן דערשיסן די צוויי אגענטן און מסתמא וועלן זיי אים שטארק פּייניקן פארן טויט.

אָבער דער פריינטשאפטלעכער אויפנעם ביי בראנדן האָט תיכף צער־בלאָזן די שוואַרצע כמארעס. ליפשיץ האָט זיך אינערלעך א ביסל באַרואיקט און געזוויזן בראנדן די קונץ פון ארויסרייסן דעם רעוואָלווער. בראנד איז געווען אנטציקט. ער איז ארויסגעלאָפן פון צימער און תיכף צוריקגעקומען נאָך מיט א צווייטן געשטאפּאָוויעץ, עפּעס א גרעסערן אָפּי־ציר. ליפשיץ האָט געמוזט נאָך אמאָל ווייזן זיין קונץ. דערנאָך זענען אריינגעקומען נאָך א סך געשטאפּאָ־לייט. זיי האָבן ליפשיצן באַטראַכט, ווי עפּעס א זעלטענע חיה. ליפשיץ האָט נאָך עטלעכע מאָל געמוזט ווייזן די קונץ. בראנד האָט אים עטלעכע מאָל פריינטשאפטלעך געקלאַפּט איבער די אקסלען, געגלעט איבערן קאָפּ און לסוף אים געזאָגט:

— „דו ביסט איין בראַווער בורשע”. אַזעלכע יונגעלייט ווי דו דארפן מיר האָבן צו דער ארבעט. דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן.

בראנד האָט באַשטעלט פאר ליפשיצן דעם בעסטן מיטאָג, געגעבן אים ציגארעטן. דערנאָך האָט ער אים אליין מיט גרויס כבוד ארויפגעפירט אין „טראַמוויי”־ארעסט.

ליפשיץ איז אין „טראַמוויי” געזעסן איינער אליין. ער האָט איצט דורכגעטראַכט זיין לאַגע. אָט ווארט שוין איצט אויף אים זיין פרוי. אין דער צייט קומט ער אַהיים עסן מיטאָג. איר ווארטן איז אָבער אומזיסט. ער וועט שוין היינט נישט קומען און מסתמא וועט ער שוין קיין מאָל נישט זען זיין פרוי און די קינדער.

די פרוי נעבעך, זי וועט שוין באַלד ווערן אומרואיק, הלמאי דער מאַן פאַרשפּעטיקט זיך. פארנאַכט, ווען זי וועט זען, אז ער איז נישטאָ, וועט זי טעלעפאָנירן אין פאַבריק. פּונקט אזוי האָט זי געטון מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווען ער האָט זיך צוליב א געשעפט פארשפּעטיקט אַהיים. נאָר דעמאָלט איז ער אליין געווען ביים טעלעפאָן, אָבער ווער וועט אי־פון דאָרט ענטפערן היינט? ליפשיין האָט שטארק רחמנות באַקומען אויף

זיין פרוי מיט די פּיצלעך קינדער. אָן אים זענען זיי דאָך פולשטענדיק שוצלאָז צווישן די רוצחים.

אוי, ווי גרויזאַם דער גורל איז! דאָ מוז ער זיצן א פאַרשפּאַרטער און דאָרט וואַרטן זיי אויף אים, זיינע — ליפשיץ האָט שטיל אַרויסגע־פּליסטערט דאָס וואָרט — יתומים.

א גאַנצע נאַכט האָט זיך ליפשיץ אָפּגעמאַטערט, זיצנדיק אויף א גרויסער האָלצערנער שטול. אינדערפרי האָט אים א געשטאַפּאָ־מאַן אַרויס־געפירט פון דער קאַמער און געפירט צו בראַנדן.

בראַנד האָט אים אויפגענומען א צעשמייכלטער, געהייסן זיך זעצן, אליין זיך מיט זיין שטול צוגערוקט נאָענט צו ליפשיצן. נאָכן אויספרעגן, ווי אזוי ליפשיץ האָט פאַרבראַכט די נאַכט און ווי אזוי ער פילט זיך, איז בראַנד תיכף צוגעטרעטן צום ענין.

— אזוי ווי דו ווייסט —האָט ער שטיל גערעדט— ווילן מיר דיר נישט טון קיין שלעכטס. דו ביסט א יאָט מיט ביינער און דו ביסט מיר צום הארצן געפעלן פון דעם ערשטן בליק. איך וויל, אז דו זאָלסט ביי אונדז אַרבעטן. דו וועסט אונדז העלפן אַרויספישן די פּוילישע באַנדיטן. דו ווייסט דאָך גוט, אז איך, יידן, האָבן זיי אויך נישט געשוינט, וויפל צרות און פּיין איר האָט יעדן טאָג אויסצושטיין מצד די דאָזיקע באַנדיטן. און די אַנענטן, וועלכע האָבן דיך נעכטן פאַרטשעפּעט אין גאַס, זענען דאָך אויך געווען פּאָליאַקן. גלויב מיר, ווען נישט פּאָליאַקן, וואָלטן מיר אייך נישט געטון קיין שלעכטס. מיר טוען עס בלויז אונטערן דרוק פון די פּוילישע באַנדיטן. אָננעמענדיק מיין פאָרשלאַג, וועסטו דערפילן א יידישע פּאַטריאָטישע פליכט.

ליפשיץ איז איצט געזעסן א פאַרבליפטער. ער איז אפילו צוגעגרייט געווען צו הערן פון בראַנדן א וועלכן עס זאָל נישט זיין פאָרשלאַג, אָבער קיין מאָל איז אים נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אז בראַנד וועט זיך צו אים ווענדן אויף אזא מין אופן. ווייל וואָס איז איצט ליפשיץ? איינער פון יענע צום טויט פאַרמשפּטע און דערצו נאָך געפינט ער זיך שוין אין די הענט פון שונא. פאַרוואָס רעדט בראַנד צו אים אזעלכע דבורים, פּונקט ווי ליפשיץ וואָלט געווען עפּעס א צר, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס צו פאַרקויפן.

מעגלעך, אז אויב ליפשיץ וואָלט געהאט גענוג צייט איבערצוטראכטן דעם ענין, וואָלט זיך אים געלייגט אויפן שכל, אז בראנדס רייד זענען פול מיט צביעות. אָבער בראנד האָט שוין דערפאר געזאָרגט, אז ליפשיץ זאָל נישט האָבן קיין צייט צו טראכטן.

— וואָס טראכסטו אזוי לאנג — האָט אים בראנד אונטערגעיאָגט — איך האלט, אז דו דארפסט תיכף אָננעמען מיין פאָרשלאָג. דו ווייסט דאָך גאנץ גוט, וואָס עס דערוואַרט דיך, אויב דו וועסט מיין פאָרשלאָג נישט אָננעמען.

ליפשיצן איז אפילו אויף א רגע נישט איינגעפאלן מיטצואַרבעטן מיט די דייטשן קעגן דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג. זינט יאָרן שוין האָט ער געאַרבעט לטובת דער באוועגונג און ער וואָלט זי קיין מאָל נישט פאררעטן. דאן איז פאר אים געווען קלאָר, אז אלץ, וואָס בראנד האָט אים איצט געזאָגט, איז שקר. ווייט נישט דערפאר פירן דייטשן אויס מאסן־מאָרדן קעגן יידן, ווייל זיי ווילן דערמיט געווינען די פּאָליאַקן. אויב די פּאָליאַקן באציען זיך פיינטלעך קעגן יידן, שטייען זיי אָבער אין מלחמה־צושטאנד מיט די דייטשן. שוין דער דאָזיקער פאקט פון קאמף קעגן א בשותפותדיקן שונא פארברודערט אים, ליפשיצן, מיט דער פוי־לישער אונטערערדישער באוועגונג. זאָל ער פארראטן די דאָזיקע באוועגונג?

— איך וועל עס נישט טון — האָט ער געטראַכט, און אינצווישן א פרעג געטון:

— וועל איך ארויס אויף דער פריי?

— זעלבסטפארשטענדלעך — האָט בראנד געענטפערט, אָבער תיכף האָט ער זיך באוואָרנט:

— אָבער נאָך דעם, ווי מיר וועלן האָבן די געהעריקע פארזיכערונג, אז דו וועסט נישט אנטלויפן.

איצט איז ליפשיצן איינגעפאלן א געדאנק. ער דארף זיך דאָך בלויז במשך פון א האלבער שעה געפינען אויף דער פריי. צום באהאלטן זיך שטייען פאר אים אָפן א סך ערטער. און וועט זיך ליפשיץ באהאלטן, וועט אים שוין קיין שום דייטש נישט געפינען. איז וואָס? מען דארף מאכן דעם אָנשטעל פון אָננעמען בראנדס פאָרשלאָג.

— איך נעם אָן אייער פאָרשלאַג — האָט ער געזאָגט מיט עפּעס א טרוקענער שטימע.

— אזוי טוסטו קלוג — האָט זיך בראַנד אזש אויפגעריסן פון זיין שטול און פון פרייד געקלאַפּט ליפּשיצן איבער זיין ברייטער פּלייצע — איך האָב געוווּסט, אז דו האָסט א יידיש קעפּעלע.

בראַנד איז געווען מלא שמחה, פּונקט ווי פון ליפּשיצס אנטשלוס וואָלט געווען אָפּהענגיק דער גורל פון גרויס־דייטשלאַנד און איר נצחון אין דער מלחמה.

דאַקעגן איז ליפּשיץ באַפּעסטיקט געוואָרן אין דער מיינונג, אז די געשטאַפּאָ לעבצט ממש נאָך זיין מיטאַרבעט. א פריידיקע האָפענונג האָט אים איצט באַהערשט. און דאָך וועט ער נאָך פון דאַנען ארויס א לעבע־דיקער. אומבאַוווּסט האָט ער צו זיך א שמייכל געטון. בראַנד האָט אים די גאַנצע צייט גוט באַטראַכט און דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— מיט וואָס קאָנסטו אונדז פאַרזיכערן, אז דו וועסט נישט אַנט־לויפן, אויב מיר וועלן דיך לאָזן אויף דער פריי?

— איך האָב א גוט איינגעאָרדנטע פאַבריק, זי איז ווערט איבער צוויי מיליאָן זלאָטעס. צי איז די דאָזיקע פאַבריק נישט קיין גענוגנדיקע פאַרזיכערונג?

בראַנד איז נישט געווען איבערראַשט. ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— וועגן דער פאַבריק וויסן מיר. דאָס איז אָבער פאַר אונדז נישט גענוג. אויב דו ווילסט געניסן פון אונדזער פאַרטרויען, מוזטו אויך האָבן פאַרטרויען צו אונדז. זאָג מיר, ווו עס געפינט זיך דיין פאַמיליע. ווען מיר וועלן דאָס וויסן, דעמאָלט וועלן מיר זיין זיכער מיט דיר.

ליפּשיץ האָט שוין איצט אין זיך שטאַרק געגלויבט. זאָל ער נאָר ארויס פון דאַנען, וועט ער תיכף באַהאַלטן זיין פאַמיליע און זיך אליין. האָט ער טאַקע נישט געטראַכט, נאָר תיכף געגעבן בראַנדן דעם אדרעס פון זיין משפּחה.

איצט האָט שוין בראַנד גערעדט רואיק:

— דער ענין איז דערליידיקט. דו וועסט איצט אריבערגעפירט ווערן אין פּאַוויאַק. דאָרט וועט דיר נישט זיין שלעכט, ווייל איך וועל דע־

תפיסה־קאָמענדאנט געבן א באפעל, אז ער זאָל דיך האלטן אויף באזונ־דערע רעכט. אין פּאוויאק וועסטו זיצן נישט מער, ווי צוויי טעג, ביז מיר וועלן זיך איבערצייגן, אז דו האָסט אונדז נישט אָפּגענארט. דערנאָך וועלן מיר דיך ארויסלאָזן צו דער ארבעט.

ליפשיץ איז ארויסגעפירט געוואָרן פון בראנדס צימער. אויפן וועג האָט ער צו זיך געשמייכלט א צופרידענער.

* * *

דער פרימאָרגן איז געווען א באזונדערס הייסער. די זון האָט גע־ברענט מיט א שטארקן זשאר, די לופט איז איבערגעפולט געווען מיט א פייכטקייט, וואָס ליגט זיך שווער אויפן הארץ און אויפן געמיט. אין דער קאמער 258 אין פּאוויאקער קעלער האָט די לופט ממש געשטיקט. די ארעסטירטע זענען געזעסן צוזאמענגעפּרעסטע אויף די שטרויזעק. זיי האָבן זיך געבאָדן אין אייגענעם שווייס. דער הונגער האָט זיי שוין געהאט בארויבט פון זייערע במעט לעצטע כוחות.

די אייזערנע טיר האָט זיך פּלוצלינג אויפגעפּראלט. די ארעסטירטע האָבן זיך שנעל אויפגעשטעלט. עס איז אריינגעקומען א „נייער".

דער נייער איז שטיין געבליבן נעבן דער טיר. ער האָט זיך ארומ־געקוקט און געזאָגט:

— ווי מוראדיק הייס עס איז דאָ!

דערנאָך האָט ער פון זיך אראָפּגעוואָרפן דאָס עלעגאנטע רעקל, וואָס איז אויפגענייט געווען לויט דער לעצטער ווארשעווער מאָדע, דאָס העמד און ביז צו דער העלפט א נאקעטער איז ער געשטאנען אין מיטן פון דער קאמער.

די ארעסטירטע האָבן באטראכט זיין גוט געבויטן קערפּער פון א ספּאָרטלער, זיינע עלאסטישע מוסקולן, זיין שיין פּנים און דעם קאָפּ בלאָנדע האָר.

— ווער זענט איר? — האָט מען אים געפרעגט — א ייד?

— יאָ — האָט דער נייער געענטפערט — מיין נאָמען איז ליפשיץ.

די ארעסטירטע האָבן צווישן זיך געמאכט באמערקונגען.

— קוקט נאָר, נישט ענלעך בכלל צו א ייד און דאָך איז ער אַרייַנ־געפאַלן.

— ווי אַזוי האָט מען איך גענומען? — האָט אים עמעץ געפרעגט.

ליפשיץ האָט תיכּף דערציילט אַלץ, וואָס עס איז מיט אים געשען. די אַרעסטירטע יידן האָבן געעפנט מויל און אויערן און מיט נרוים באַ־וווּנדערונג האָבן זיי באַטראַכט זייער נייעם חבר. ווען ער האָט אָבער גע־האַלטן ביי דערציילן וועגן דעם, ווי ער האָט בראַנדן געגעבן דעם אַדרעס פון זיין משפּחה, האָבן א טייל געניטערע אַרעסטירטע געצויגן מיט די אַקסלען און געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער וואָלט געזאָגט: אוי, א נאַרישקייט.

ליפשיץ האָט אָבער נישט באַמערקט דאָס פאַרהאַלטן זיך פון זיינע נייע חברים. ער איז אינגאַנצן באַהערשט געווען פון דער האָפענונג אין קורצן באַפרייט צו ווערן. זיין דערציילונג האָט ער פאַרענדיקט מיט פאָלגנ־דיקע ווערטער:

— דאָ וועל איך זיין א טאָג אָדער צוויי. בראַנד האָט געגעבן א באַפעל, אַז מען זאָל מיך דאָ גוט באַהאַנדלען. מיך האָט מען טאַקע דורכ־געלאָזט אָן שום רעוויזיעס. דער דייטש האָט מיר אפילו געגעבן ציגאַרעטן, נאָר ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אייך נישט געבן צו רויכערן.

ליפשיץ האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע א שאַכטל „עגיפּטי־שע" און ווילנדיק תיכּף באַוויזן, אַז ער האָט נישט בדעה צו פאָלגן דעם וואַכמייסטער, האָט ער אָנגעצונדן א פּאַפּיראָס און האָט יעדן פון די אַרעסטירטע, וואָס האָט געוואָלט רויכערן, דערלויבט עטלעכע מאָל צו ציען.

* * *

די בייסנדיקע שטימע פון א גלעקל האָט איבערגעריסן די טיפע שטילקייט פונעם פרימאָרגן. אין דער תפיסה האָט זיך פאַרענדיקט די נאַכט און א נייער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. א נייער טאָג פון צרות און ליידן, פון פּיין און דערנידעריקונג, פון הונגער און נויט. די אַרעסטירטע ווישן אָפּ דעם שלאָף פון זייערע אויגן. דאָס גלעקל קלינגט אָבער עקשנות־דיק, פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט געוואָלט אויך אויפרייסן די טויטע פון

זייער אייביקן שלאָף. אינעם קלינגען פון גלעקל האָט נישט איינער פון די אַרעסטירטע געפּרוּווט אַרויסהערן זיין גזר־דין, די אַנטשיידונג פון זיין גורל, וואָס דער הייַנטיקער טאָג קאָן מיט זיך ברענגען פאַר אים. פאַר איינעם — די באַפרייאונג, פאַר א צווייטן דעם טויט, פאַר א דריטן דעם „טראַנספּאָרט", פאַר א פערטן דעם פאַרהער אין געשטאַפּאָ אָדער אַן אַנדערע פּייניקונג אין דער תפיסה גופא.

אין דער קאַמער 258 זיצן הייַנט 30 אַרעסטירטע. פון זיי זענען 24 יידן און 6 ציגיינער. די היץ איז אַן אומדערטרעגלעכע, די פליי בייסן זיך אַריין אין די גופים מיט טויזנטער שמאַרצנדיקע שפּילקעס, דער הונגער מאַטערט און דרייט אויס די גלידערים. עס איז אָבער נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן די צרות. די געפאַנגענע שטייען שנעל אויף, זיי טוען זיך אָן די צעריסענע בגדים, זיי מאַכן שנעל אָרדענונג אין דער קאַמער און שטעלן זיך אויס צום „אַפּעל". נאָך דעם אַפּעל ווערט געטיילט דער פרישטיק. עס פראַלט זיך אויף די שווערע טיר. מען דערלאַנגט דאָס ברויט. פאַר יעדן א קליין שטיקל פון 150 גראַם. די ברייטלעך זענען קליינע, צע־שניטענע אויף פיר פּאָרציעס. איין ברייטל פאַר פיר אַרעסטירטע.

קאַזיק, דער סטאַראָסטע, שטייט ביי דער טיר און נעמט איבער דאָס ברויט פאַר דער גאַנצער קאַמער. דרייסיק פּאָרציעס מאַכט אויס זיבן גאַנצע ברייטלעך און צוויי באַזונדערע פּאָרציעס. אַלץ ווערט געטון זייער שנעל און ווען דער קאַפּאָ גיט איבער קאַזיקן די ברייטלעך, האָט דער לעצטער אַפילו נישט קיין צייט איבערצוציילן זיי. ביי זיין האַנט שטייט א יונגער ציגיינער.

ווען די טיר ווערט צוגעמאַכט, ציילט קאַזיק דאָס ברויט. ער האָט בלויז זעקס און די צוויי באַזונדערע פּאָרציעס. עס פעלט א ברויט. מען פרעגט דעם ציגיינער, אפשר האָט ער פון אונטער דער האַנט אַוועקגענומען א ברויט. דער ציגיינער לייקנט. עס איז אַפילו נישט געווען מעגלעך, אַז ער זאָל נעמען. נעבן אים זענען דאָך געשטאַנען נאָך אַנדערע אַרעסטירטע, זיי וואָלטן געמוזט באַמערקן.

הכלל, נישט אַנדערש, נאָר דער קאַפּאָ האָט געהאַט א טעות אַנשטאָט זיבן ברויט האָט ער געגעבן בלויז זעקס.

קאַזיק האָט געעפנט דעם „יודאַש" און האָט צוגערופן דעם קאַפּאָ.

דער קאפּאָ איז אין ארעסטירטער פּאָליאַק. ער פאַרנאַכלעסיקט אָבער נישט קיין שום געלעגנהייט, כדי אָנצוטון די יידן צרות. די וואך האלט היינט שטשורעק. די לופּט איז א געשפּאַנטע, עס איז געפערלעך.

כראָין אלעמען האָט קאזיק געמאָלדן וועגן דעם פעלן פון א ברויט. דער קאפּאָ ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט קאזיקן געגעבן דאָס גאַנצע ברויט. דער קאפּאָ האָט שטשורעקן תיכּף געמאָלדן, אז „די יידן באַקלאָגן זיך, אז זיי האָבן באַקומען ווייניק ברויט". שטשורעק איז בעצמו אריינגעקו־מען אין דער קאַמער.

— ווער האָט גענומען דאָס ברויט? — האָט שטשורעק געפרעגט.

קיינער האָט זיך נישט מודה געווען. שטשורעק איז אריין אין כעס און געשריגן :

— איך וועל אייך תיכּף ווייזן! אלע ארויס!

די ארעסטירטע פון קאַמער 258 שטייען אין א ריי אויסגעשטעלט אויפן תפיסה־הויף. די פּנימער צו דער וואַנט. זיי שטייען און וואַרטן. שטשורעק פירט דורך א רעוויזיע אין קאַמער. ער זוכט דאָס זיבעטע ברויט, וואָס איינער פון די ארעסטירטע האָט געגנבעט ביי זיינע חברים.

עס דאכט זיך, אז שטשורעק האָט עפּעס געפונען. פּלוצלינג גייט ער אן אויפגערעגטער ארויס אין הויף. אים גייען נאָך צוויי אנדערע וואַכ־מייסטערס. אלע זענען באַוואָפנט מיט אייזערנע שטעקנס. שטשורעק דער־נענטערט זיך צו די ארעסטירטע און באַפעלט :

— נידער!

די ארעסטירטע ליגן שוין אויף דער ערד. שטשורעק הייבט אויף דעם שטעקן און שרייט :

— איך וועל מיט אייך דאָ לערנען. גאָלד האָט איר אין תפיסה? קיין חידוש נישט. ווו יידן זענען, מוז אויך זיין גאָלד.

דערנאָך האָבן די ארעסטירטע פון דער קאַמער 258 געמוזט במשך פון צוויי שעה קריכן אויף אלע פיר איבערן תפיסה־הויף. שטשורעק און די איבעריקע צוויי וואַכמייסטערס זענען די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען די קריכנדיקע און מערדערלעך געשלאָגן זיי מיט די אייזערנע שטעקנס. נאָך די צוויי שעה זענען די ארעסטירטע געווען פאַרפּייניקט כמעט צום טויט. זיי זענען געבליבן ליגן אין מיטן הויף. שטשורעק האָט זיי געהייסן באַנייסן

מיט קאלט וואסער אזוי לאנג, ביז זיי זענען נישט אויפגעשטאנען.

דערנאך האט שטשורעק די פארפייניקטע ארעסטירטע אריינגעפירט אין א זאל נעבן דער תפיסה־ביורא. ער האט ארויסגענומען צוויי גאלדענע דאלאר־מטבעות און געפרעגט:

— ווער פון אייך האט דאס פארשטעקט?

צוויי יונגע ציגיינערס האבן זיך תיכף מודה געווען. מיט צוויי טאג צוריק האבן דייטשן אומגעבראכט אין פאוויאק א נרעסערע צאל יידן. נאך דער עקזעקוציע האט מען די ארעסטירטע פון קאמער 258 ארויסגערופן צו אן ארבעט, וואס איז באשטאנען אין צוזאמענקלייבן די קליידער פון די אומגעבראכטע. צווישן די קליידער האט מען געפונען גאלדענע מטבעות און די צוויי יונגע ציגיינער, וועלכע זענען געווען ביי דער ארבעט, האבן זיך באהאלטן די צוויי געפונענע מטבעות. האט מען געדארפט אן ענין מיט א געגנבעטן ברויט (וואס, אגב, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגע־שטעלט, איינער פון די צוויי יונגע ציגיינערס האט עס טאקע גענומען), אז די גאנצע זאך מיט די מטבעות זאל אנטדעקט ווערן דורך שטשורעקן.

דער דאזיקער עפיזאד איז איינער פון פילע, וואס האבן זיך פאר די יידישע פאוויאק־ארעסטירטע איבערגעחזרט כמעט יעדן טאג. עס איז אבער כדאי געווען אים צו באשרייבן, לכל הפחות דערפאר, ווייל ער האט געהאט א שייכות צו אונדזער באקאנטן, ליפשיץ.

בשעת די ארעסטירטע זענען אין לײדן געקראכן איבערן תפיסה־הויף און זיי האבן געכאפט די מערדערישע קלעפ פון די דייטשן, איז ליפשיץ אויך געווען צווישן די קריכנדיקע. אין א געוויסן מאמענט האבן די ארעסטירטע באמערקט, אז דער אבערשארפירער צאנדערס איז ארויס־געקומען פון דער תפיסה־ביורא מיט א גרויסער בייטש אין דער האנט. ער האט זיך דערנענטערט צו דער גרופע קריכנדיקע יידן און עמעצן גע־זוכט. ווען ער האט דערזען ליפשיצן קריכן אויף דער ערד, איז ער צו אים צוגעגאנגען און אנגעהויבן אים דערלאנגען מיט דער בייטש. צאנדערס האט שוין ליפשיצן נישט אפגעלאזט. טריט ביי טריט איז ער אים נאכגע־גאנגען און אומאויפהערלעך געשלאגן אים מיט דער בייטש.

די איבעריקע ארעסטירטע האבן די זאך באמערקט. זיי זענען אבער צו שטארק געווען פארטון אין זייערע צרות, כדי זיי זאלן קאנען טראכטן

וועגן ליפשיצן. אָבער דעמאָלט, ווען זיי זענען געשטאַנען אין גרויסן זאַל, וועמענס פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען פּונקט צום תּפיסה־טויער, האָבן זיי געזען דעם עפּילאָג פון ליפשיצס געשיכטע.

נאָכדעם ווי צאַנדערס האָט ליפשיצן אַזוי אכזריותדיק צעשלאָגן, האָט ער אים צוגעפירט צום תּפיסה־טויער. דאָ האָט ליפשיץ דערזען אַן אויטאָ, אָנגעלאָדן מיט מענטשן. דאָס זענען געווען ייִדן, וועלכע מען האָט דעם זעלבן טאָג אַרויסגעפירט צו די געטאָ־חורבות, כדי זיי דאָרט צו דער־שיסן. אין אויטאָ איז געווען ליפשיצס פרוי און די קינדער.

אויך זיי האָבן ליפשיצן דערזען און זיין קלענער זון, וואָס איז גע־זעסן אויף דער מוטערס שויס, האָט אויסגערופן צום פאָטער:

— טאַטוש, טאַטוש.

ליפשיץ האָט דערהערט דעם דאָזיקן רוף און ערשט איצט האָט אין זיין מוח אויפגעבליצט דער פונק פון אמת. ער האָט תּופס געווען, ווי מיאוס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן. יאָ, בראַנד האָט אים געמאַכט צום נאַר. אַרויסבאַקומען פון אים דעם אַדרעס פון זיין משפּחה און איצט שיקט ער זיי אַלעמען צום טויט. און ער, דער קלוגער ליפשיץ, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצוקליגלען בראַנדן, איז אַליין געפאַלן אַ קרבן פון זיין אומפאַרזיכטיקייט. ממש מיט אייגענע הענט האָט ער זיין פרוי און די קינדער אַרויסגעגעבן צו די מערדער.

די קינדערישע שטימע פון זיין זון האָט ליפשיצן געמאַכט אויפ־ציטערן. אין אויגנבליק האָט ער זיך ווי אַ ווילדע חיה אַ וואָרף געטון אויף צאַנדערסן. נאָך איידער יענער האָט זיך געכאַפּט, האָט אים ליפשיץ מיט אַ פלינקער באַוועגונג געוואָרפן אויף דער ערד. ליפשיץ איז אין מאָמענט שוין געלעגן אויף צאַנדערסן און פון זיין גאַרטל האָט ער אים אַרויס־געריסן דעם רעוואָלווער.

ער האָט אָבער שוין נישט באַוויזן אָנצונעמען דעם רעוואָלווער אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז ער זאָל קאָנען שיסן. עטלעכע אוקראַאינער, וואָס זענען געשטאַנען ביים אויטאָ מיט די ייִדן, האָבן באַמערקט דאָס ראַנגלען זיך פון די צוויי. זיי זענען צוגעלאָפן, און איידער ליפשיץ האָט געקאָנט שיסן, האָבן זיי אים מיט ביקסן־קאָלבעס דערלאַנגט די ערשטע קלעפּ אין קאָפּ. די אוקראַאינער האָבן דערנאָך במשך פון לאַנגע מינוטן געממיתט ליפשיצן.

ער איז געלעגן אויף דער ערד א צעבלוטיקטער און אומבאוועגלעכער. ער האָט שוין גאָרנישט געפילט.

די אוקראַינער האָבן דעם קערפּער אויפגעהויבן פון דער ערד, ארויפגעוואָרפן אים אויפן אויטאָמאָביל, וועלכער האָט תיכף דערנאָך, ארומגערינגלט פון אן אָפּטיילונג זשאנדארמען אין ווייסע מונדירן אויף מאָטאָציקלעטן, גערירט פון אָרט.

מען איז געפאָרן צו דער עקזעקוציע.

## הויפּטשארפירער בירקל

ווען איך הער עמעצן דערציילן וועגן טיפן פון דייטשע אכזריות־ניקעס, וואָס דאָס פייניקן מענטשן איז פאר זיי געווען א פארגעניגן, שטייט מיר ווי פאר די אויגן דאָס בילד פון פאוויאקער וויצעקאָמענדאנט, דעם הויפּטשארפירער בירקל. וועגן זיינע מוראדיקע אכזריותן האָט אין יענער צייט געוווּסט גאנץ ווארשע. די פוילישע אונטערערדישע פרעסע, וואָס איז דערשינען אין ווארשע, האָט זייער אָפט געשריבן וועגן דער דאָזיקער חיה אין א מענטשלעכער געשטאלט.

פונקט ווי איך וואָלט אים היינט געזען, האָט ער זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. זיין הויכע און שלאנקע געשטאלט. דעם קאָפּ האָט ער געהאלטן אביסל איינגעבויגן אויף רעכטס. פון אונטערן ברייטן ראנד פון זיין געשטאפּט־היטל האָבן ארויסגעקוקט מיט א טעמפּן בליק א פּאָר גרויע קאלטע אויגן. די נאָז אביסל פארבויגן, די ליפּן פארהאקט און פארביסן. ווי א שד איז ער ארומגעגאנגען איבערן תפיסה־הויף. טאָמער האָט ער גע־כאפּט אן ארעסטירטן, וואָס איז אין הויף געשטאנען ביי א וועלכער עס זאָל נישט זיין ארבעט און די ארבעט איז ביי אים נישט געגאנגען אזוי ווי בירקל וואָלט געוואָלט, איז שוין דעם דאָזיקן ארעסטירטן נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין. ווי א טיגער האָט זיך בירקל געוואָרפן אויפן קרבן. ער פלעגט זיינע קרבנות פארפייניקן צום טויט.

צוויי וועלף־הינט האָט ער געהאט. די הינט האָט ער אליין געשולט אין דער תורה פון אכזריות. בשעת ער האָט געמאכט זיינע שפּאציר־גענג איבער דעם תפיסה־הויף, זענען אים די הינט נאָכגעגאנגען. דאָס איז שוין

געווען דער געווענלעכער פייזאזש פון פאוויאק־הויף אין די צייטן פון בירקל. ארום א טויטע שטילקייט און אין מיטן פון איר שפרייזט בירקל. זיינע פעסטע טריט האָבן אָפּגעקלונגען מיט א ווידערקול פון זיינע מיט אייזן געקאָוועטע שטיוול. הינטער אים „ביים פוס" האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די צוויי כלבים: דער גרעסערער, ראָלף און דער קלענערער, דינא. די מאָר־דעם אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, די ווײדלען פארשטעקט צווישן די הינ־טערשטע פיס. פאמעלעך האָבן זיי געשפאנט זאלבעדריט און טאָמער האָט בירקל געטראָפן א קרבן און ער האָט צופעליק נישט געהאט קיין חשק אליין זיך מיט אים אָפּצורעכענען, האָט ער א מאך געטון צו די הינט:

— נעם אים!

די הינט האָבן זיך א וואָרף געטון אויפן מענטש. דער שטארקערער, ראָלף, האָט דעם קרבן תיכף געוואָרפן אויף דער ערד. דאן האָבן שוין דיביידע הינט דעם מענטש ממש אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט. שטיקער פלייש אראָפּגעריסן און ווילד געוואָיעט, נאָכדעם ווי זיי האָבן דערפילט דעם ריח פון בלוט. איצט האָט די טויטע שטילקייט איבערגעריסן א שרעק־לעכער וויי־געשריי פונעם קרבן. די הינט האָבן נעכארטשעט און בירקל איז געשטאנען און צוגעקוקט זיך א צופרידענער, א צעשמייכלטער.

מיט א פאָטערלעכער ליבשאפט האָט ער נאָך געגלעט די חיות איבער די העלדזער.

— בראווע קערלע! בראווע יונגען!

דאָס הייסע בלוט איז זיי אראָפּגערונען פון די מאָרדעס און בירקל האָט זיי ארייגעפירט אין תפיסה־באָד צום וואשן.

קיין באזונדערע אונטערשידן צווישן ארעסטירטע פאָליאקן און יידן האָט בירקל נישט געמאכט. אויב ער האָט אן ארעסטירטן ארייגבאקומען אין זיינע הענט, האָט ער נישט געפרעגט, ווער ער איז. א פאָליאק אָדער א ייד, אלץ איינס אן אונטערמענטש און באנדיט. נאָר סוף כל סוף האָט ער אין שייכות צו פאָליאקן געמוזט זיך רעכענען מיט געוויסע קריטעריעס. כדי צו פארפייניקן א פאָליאק, האָט ער געמוזט האָבן לכל הפחות א שיין פון א סיבה, דאקעגן יידן האָט ער געמעגט פייניקן סתם אזוי, אָן א פאר־וואָס און אָן א פארווען.

איך האָב געזען צוויי שווידערלעכע ספעקטאקלען, וועלכע האָבן גע־

מאַכט פרירן דאָס בלוט אין די אָדערן. אויף דער דריטער אָפּטיילונג פון דער תפיסה זענען געזעסן פּאָליאַקן, דאָס רוב באַשולדיקטע אין שווערע פּאָליטישע פאַרברעכנס קעגן דער נאַצי־מאַכט. צו די אַרעסטירטע פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָבן זיך די דייטשן באַצויגן מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז דער וואַכמייסטער פון דער אָפּטיילונג האָט אין עפּעס אַ קאַמער געכאַפּט ציגאַרעטן. דער וואַכ־מייסטער האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם הויפּטשאַרפירער און יענער איז תיכף אַריינגעקומען אין דער אָפּטיילונג און גענומען באַשטראָפן די פאַר־ברעכער.

אויפן תפיסה־הויף זענען געלעגן גרויסע הויפנס דורכגעברענטע קוילן. די קוילן זענען נאָר וואָס אַרויסגעפירט געוואָרן פון די גרויסע תפיסה־קעסלען, זיי האָבן געגליט פון גרויס היץ. אַ שטיקנדיקער רויך וואָס האָט געזעצט פון די הויפנס, האָט זיך מיט זיין שוואַרצקייט געלייגט איבערן גאַנצן הימל און פאַרדעקט דאָס ליכט פון דער זון.

בירקל האָט אַראָפּגעפירט די אַרעסטירטע אויפן הויף. ער האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ קרייז אַרום דעם פייער, געהייסן אויסטון די שיך און געהייסן די אַרעסטירטע מיט באָרוויסע פיס שפּרינגען אויפן גליענ־דיקן הויפן. די אַרעסטירטע האָבן במשך פון אַ האַלבער שעה געמוזט שפּרינגען אויפן הויפן אהין און צוריק. נאָך דער האַלבער שעה האָט ער זיי אָפּגעלאָזט, אָבער אַלע אַנטיילנעמער אין דער דאָזיקער „ספּאָרט־פאַר־אַנשטאַלטונג" זענען געווען טויטלעך אָפּגעבריט. עטלעכע זענען דערנאָך געשטאָרבן פון די בראַנד־ווונדן.

אַ צווייטן סאַדיסטישן ספּעקטאַקל האָט בירקל איינגעאָרדנט מיט אַ גרופּע יידן. אין פּאַוויאַק האָט מען געבראַכט אַ גרופּע פון 15 יידן, גע־כאַפּטע אויף דער אַרישער זייט. פּונקט אַזוי ווי אַלע אויפן פּאַוויאַק גע־בראַכטע יידן, זענען די פּופּצן געווען פּסיכיש צוזאַמענגעבראָכן. זיי האָבן דאָך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זייער מאָרגן הייסט טויט. מיט דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך בירקל איינגעאָרדנט זיין טייוולאָנישע פאַרווײַלונג. ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט און גאַנץ געמיטלעך האָט ער געזאָגט:

— איר וועט זיך באָדן.

נאָך דעם האָט ער זיי אַריינגעפירט אין תפיסה־באָד, געהייסן זיך

אויסטון, שטעלן זיך אונטערן וואסער און בשעת מעשה האָט ער די באָד־באַדינערס געהייסן לאָזן קאָכעדיק וואסער.

די בעדערס זענען געשטאַנען צעטומלטע און נישט גערירט זיך פון אָרט. דער עלטסטער בעדער האָט זיך גענומען מוט און געמאכט א באַמערקונג:

— הער הויפטשאַרפירער, איך מעלדע געהאָרכזאַם, די מענטשן וועלן ווערן אָפּגעבריט.

בירקל האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער, נעבן פּנים פון עלטסטן בעדער האָט ער אויסגעשאָסן צום באַלקן און זעענדיק, אז אַלע בעדער ציטערן שוין פאר פּחד, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— איך וועל אייך אַלע דאָ דערשיסן, אַלטע זעקע! צי האָט איר נישט פאַרשטאַנען דעם באַפעל? דו — האָט ער דעם רעוואָלווער צוגעלייגט דעם עלטסטן צום קאָפּ — דו וועסט לאָזן דאָס וואסער. דו ווילסט, צי נישט?

ביי בירקלען האָבן די נאַז־לעכער געציטערט ווי ביי א פערד, די אויגן האָבן געוואָרפן פונקען. דער בעדער האָט זיך איינגעבראָכן, מיט וואַקלענדיקע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום וואסער־אַפּאַראַט און מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער געלאָזט דאָס וואסער, וואָס האָט זיך כמעט געקאָכט אין די רערן. בירקל איז געשטאַנען נעבן דעם בעדער און געקוקט אויפן טערמאָמעטער. בשעת מעשה האָט ער דעם רעוואָלווער געהאַלטן אין האַנט און געסטראַשעט די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן בריענדיקן וואסער:

— נישט רירן זיך פון אָרט! ווער עס רירט זיך, באַקומט די קויל!

די יידן זענען פון אונטערן וואסער ארויס מיט רויטע און ברוין־בלויע פּענכערס. בירקל האָט געשריגן:

— א מינוט צום אָנטון זיך! ארויס!

די שווער אָפּגעבריטע יידן האָבן זיך נישט געקאָנט אָנטון. ווער עס האָט געכאַפּט וועמענס אָנגעטועכץ און נאַקעטע זענען זיי ארויסגעלאָפן פון באָד.

* * *

איך בין געווען אַן עדות פון יענעם פּאַרפּאַל. און הגם מיר זענען געווען געוווינט צו זען כל המינים שווידערלעכקייטן, מוז איך מיך מודה זיין, אַז דאָס בילד פון די לעבעדיקערהייט געקאָכטע מענטשן האָט אויף מיר געמאַכט דעם שרעקלעכסטן איינדרוק. נאָכדעם ווי איך האָב מיך אָפּגעטרייסלט פון דעם גרויזאַמען בילד, האָב איך געטראַכט וועגן דעם גרויסן כוח פונעם מענטשלעכן לעבנס־אינסטינקט. די פּופּצן יידן האָבן נישט געהאַט קיין שום ספקות וועגן זייער גורל. זיי האָבן געוווּסט, אַז מאָרגן וועלן זיי סיי ווי שוין נישט לעבן. איז פאַרוואָס האָבן זיי געלאָזט זיך הייננט פּייניקן פון בירקלען? בירקל האָט געדראָט מיט טויט, און דער טויט איז דאָך סיי ווי געווען דער באַלעבאָס פון זייער גורל. איז וואָס פאַרא אונטערשיד, צי מען שטאַרבט היינט פון דער קויל פון בירקלס רעוואָלווער, צי מען פאָרט מאָרגן מיט אַן אויטאָמאָביל צום עקזעקוציע־פּלאַץ אויף זאַמענהאָף גאַס 19. להפך, אויב מען שטאַרבט פון בירקלס קויל דאָ אויפן אָרט, שפּאָרט מען זיך נאָך איין דעם שווידערלעכן וועג צו דער תליה, וואָס דערוואַרט דעם פאַרמשפּטן צומאָרגנס. די יידן האָבן אָבער נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווייל דער לעבנס־אינסטינקט הייסט אפילו פאַר איין מינוט פון לעבן באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז. פּופּצן יידן האָבן טאַקע באַצאָלט פאַר די עטלעכע שעה לעבן דעם העכסטן פּרייז.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט אויך בירקל בעצמו געהאַט די מעגלעכקייט אויף זיין אייגענער הויט צו איבערצייגן זיך וועגן דעם כוח פון מענטשלעכן לעבנס־אינסטינקט. אין אויגוסט 1943 האָבן מיר איז פּאַוויאַק געוווּסט, אַז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף בירקלען. איך צווייפל נישט, אַז אויך בירקל האָט וועגן דעם געהאַט בפירושע ידיעות. ער האָט אָבער נישט געגלויבט, אַז דער טויט קאָן האָבן אויך אַ צוטריט צו אים.

דורך אַ צופאַל האָב איך מיך באַגעגנט מיט בירקלען אין אַ געוויסן פרימאָרגן אין דער צווייטער העלפט פון חודש אויגוסט. ער האָט דעמאָלט זיינע צוויי כלבים אַריינגעפירט אין תפיסה־באָד און געהייסן די בעדער וואַשן זיי. די בעדער האָבן געוואַשן די הינט און בירקל האָט זיך דאָס מאָל געהאַלטן אין דער מעלה. ער איז צו אונדז געווען קאָרעקט, אפילי העפלעך.

איך דערמאָן מיך, אז אין יענער צייט האָט מיט אונדז נאָך געאַרבעט אין באַר א פוילישער יינגל מיטן נאָמען זבישעק סקיבינסקי. ער איז אַלט געווען א יאָר זיבעצן. ווען דער יינגל האָט געזען, אז בירקל געפינט זיך אין א גוטער שטימונג, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט געמאָלדן:

— הער הויפטשאַרפירער, איך האָב אין תפיסה־דעפאָזיט א זייגערל. דאָ אין באַד זענען אונדז זייגערס שטארק נויטיק צו דער ארבעט. איך בעט מיר ארויסצוגעבן דעם זייגער פון דעפאָזיט.

מיר זענען געשטאַנען אַלע פארבליפטע. מיר האָבן איינגעהאלטן דעם אָטעם. וואָס וועט דאָ איצט פאָרקומען?

אָבער צו אונדזער דערשטוינונג האָט בירקל רואיק געענטפערט זבישעקן:

— גוט, זי בעקאָמען די אור.

בירקל האָט תיכף אָנגעשריבן א צעטל אין דעפאָזיט, אז מען זאָל זבישעקן צוריקגעבן זיין זייגערל. דערנאָך האָט ער אונדז אַלעמען באַדאַנקט פארן וואשן די הינט און איז ארויסגעגאַנגען.

בעת ער איז נאָך געשטאַנען אין באָד, האָב איך אים גוט באַטראַכט. איך האָב אין זיין פארהאַלטן זיך לחלוטין נישט באַמערקט קיין שום צייכן פון אומרו.

אָבער דעם זעלבן פארנאַכט איז ער אויף איינער פון די וואַרשעווער גאַסן דערשאָסן געוואָרן דורך מיטגלידער פון דער פוילישער אָרגאַניזאַציע. די חיה־רעה אין מענטשלעכן קערפּער האָט אַזוי ארום באַקומען זיין כשר פארדינטע שטראָף.

## אלבערטס — דער קאַלטער מערדער

## די שחיטה פון „אמעריקאַנישע" יידן

דאָס יידישע וואַרשע איז שוין דעמאָלט געלעגן אין חורבות. דאָס געטאָ פארברענט און פארניכטעט. די מענטשן אויסגעשאָכטן אָדער פאַרברענט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק.

טויזנטער פליטים פון געטאָ, יידן, וואָס האָבן באַוויזן צו ראַטעווען

בלויז דאָס נאקעטע לעבן, האָבן זיך ארומגעוואלגערט אויף דער „ארישער זייט”. א טייל איז געזעסן באהאלטן אין די מייזנלעכער, די איבעריקע זענען ארומגעגאנגען איבער די גאסן, אָפט נישט האָבנדיק קיין אָרט, ווו דורכצושלאָפן די גאָענטסטע נאכט. דאָס לעבן פון די פליטים איז געווען ביז גאָר שווער. ווער עס האָט נאָך פארמאָגט א ביסל געלט, האָבן אים געפעלט די נויטיקע באקאנטשאפטן, כדי זיך צו קענען איינאָרדענען, דאָס רוב האָט פארראטן דאָס יידישלעכע פנים און אממיינסטן פון אלעמען די טרויעריקע יידישע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען פארבאָרגן דער גאנצער צער און פיין פון יידישן גורל. די גרויסע מערהייט פון די פליטים האָט נישט געהאט קיין געלט, אָפט אויך נישט קיין באקאנטשאפטן צווישן פאָליאקן. זייער גורל איז געווען דער סאמע ערגסטער.

אלע פליטים בכלל, אָן אונטערשיד, צי זיי האָבן עפעס פארמאָגט אָדער נישט, האָבן געהאט אויסצושטיין גוואלדיקע יסורים, אין יעדע־רגע געווען אויסגעשטעלט אויף א סכנה אריינצופאלן אין די מערדערס הענט און צו פארלירן דאָס לעבן.

די געשטאפאָ האָט געוווּסט וועגן די געטאָ־פליטים אויף דער „ארישער זייט”. זי האָט טאקע אָנגענומען כלערליי מיטלען, כדי זיי צו ליקווידירן. די דאָזיקע מיטלען זענען געווען פארשידנארטיקע. איך וויל מיך דאָ אָבער נישט אריינלאָזן אין פרטים בנוגע די דאָזיקע מיטלען. איך וויל מיך אָפשטעלן בלויז אויף איינעם פון זיי, אָבער דווקא אויף דעם סאמע וואגיגסטן, ווייל מיט זיין הילף האָט די געשטאפאָ ליקווידירט א סך טויזנטער פון די פליטים. דאָס דאָזיקע מיטל זענען געווען די א"ג אמעריקאנישע פאפירן.

אין א געוויסן טאָג איז אין „האָטעל פאָלסקי” אויף דלוגא גאס געעפנט געוואָרן א ביוראָ פאר רעגיסטרירן יידן־בירגער פון אמעריקאנישע מלוכות און אזעלכע, וואָס זענען דורך זייערע קרובים פון אמעריקע ארויסגערופן געוואָרן, כדי צו זיי צו פאָרן. אלס יסוד פאר דער דאָזיקער רעגיסטראציע האָט געדינט א רשימה, וועלכע די געשטאפאָ האָט געמאכט אויפן כמך פון פארשידענע ארויספאָדערונגען, וועלכע זי האָט בשעתו באקומען פון אמעריקע פאר יידן אין פוילן.

די ידיעה וועגן דערעפענען די ביוראָ האָט צווישן די געטאָ־פליטים

געמאכט א שטאַרקן רושם. אין אָנהייב האָבן זיך יידן צום ענין באַצויגן מיט אומצוטרוי, אָבער טראָץ דעם איז מען געגאַנגען. עס איז נישט קיין וווּנדער. צווישן די פּליטים זענען געווען א סך, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וווּ אהינצוטון און נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, זענען זיי געגאַנגען אין האָטעל. מיט זיי האָט זיך דער ירידַ אָנגעהויבן. נאָך זיי זענען געגאַנגען אַנדערע, איינער האָט געצויגן דעם צווייטן. צום באַדויערן זענען געקומען אויך א סך אַזעלכע, וואָס האָבן יאָ געהאַט א מעגלעכקייט איבערצולעבן אויף דער אַרישער זייט.

די באַוועגונג אַרום דעם פּוילישן האָטעל האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט. באַלד איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט יידן — „אַמעריקאַנישע בירגער". די דייטשן האָבן זיך באַמיט, אַז פון די יידן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, זאָל קיין וואַרשע אָנקומען גוטע ידיעות. נאָך א קורצער צייט האָט מען שוין אין וואַרשע געוווּסט, אַז דער טראַנספּאָרט געפינט זיך אין א לאַגער אין פראַנצויזישן קוראָרט וויטעל. די יידן וואַרטן דאָרט אויף אַן אויסטויש מיט דייטשן פון אַמעריקע. דערווייל גייט זיי זייער גוט. עס פעלט זיי ממש נישט פון קיין פייגל־מילך. א מחיה. נאָך יאָרן פון פּיין און ליידן אין געטאָ, נאָכן אומזיכערן און נעפּאַרפּולן לעבן אויף דער אַרישער זייט, האָט דאָס פאַרברענגען אין א קוראָרט פּשוט אויסגעזען ווי א חלום.

אין פּוילישן האָטעל האָט דערווייל אַמטירט א „קאָמיסיע", וועלכע איז באַשטאַנען פון עטלעכע געשטאַפּאָ־לייט: אַדאַם, א פּאָליאַק, לאַלעק סקאָסאָווסקי און קעניגל, צוויי יידישע געשטאַפּאָווצעס. אַרום זיי האָבן זיך געדרייט סתם יידן און פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו ווערבירן קאַנדידאַטן. טעגלעך זענען אין האָטעל אויפגענומען געוואָרן הונדערטער יידן, וואָס האָבן געצאָלט צענדליקער טויזנטער זלאָטעס פאַר אַריינשטעלן זיי אויף דער רשימה פון די „אויסלענדער". די יידן זענען אין האָטעל געקומען מיטן גאַנצן רעשט פון זייער האָב און גוטס, וועד עס האָט נאָך געהאַט עפּעס פון זיינע זאַכן, פון צירונג אָדער געלט.

אין האָטעל האָט מען געפירט א גוט לעבן. מען האָט געגעסן אין געטרונקען, געשפּילט א ברידזש און געפילט זיך ווי נייגעבוירענע. יידן האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין פאַר זיי געקומען די ישועה.

דייטשן האָבן נישט צעשטערט די אילוזיע. אין די האָטעל סאלאָנען האָט מען באַנעגנט געשטאַפּאָווצעס, וואָס האָבן מיט די יידן געפירט נע־מיטלעכע געשפּרעכן און זיי מכבד געווען מיט ציגאַרעטן.

די דאָזיקע אידיליע האָט אין פּוילישן האָטעל געדויערט אַזוי לאַנג, ביז אין אַ געוויסן יולי־טאָג, ווען די געשטאַפּאָ האָט געהאַלטן, אַז דער האָטעל האָט שוין דערפילט זיין ראָלע, איז דער האָטעל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשע זשאַנדאַרמעריע. אַלע יידן, וואָס זענען געווען אין האָטעל, האָט מען אַוועקגעפירט אין פּאַוויאַק.

* * *

דער אָבערשאַרפירער אַלבערטס איז געווען איינער פון די אָנפירנ־דיקע געשטאַפּאָ־לייט אין דער פּאַוויאַקער תפיסה. ער איז געווען דער לייטער פון דער ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג, ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער תפיסה־קאַנצעלאַריע. יעדער אַרעסטירטער האָט נאָך אַ געוויסער צייט פון זיצן אין דער תפיסה געמוזט זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן אויסער־געוויינלעך עלעגאַנטן געשטאַפּאָ־אָפיציר. איך האַלט נישט דווקא, אַז אַל־בערטס איז ענלעך געווען צום גריכישן אַפּאָלאָ, נאָר איך האָב אַן איינדרוק, אַז אַלבערטס אַליין האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין שיינקייט. ער האָט געשטרעבט צו זיין אַ מוסטער פון אַ מאַן, פון דער נאָרדישער ראַסע און פון „רומפּולן הערן פאָלק".

פאַר אונדז, די אַרעסטירטע אין פּאַוויאַק, האָט די הויבע און גלייך אויסגעצויגענע געשטאַלט פון אָבערשאַרפירער אַלבערטס אויסגעזען אַפילו גאַנץ סימפּאַטיש. אַזוי איז געווען ביז דעמאָלט, ווען מיר האָבן בעסער דערקענט דעם דאָזיקן מנוול און מיר זענען שוין געווען אימשטאַנד ריכ־טיקער אָפּצושאַצן זיינע מעלות און חסרונות.

אַלבערטס האָט עטלעכע מאָל טעגלעך מיט זיין פעסטן מיליטערישן שריט דורכגעשפּרייזט דעם תפיסה־הויף. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַר־ריסן אין דער הויך, אויף די הענט שניי־ווייסע הענטשקעס, אויף די פיס אַ פּאָר הויכע לאַקירטע שטיוול ווי אַ גענעראַל.

פון אַלבערטסן האָבן מיר קיין מאָל נישט געהערט קיין הויך קול.

ער האָט קיינעם נישט געשלאָגן, אויף קיינעם נישט געשריגן. בלויז דורכ־שפּרייזן האָט ער געפּלעגט דעם הויף און ווען עס האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט באַגעגנט אַן אַרעסטירטן און דער אַרעסטירטער האָט אים אַ דער־שראָקענער באַגריסט, האָט זיך אַלבערטס קיין מאָל נישט נוהג געווען אַזוי ווי די איבעריקע געשטאַפּאָ־לייט, וואָס אין בעסטן פאַל פלעגן זיי דעם אַרעסטירטן כלומרשט נישט באַמערקן. אַלבערטס פלעגט יעדן אַרעסטירטן עלעגאַנט ענטפערן אויף אַ באַגריסונג. און געטון האָט ער עס מיט אַ גראַ־ציעזער האַנט־באַוועגונג, העפלעך, עלעגאַנט און סימפּאַטיש.

די יידישע אַרעסטירטע פון דער קאַמער נר. 258 האָבן געוווסט, אַז יעדן טאָג זייגער 10 פאַרמיטאָג קומט אַלבערטס אין דער שכנותדיקער קאַמער 257, וועלכע איז אין יענער צייט געווען די יידישע טויטן־קאַמער, און רופט פון דאָרט אַרויס די צום טויט פאַרמשפּטע יידן. מען האָט געוווּסט, אַז פון דאָרט פירט זיי אַלבערטס אין דער תּפיסה קאַנצעלאַריע, פון וואַנען זיי גייען אויף דער „אומזידלונג".

צוליב דעם האָבן די יידן פון דער קאַמער 258 גערופן אַלבערטסן — צוזאַמען מיט זיין גוטסקייט און העפלעכקייט — „אַלבערטס, דער מלאך המות". דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז דער דאָזיקער הויכער פונקציאָנער פון דער תּפיסה־וואַך, פירט אייגנ־הענדיק אויס די עקזעקוציעס איבער די יידישע קרבנות. באמת האָט מען נישט געגלויבט אין די דאָזיקע קלאַנגען. עס האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז דאָס קאָן זיין אמת. צום אויספירן די עקזעקוציעס אין באַשטימט געווען די „ווייסע זשאַנדאַרמעריע" און ווען עס וואָלט אפילו אויסגעקו־מען, אַז די תּפיסה־וואַך וואָלט אַליין געמוזט אויספירן אַן עקזעקוציע האָט אַלבערטס לחלוטין נישט נעדאַרפט דאָס מאַכן מיט זיינע אייגענע הענט. ער האָט אַרום זיך געהאַט אַ גאַנצן שטאַב פון אויסגעשפּראָכענע מערדערס, אויף וועלכע ער האָט זיך גאַנץ רואיק געקענט פאַרלאָזן. איז אויב אַלבערטס נעמט זיך אַליין צו דער דאָזיקער אַרבעט, טוט ער עס פון אייגענעם ווילן, פון אַן אינערלעכער ליבשאַפט, פון סאַדיזם.

— עס איז אָבער אוממעגלעך — האָבן מיר צווישן זיך באַשלאָסן — אַז דער פיינער און העפלעכער אַלבערטס זאָל זיין אַ סאַדיסט פון אַזאַ מין.

מילא. וואָס ער איז, איז ער, אָבער דאָס, וואָס מען רעדט איצט וועגן אים, איז שוין איבערגעטריבן.

אָבער די חברים פון דער פאַכלייט־גרופּע, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער פערטער אָפּטיילונג (דער מחבר פון דאָזיקן בוך איז צו דער דאָזיקער גרופּע אָנגעשלאָסן געוואָרן ערשט שפּעטער), האָבן דערציילט. אַז פון די פענסטער פון זייער קאַמער האָבן זיי אַן אויסבליק אויף דעם פּלאַץ אַנטקעגן דעם תפיסה־טויער. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, צווישן די חורבות פון די הייזער דזשיעלנאַ גאַס נר. 25 און 27 ווערן אָפט אויסגעפירט עקזעקוציעס איבער די „אומזידלונגס יידן" און די יידן פון דער פערטער אָפּטיילונג זעען אָפט, ווי אַלבערטס שיסט פון זיין אויטאָמאַט צו די אָרימע קרבנות. ערשט דעמאָלט, ווען אונדזערע חברים האָבן דערציילט די דאָזיקע בפירושע זאַכן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו גלויבן אין אמת פון די פאַרשפּרייטע קלאַנגען וועגן אַלבערטסן.

עס איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז אונטער דער דאָזיקער גלאַטיקער פעל פון אַן אומשולדיק שעפעלע באַהאַלט זיך אַ געפערלעכע מערדערישע חיה מיט בלוטדורשטיקע אינסטינקטן. זינט דעמאָלט, דערהערנדיק בלויז דעם אָפּקלאַנג פון די באַקאַנטע שריט, האָבן מיר ממש געציטערט.

שוין אין די שפּעטערע ציטן, ווען איך האָב צוזאַמען מיט מיינע פינף חברים געאַרבעט אין תפיסה־באָד, האָבן מיר צוליב אַלבערטסן געהאַט אויסצושטיין אַ מאָמענט פון שרעק.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אַלבערטס דערנענטערט צום באָד־בנין און ווי זיין טבע, רואיק און העפלעך, דורכן אָפענעם פענסטער אונדז אַ פרעג געטון:

— וויפיל אַרבעטער זענט איר דאָ פאַראַן?

— זעקס מאַן — האָט איינער פון אונדז געמאָלדן.

— אַלע יידן?

— יאָ וואָל.

— אַלע אַרויס — האָט ער באַפוילן.

— נאָ, יינגלעך, היינט איז שוין אונדזער סוף —האָבן מיר איינער דעם צווייטן צוגעוווּנקען— אַ שאלה, אויב אַלבערטס, דער מלאך המות, קומט נאָך אונדז, טאָ ווער קאָן נאָך האָבן אַ ספק וועגן אונדזער גורל?

געציטערט האָבן מיר ווי פיש. דאָך זענען מיר ארויס פון באָד. אל־בערטס האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין א ריי, מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט און בשעת מעשה האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו מאכן שלום מיטן געדאנק וועגן טויט. אָבער אלבערטס האָט זיך נישט געאיילט. לאנגזאם האָט ער אונדז איבערגעציילט און געקוקט אויף אונדז מיט זיין מאָדנעם שמייכלענדיקן בליק. ווייזט זיך אָבער ארויס, אז ער איז געווען א שלעכטער בעל חשבון. מיר זענען געווען זעקס און ער האָט אונדז נישט געקאָנט איבערציילן. האָט ער געציילט נאָך א מאָל און אונדז האָט זיך געדאכט, אז די מעשה דויערט שוין א יאָר. מען וואָלט במשך פון דער צייט געקאָנט באוויזן איבערצוציילן א גאנצע דיוויזיע מיליטער.

אלבערטס האָט אָבער געהאט צייט. לאנגזאם האָט ער עפּעס געשלעפּט פון זיין קעשענע. מיר קוקן, וואָס ער שלעפּט. צו אונדזער דערשטוינונג איז עס א שאכטל ציגארעטן. אלבערטס עפנט דאָס שאכטל, דערלאנגט יעדן פון אונדז צו דריי ציגארעטן. דערנאָך באגריסט ער אונדז מיט זיין פיינע־האנט־באוועגונג, דרייט זיך אויס און גייט ווייטער. מיר בלייבן שטוינענ־דיק אויפן אָרט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט זיך איינער ביים צווייטן.

ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז הער אלבערטס איז דעם זעלבן טאָג צוריקגעקומען פון אן אורלויב און מעשה העפלעכקייט האָט ער פאר יעדן פון די ארעסטירטע, וואָס זענען געווען באשעפטיקט אין דער תפיסה אויף פונקציעס, געברענגט א מתנה: דריי ציגארעטן.

אויף אזא אופן האָט זיך אלבערטס באגריסט מיט די ארעסטירטע. די דאָזיקע באגריסונג, פונקט אזוי ווי זיין מתנה, וואָלטן מיר אים גערן מוחל געווען.

* * *

עס איז א פארנאכט נאָך א הייסן טאָג. די לופט אין דער קעלער־קאמער אויף דער אכטער אָפּטיילונג איז אָנגעזאָפּט מיט פייכטקייט. די ארעסטירטע זיצן ווי געוואָלגלעך אויף זייערע שטרויזעק, איינער צוגעפּרעסט צום צווייטן. די ענגשאַפט איז איצט גרעסער, ווי פריער. במשך פון היינ־טיקן טאָג זענען צוגעקומען דריי פרישע קרבנות. די העמדער האָבן זיך

צוגעקלעבט צו די לייבער. פאר שוואכקייט האָט קיינער נישט געקאָנט רעדן. אפילו דאָס יונגוואַרג האָט נישט געהאַט קיין חשק ארומצוקריגן זיך צווישן זיך, ווי זיי האָבן עס תמיד געפלעגט טון.

פּלוצלינג האָט זיך דורך די פענצטערלעך דערהערט פון תפיסה־הויף א שווערער געדויש פון אָנקומענדיקע אויטאָמאָבילן. באלד לאָזט זיך שוין הערן א שטארקער רעש, א צוזאמענגעמיש פון הויכע רופעניש אויף דייטש מיט בילן פון הינט.

פאר די ארעסטירטע, וועלכע זענען געזעסן אין קאמער, איז דער גאנצער געטומל אויפן הויף געווען א נייעס, עפּעס אן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, ווייל די שטילקייט פון א בית־עלמין איז דאָ כמעט קיין מאָל נישט געוואָרן איבערגעריסן.

קאזיק, דער סטאראסטע, האָט זיך צוגערוקט א בענקעלע צו דער וואנט אונטערן פענצטערל. ער איז ארויפגעקראָכן, א ווײַלע געשטאנען, האלטנדיק זיך צוליב פּאָרזיכטיקייטס טעמים אין א זייט פון פענצטערל, כדי מען זאָל אים נישט באמערקן פון דרויסן. דאן איז ער אראָפּגעשפּרונגען און האָט באריכטעט:

— גאנצע המונים מענטשן. איך דערקען, אז עס זענען יידן. די פרויען זענען פיין אָנגעטון. אלע האָבן א סך געפּעק, שיינע וואליזעס. קינדער זענען אויך דאָ.

— וואָס קאָן דאָס זיין? — האָבן מיר געטראכט — ווארשיינלעך ערגעצווו געוועזן אן אקציע.

איינער פון די היינט פריש געברענגטע ארעסטירטע, ליטוואַק, א ווארשעווער יונגערמאַן, האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט, ער איז צוגעשפּרונגען צום בענקעלע און פונקט אזוי ווי עס האָט עס געטון פריער קאזיק, האָט ער זיך אנידערגעשטעלט ביי דער זייט פון פענצטערל און ארויסגעקוקט אין הויף. ווען ער איז אראָפּגעקראָכן, האָט ער געזאָגט:

— זיי האָבן שוין ליקווידירט דעם פּוילישן האָטעל. איך קען די אלע מענטשן, צוזאמען מיט זיי בין איך דאָרט געווען ביז געכטן פאַרטאָג, ביז זיי האָבן מיך געכאפּט אין גאַס, ממש הינטער דער האָטעל־טיר, בשעת איך בין אויף א רגע ארויסגעגאנגען, כדי צו העלפן א חבר אריינצובאקומען זיך אין קאנאל, ווייל ער האָט געוואָלט זיך נאָך אומקערן אין געטאָ,

ווי ער האָט געהאט באהאלטן געלט. איצט האָבן זיי פארנומען די איבעריקע יידן פון האָטעל —האָט ער מעלאנכאָליש צוגעגעבן— יאָ, אויך דאָס איז שוין געענדיקט.

מיר האָבן דאן אָנגעווענדט אלע נויטיקע פּאָרזיכטיקייטס מיטלען און האָבן זיך ביים פענצטערל איינגעאָרדנט אן אָבסערוואציע־פּונקט, כדי מיר זאָלן קאָנען זען אלץ, וואָס קומט פאָר אין הויף.

א גרויסע צאָל מענער, פרויען און קינדער זענען געשטאנען אין רייען אויסגעשטעלט אויפן תפיסה־הויף. אין א זייט זענען געלעגן הויפנס געפעק. פונקט אין מיטן הויף איז געשטאנען א לאנגער טיש און ביים טיש זענען געזעסן צוויי געשטאַפּאָ־אָפיצירן: בראנד, דער באוווּסטער רוצח פון די ווארשעווער יידן און זיין באהעלפער מענדע. נעבן זיי זענען געשטאנען עטלעכע געשטאפּאָ־לייט פון צווישן דער תפיסה־וואך מיט אלבערטסן בראש.

בראנד מיט זיין ברייט צעגאָסענעם חזירישן פּנים האָט געקאָמאנדעוועט. איינעם נאָכן צווייטן פון די יידן צוגערופן צום טיש, דורכגעקוקט פאפּירן און געשיקט איינעם אויף לינקס, דעם צווייטן אויף רעכטס. די שורה פון רעכטס איז וואָס אמאָל געווען אלץ גרעסער. די שורה פון לינקס איז געבליבן גאנץ קליין. בסך הכל עטלעכע צענדליגק מענטשן.

מיר האָבן שוין אויפן ווינק פארשטאנען, אז עס ווערט דאָ דורכגעפירט א „סעלעקציע”. דאָס דאָזיקע וואָרט פארמאָגט אפשר נישט קיין באזונדערס גרויסע באדייטונג פאר מענטשן, וואָס האָבן נישט מיטגעמאכט דאָס דייטשע גיהנום אין פּוילן. אָבער פאר יענע, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע גיהנום יאָ מיטגעמאכט, באדייט דאָס דאָזיקע אומשולדיקע לאטייניש וואָרט גרויל און שרעק, ווייל בשעת די „סעלעקציעס” און נאָך זיי זענען אומגעקומען אין פּוילן מיליאָנען יידן.

די געשטאַפּאָ איז געקומען צום אויספיר, אז עס איז שוין מער נישט כדאי צו טרייבן ווייטער דעם שפּיל מיטן פּוילישן האָטעל. די געשטאַפּאָ האָט דעם דאָזיקן „קאמף” געוווּנען. עס האָט זיך איינגעגעבן ארייצנצינארן עטלעכע טויזנט יידן. די גרופּעס, וועלכע זענען שוין ארויסגעשיקט געוואָרן אין דער צווישנצייט קיין וויטעל אָדער האנאָווער, וועלן נישט פארפאלן ווערן פאר דער געשטאַפּאָ. צו יעדער רגע האָט מען דאָך איבער

זיי די שלימה און קיינער וועט דאָך נישט שטערן אין זייער ליקווידאציע. דאקעגן איז שוין געקומען די צייט, כדי צו פארענדיקן דעם ענין אין יוארשע.

איך האָב איינגעשטעלט מיינע עטלעכע טעג, וואָס איך האָב דעמאָלט גערעכנט, אז זיי זענען מיר נאָך געבליבן פון מיין לעבן. איך בין זייער לאנג געשטאנען אויף דעם קליינעם בענקעלע אין דער זייט פון קעלער פענצטערל. איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער דעפילאדע פון טויט. מיין לעבן גופא איז אין יענעם מאָמענט געווען שטארק איינגעשטעלט, ווייל ווען א דייטש וואָלט מיך דערזען אן ארויסקוקנדיקן, וואָלט ער מיר תיכף ארייננעיאָגט א קויל פון זיין אויטאָמאט. איך האָב אָבער נישט געטראכט וועגן דער סכנה, איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפרייסן פון דעם בילד פון צינישער אכזריות און הילפלאָזיקייט. באזונדערס האָט מיך געמאכט אויפ־טרייסלען דאָס בילד פון די קינדער, קלענערע און גרעסערע, העלע קעפלעך, ראָזיקע פנימלעך, געוואָרפן מיט די אייגעלעך אהין און אהער, געטוליעט זיך צו די פרויען און געציטערט.

יאָ, דאָס האָב איך באשטימט געזען, זיי האָבן אלע געציטערט. מסתמא געוווּסט, ווּ זיי זענען און צו וואָס מען האָט זיי אהער געברענגט.

אין דעם מאָמענט איז פאר מיינע אויגן געשטאנען דאָס בילד פון אן אייגן עופהלע, וואָס האָט מיט א גאָר קורצער צייט צוריק דורכגעמאכט דעם זעלבן וועג צום טויט.

די דייטשן האָבן גאנץ רואיק געמאכט זייער ארבעט. באצויגן זיך צו די יידן כמעט ווי העפלעך. לעגיטימירט און געהייסן אוועקגיין. די שורה פון רעכטס איז שוין געווען ריזן גרויס, די שורה לינקס האָט זיך כמעט נישט פארגרעסערט. איך האָב פארשטאנען, וואָס דאָס באדייט. רעכטס הייסט טויט, לינקס הייסט לעבן, אָדער ריכטיקער געזאָגט: צייטווייליק נאָך מאַטערן זיך.

די סעלעקציע האָט געדויערט ביז שפעט אין אָוונט. דערנאָך האָבן מיר געהערט, ווי מען טרייבט אריין א גרויסן המון מענטשן אין תפיסה־בנין. שפעטער האָט זיך מיט א קנאקנדיקן פראל פארמאכט הינטער זיי די אייזערנע תפיסה־טיר און פון אונדזער קארידאָר האָט זיך געהערט א געטומל פון הונדערטער פאָר פיס. די עטלעכע צענדליקער יידן פון דער לינקער שורה

האָט מען אוועקגעפירט אויף דער פרויען־אָפּטיילונג, דאקענן דעם גרויס המון פון רעכטס האָט מען אריינגעטריבן אויף אונדזער אָפּטיילונג, וועלכע איז געווען די אָפּטיילונג פון טויט.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מיט די עטלעכע צענדליק יידן, וואָס זענען אוועקגעפירט געוואָרן אויף דער פרויען־אָפּטיילונג, ווייל כלומרשט האָבן זיי געהאט בעסערע פּאפּירן פון די איבעריקע, האָבן די נאַציס געפּרוּווט אָנהייבן א נייעם שפּיל מיט „אמעריקאנישע בירגער". עס האָט געהייסן, אז פון דעם מאָמענט זענען די „אמעריקאנער" אינטערנירט אין פּאוויאַק. פארשטייט זיך, אז איצט איז זיי שוין נישט געלונגען אריינצובאקומען קיין באדייטנדיקע צאָל יידן. דאָך אָבער האָבן זיי אריינבאקומען נאָך א קליינע צאָל יידן און דעם גאנצן טראנספּאָרט האָבן זיי שפּעטער ארויסגעשיקט קיין האנאָווער. עס איז נאָך כדאי צו באמערקן, אז פון די אלע טראנספּאָרטן „אמעריקאנישע" יידן, וואָס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן קיין וויטעל און האנאווער, האָבן זיך אָפּגעראטעוועט בלויז געציילטע יחידים. דאָס רוב איז אומגעקומען.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צום געטומל אויף אונדזער קאָרידאָר. דורך דער פארמאכטער טיר האָבן מיר געהערט, ווי מען טרייבט אריין די מענטשן אין די קאמערן. שפּעטער האָט שוין ארום אונדז געהערשט א שטילקייט, א טויטע שטילקייט פון א געוועהנלעכער נאכט אין דער פּאוויאַק־תפיסה.

צומאָרגנס האָט מען די מענטשן ארויסגעטריבן פון די קאמערן אין קאָרידאָר. מען האָט זיי געהייסן אויסשטעלן זיך אין א ריי און נעמען די פּרישטיק־קאווע. הינטער דער טיר פון אונדזער קאמער איז גראָד געשטאַנען א ריי פון פרויען. מיר האָבן געפּרוּווט אָנקניפּן מיט זיי א געשפּרעך. דער קרומער טשאריסקי האָט זיי א פרעג געטון דורך דער וויזיערקע (א קיילעכדיק פענצטערל אין דער תפיסה־טיר):

— וואָס טוט זיך מיט אייך?

— עס איז ביטער —האָט אים אויף יידיש געענטפערט א קליינע, שווארצע פרוי — מיר גייען אהין — האָט זי מיטן פינגער געוויזן די פּאָדלאָגע.

די ריי האָט זיך פאַראויסגערוקט. אוקראַינער האָבן זיך דערנענטערט. מיר האָבן געמוזט איבעררייסן דאָס געשפּרעך.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז אין קאָרידאָר ווידער א געטומל. מען האָט די מענטשן נאָך אַמאָל ארויסגעטריבן פון די קאַמערן, ווידער אויסגעשטעלט אין רייען. זיי זענען איצט געשטאַנען אין א טאָפּלטע ריי, אויסגעשטעלט לענגאויס דעם איבער הונדערט מעטער לאַנגן קאָרידאָר. דערנאָך האָט מען זיי געהייסן אין גרופּעס צו פינף מענטשן ארויסגיין אויפן הויף. בלויז א קורצע צייט האָט געדויערט, זינט די ערשטע גרופּע איז ארויס פון קאָרידאָר און מיר האָבן פון א גאָר נאָענטן מרחק דערהערט א שאַרפע סאַלווע פון אויטאָמאַט־שאָסן. עס איז געווען קלאָר. דאָס איז שוין געווען די עקזעקוציע.

איצט איז הינטער אונדזער טיר ווידער געשטאַנען א ריי פּרויען. מיר האָבן שוין אָבער נישט געקאָנט ארויסקוקן. פּלוצלינג האָב איך דער־הערט א געוויין פון א פרוי און תיכף האָב איך געהערט, ווי א צווייטע האָט איר אריינגעזאָגט:

— בהמה, וואָס וויינסטו. נאָר איין מאָל שטאַרבט מען דאָך. דו מוזט זיך האַלטן, כדי די שונאים זאָלן אין אונדז נישט האָבן קיין נקמה.

* * *

שפּעטער, ווען איך בין שוין געזעסן אויף דער פּערטער אָפּטיילונג, האָבן מיר מיינע פריינט דערציילט וועגן פּרטים פון דער דאָזיקער עקזע־קוציע: זי איז פאָרגעקומען פּונקט אקעגן דעם פּאַוויאַק־טויער אין די חורבות פון די הייזער דזשעלנאַ גאַס 25 און 27.

די יידן פון דער פערטער אָפּטיילונג האָבן פון זייערע פענצטער אַלץ געזען. זיי האָבן געוווּסט צו דערציילן, ווי אוקראַינער האָבן מיט גרויסע שטעקנס געטריבן גרופּעס נאַקעטע מענטשן צו פינף אין א שורה פונעם תפיסה־טויער איבער דער פוסטער גאַס צו די חורבות. צווישן די חורבות איז געווען אויסגעגראָבן א טיפער גרוב און איבער אים איז גע־האַנגען א הילצערן בריקל. די אוקראַינער האָבן די קרבנות געטריבן צום בריקל און ווען זיי האָבן באַטראָטן דאָס בריקל, האָט זיך פון א זייט גע־

לאָזט הערן א סעריע שאָסן פון אויטאָמאט און תיכף האָט זיך דאָס פינפטל נאקעטע מענטשן איבערגעקערט אין גרוב אריין.

אזוי איז געגאנגען איין פינפטל נאָכן צווייטן, צוזאמענגעמישט מענער, פרויען און קינדער.

אין א געוויסן מאָמענט האָט איינער פון די ארויסקוקנדיקע יידן באמערקט פון דער זייט, פון וואנען עס האָט זיך געהערט די שיסעריי, א שאָטן פון א מענטש, וועלכער איז געשטאנען הינטער דער חורבה־מויער. די יידן האָבן געווענדט זייערע בליקן אין דער זייט פון שאָטן און זיי האָבן דערקענט אין אים אלבערטסן דעם מלאך המות. ער איז געשטאנען אן אויסגעגלייכטער. אין זיינע הענט, אָנגעטוענע אין שניי־ווייסע הענטשקעס, האָט ער געהאלטן אן אויטאָמאטישע ביקס. ווען דאָס פינפטל נאקעטע מענטשן האָט דערגרייכט דאָס בריקל, האָט אלבערטס אויפגעהויבן דעם אויטאָמאט און דאן האָט א סאלווע דורכגעשניטן די לופט. דערנאָך האָט ער מיט א גראציעזער באוועגונג אראָפּגעלאָזט די ביקס. ווער עס האָט געקענט אלבערטסן, האָט געוווּסט, אז מיט דער זעלבער האנט־באוועגונג גריסט ער די ארעסטירטע אויפן תפיסה־הויף.

אין יענעם טאָג האָט אלבערטס איינער אליין דערמאָרדעט אן ערך 300 מענטשן, צווישן זיי א היפשע צאָל פרויען און קינדער. ער איינער אליין — אלבערטס דער קאלטער מערדער.

## מיין פריינט ווילי

איך האָב מיך באקענט מיט אים אין א שפּעטן הארבסט־טאָג. אין אמתן האָט מען שוין דעמאָלט געהאלטן ביים סוף פון הארבסט, הגם דער ווינטער האָט נאָך נישט געהאט באוויזן ארומצונעמען די וועלט מיט זיינע קאלטע אָרעמס. אין יאָר 1943 האָבן מיר אין פּוילן געהאט א שיינעם הארבסט. עס זענען געווען זוניקע און אפילו ווארעמע טעג.

איך בין געזעסן אין פאָרהויז פון תפיסה־באַד נעבן מיין גרויסן דעזינפעקציע־קעסל. געזעסן און ווי געוועלעך האָב איך געטראכט. איך האָב געטראכט וועגן גורל פון מיינע נאָענטע, וועגן מיין אייגענער לאגע און וועגן דער אויסזיכטלאָזיקייט פון מאָרגן. עמעץ האָט א שטארקן

קלאפ געטון אין די טיר. אין הסכם מיטן תפיסה־רעגולאמין האט אונדזער מיר געמוזט שטענדיק זיין פארמאכט און דעם שליסל האט ביי זיך געהאלטן דער אוקראינישער וואכמייסטער. איצט האט אונדזער וואכמייסטער געעפנט די טיר. עס זענען אריינגעקומען דריי מענער, אנגעטוענע אין די קאנצענטראציע־לאגערישע פאסיאקעס, מיט גראנאטענע בערעטן אויף די קעפ. עס זענען געווען דייטשן — געפאנגענע פון קאנצענטראציע־לאגער אויף גענשע גאס. אזוי ווי אין זייער לאגער איז נאך דעמאלט נישט געווען איינגעארדנט קיין באד, זענען זיי צו אונדז געקומען זיך באדן. דער ערשטער פון יענע דריי, א הויכער, בלאנדער מאן מיט אן אויסזען פון אן אינטעליגענטלער, האט אויף זיך געצויגן מיין באזונדערע אויפמערקזאמקייט. ער איז טאקע תיכף צו מיר צוגעגאנגען, געדריקט מיר די האנט און געזאגט:

— מיין נאמען איז ווילי. איך בין באשעפטיקט אלס שרייבער פונעם לאגער־שפיטאל. דער דאזיקער צווייטער, וואס איז דא מיט מיר צוזאמען, איז דער לאגער־דאקטאר און דער דריטער איז דער אדמיניסטראטאר. איר פארשטייט דאך, אזא „מעדכען פיר אלעס".

— יא, איך פארשטיי — האב איך געענטפערט און איך האב מיך באגריסט מיט אלע דריי.

שפעטער זענען געפאלן די זעלבע געוועגלעכע פראגן, וועלכע מען האט שטענדיק געהערט איבערחזרן דורך ארעסטירטע, בשעת זיי האבן זיך ערגעצווו באגעגנט.

— ווי לאנג נאך? ווען וועט שוין א סוף נעמען צו אונדזער נויט?

— ווער קאן דאס וויסן? — פלעגט דער געפרעגטער ארעסטירטער געוועגלעך ענטפערן מיט א צווייטער פראגע.

אבער פון ווילין האב איך נישט געהערט דעם דאזיקן געוועגלעכן ענטפער. ווילי האט געהאלטן, אז אונדזער נויט קאן שוין לאנג נישט דויערן. די סאוויעטן מאכן דיזן־פארשריטן אויף די פראנטן. זיי געפינען זיך שוין גאר נאענט צו די אמאליקע פוילישע גרענעצן. אין עטלעכע וואכן ארום וועלן זיי שוין זיין אין ווארשע. אייגנטלעך קאנען מיר נאר פון דער זייט רעכענען אויף אונדזער ישועה — האט מיר ווילי פארזיכערט.

ווילי האָט מיר דערציילט וועגן זיך. ער זיצט שוין זינט דעם יאָר 1933, דאָס איז זייט דער היטלער־רעזשים איז אויפגעשטאַנען אין דייטשלאַנד. ער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַן אַדוואָקאַט אין בערלין, שטאַרק פאַרנומען זיך מיט פּאָליטישער טעטיקייט און טאַקע דערפאַר האָבן אים די היטלעריסטן אַרעסטירט אין די סאַמע ערשטע טעג. במשך פון זייַנע צען יאָר אַרעסט האָט ער שוין זייער פיל מיטגעמאַכט, געווען אין אַ סך לאַגערן און דורכגעגאַנגען גרויסע מאַטערנישן און פּייניקונגען. לסוף איז ער איצט אין „קאָנצענטראַציע־לאַגער־וואַרשע”. דאָ גייט אים אפילו נישט שלעכט, נאָר דאָס עלפטע יאָר פון געפאַנגענשאַפט האָט שטאַרק אונטערגעשניטן זיין געזונט.

— איך בין אין געשטאַפּאָ — האָט ער דערציילט — באַלאַסטעט מיט גרויסע פּאָליטישע חטאים. איך האָב נישט קיין שום האָפענונג, אַז זיי זאָלן מיך ווען עס איז אַרויסלאָזן אַ לעבעדיקן. איך בין זיכער, אַז ווען עס וועט קומען זייער לעצטע שעה, וועלן זיי מיט מיר מאַכן אַ סוף. איך מוז זוכן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פּליטה.

נאָך דעם דאָזיקן ערשטן באַגעגעניש איז ווילי געקומען צו אונדז כמעט טעגלעך. צוליב זיין אַרבעט אין שפּיטאָל האָט ער זיך געמוזט אָפּט באָדן. איין מאָל, בשעת מיר זענען צוזאַמען געזעסן, האָב איך אים אויסגעפרעגט וועגן זיין משפּחה.

— איך האָב אין בערלין אַ פרוי און צוויי קינדער — האָט ער מיר געענטפערט. אין די ערשטע יאָרן האָב איך מיט זיי געהאַט אַ פאַרבינדונג. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן איין מאָל אין חודש. נאָר שפּעטער האָט זיך מיין פאַמיליע פון מיר אָפּגעזאָגט. איך האָב שוין אויף זיי פאַרציכטעט, איך וועל זיך צו זיי שוין מער נישט אומקערן. אויב איך וועל יאָ איבערלעבן די דאָזיקע גרוילִיקע צייט, וועל איך מיך באַזעצן אין דרום אַמעריקע און דאָרט וועל איך באַשרייבן און פאַרעפנטלעכן אַלץ, וואָס איך האָב געזען בשעת די עלף יאָר אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אַן אַנדער מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז צוויי יונגטלעכע דייטשן, וואָס זענען געזעסן אַלס אַרעסטירטע אין דעמזעלבן לאַגער אויף געגנשע־

גאס, זענען אנטלאָפן. נאָך דער פליטה האָבן זיי געלאָזט זיך פאָרן צו דער פּרייסישער גרענעץ, רעכענענדיק אז עס וועט זיי געלינגען דורכרייסן זיך אהיים. אָבער אויף דער גרענעץ האָט זיי פארהאלטן די פּאָליציי. דאַן האָט מען זיי געבראכט אין פאוויאק. דאָ זענען זיי געזעסן אָפּגעזונדערט און געוואַרט אויף זייער פּסק דין. לויט די נאַצישע פאראָרדענונגען האָט זיי פאַר א פרווו צו אנטלויפן דערוואַרט די תליה.

מיט די דאָזיקע צוויי יונגטלעכע האָב איך מיך א מאָל געטראָפן, בשעת זיי זענען געקומען זיך באָדן. דעמאָלט האָבן זיי מיר דערציילט, אז זיי וועלן בלייבן לעבן, ווייל הימלער אליין האָט זיי באַגנעדיקט. די צוויי דייטשן האָבן געבעטן, אז ווען איך וועל מיך טרעפן מיט ווילליען, זאָל איך אים זאָגן, ער זאָל זיי שיקן אין תפיסה ציגארעטן און עסנוואַרג.

ווען איך האָב די זאַך געמאָלדן ווילליען, האָט ער מיר געענטפערט:

— זעסטו, איך אליין וואָלט פון דער זאַך נישט געמאַכט קיין עסק. די יינגלעך זענען דאָך אין א גרויסער נויט. אָבער אונדזערע פריינט אין לאַגער טראָגן קעגן זיי א גרויסן פאראדרוס. ערשטנס האָבן זיי פאַר זייער פליטה אויסגעוויילט א שלימזלדיקן מאָמענט און זיי האָבן א סך חברים קאַליע געמאַכט א מעגלעכקייט צו באַקומען פּאַסירשיינען אויף צו גיין אין שטאָט. דו פארשטייסט דאָך גאַנץ גוט, אז אזא פּאַסירשיין איז א וועג צו דער פרייהייט. צווייטנס זענען זיי געלאָפן קיין דייטשלאַנד און דאָס באַטראַכטן מיר, דייטשע העפטלינגע, אלס א פאַרראַט. יעדער פון אונדז האָט אויף אייביק אויסגעמעקט פון זיין נשמה די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע היים. מיר ווילן זי פּשוט מער נישט אָנקוקן. נאָך היטלערס מפּלה ווילן מיר אין אונדזערע פּאַסיאַקעס דורכגיין איבער גאַנץ פּוילן. דאָס וועט אונדז ממילא ראַטעווען פון טויט, ווייל אַלע וועלן פארשטיין, אז הגם מיר זענען דייטשן, זענען מיר אָבער נישט די אָקופּאַנטן, נאָר די זעלבע געפּייניקטע און אומגליקלעכע מענטשן, וואָס איר זענט.

אין יענער צייט בין איך שוין געווען פולשטענדיק זיכער, אז ווילליאיז אונדזערס א מענטש. מיר, די זעקס בעדער, האָבן אים אויפגענומען זייער הארציק, פונקט ווי אן אייגענעם. מיר האָבן זיך געטיילט מיט אים מיט אַלעם, וואָס מיר האָבן געהאַט, מיר האָבן פאַר אים נישט געהאַט קיין שום סודות.

איין מאָל האָבן מיר זיך מיט וויללין אָפּגערעדט וועגן מאַכן פּליטה. מיר האָבן שוין אפילו געהאט אויסגעאַרבעט א פולשטענדיקן פּלאַן. דער פּלאַן איז באשטאנען אין פאָלגנדן: איין מאָל אין דער וואָך קומען צו אונדז זיך באָדן אַלע אַרעסטירטע פון גענשע לאַגער. אין אַזא טאָג דרייען זיך גרופּן פון הונדערטער „פּאַסיאַקעס" אַהין און צוריק דורכן תפיסה־טויער. נישט קיין וואונדער, אַז אין אַזא טאָג איז דער געטומל אויפן פּאוויאַק אַן אומבאַשרייבלעכער און די תפיסה־וואַך איז נישט אימשטאַנד געווי צו קאָנטראָלירן די באַוועגונג. מיר האָבן געוואָלט אויסנוצן אַזא צערודערטן טאָג. מיר האָבן טאַקע באַשלאָסן, אַז בשעת א גרופּע פּאַסיאַקעס וועט זיך באָדן, וועלן מיר דערווייל אין א צווייטן צימער זיך איבערטוען אין זייערע בגדים. דערנאָך וועלן מיר צוזאַמען מיט ווילליין און מיט א גרעסערער גרופּע פּאַסיאַקעס, געפירט דורך אַן עס־עס מאַן, וואָס מוז, פאַרשטייט זיך, זיין געבלאַטעוועט, אַרויסגיין פון דער תפיסה דורכן תפיסה־טויער, ממש אונטער די אויגן פון דער תפיסה וואַך. ווען מיר וועלן שוין זיין אין געטאָ — האָבן מיר געפּלאַנט — וועט זיך אונדזער גרופּע צוזאַמען מיט ווילליין אָנועקרייסן פון דער גרופּע. דערנאָך וואָלטן מיר געמוזט זיך בלויז דורכרייסן איבערן געטאָ־שטח, איבערשפּרינגען די מויער און שוין זענען מיר אין שטאָט. עס איז א זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז מיר האָבן זיך מתחייב געווען מיטצונעמען ווילליין מיט זיך און געפינען פאַר אים אין וואַרשע א באַהעלטעניש, פּונקט אַזוי ווי פאַר יעדן פון אונדז.

דער דאָזיקער פּלאַן איז נישט געווען קיין שלעכטער. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע אויסזיכטן פאַר האָבן א דערפאָלג. דאָך אָבער וואָלט מען ביי זיין רעאַליזירן געמוזט נאָך מנצח זיין צוויי וויכטיקע מניעות. ערשטנס, וואָס טוט מען מיט אונדזער אוקראַאינישן וואַכמייסטער, צווייטנס, ווו געפינט מען צווישן די עס־עס לייט פון גענשער לאַגער אַזעלכן, וואָס וועט זיך וועלן אונטערנעמען די אויפגאַבע פון אַרויספירן אונדז פון תפיסה.

אין יענער צייט האָבן מיר אין באָד געהאט צוויי אוקראַאינער. זיי האָבן, נאַטירלעך, נישט געאַרבעט צוזאַמען, נאָר אַזוי ווי איינער האָט געהערט צו דער ערשטער וואַך און דער אַנדערער צו דער צווייטער, האָבן

זיי זיך יעדן טאָג געביטן. איינער פון די דאָזיקע אוקראַאינער איז געווען באַרטשעווסקאָ, א גוטער שגץ און אן אמתדיקער פריינט. דעם וואָלטן מיר קיין מאָל נישט אַרייננעצויגן אין אזא מין צרה. אָבער דערפאַר איז דער צווייטער, קאַסטיוענקאָ, געווען א מנוול און א רשע. ער איז אין פּאָוויאַק געקומען פון א ספּעציעלער שול, וווּ די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט לימודים פאַר אכזריות. ער האָט די דאָזיקע מלאכה גוט געקענט. ער האָט צום ביישפּיל געפּלעגט זיך אוועקשטעלן שטילערהייט מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט ערגעץ אין א זייט פון תפיסה־הויף און א נישט באַמערקטער פון קיינעם, האָט ער באַטראַכט די פענצטערלעך פון תפיסה־בנין. טאָמער האָט ער אין וועלכן עס איז פענצטערל באַמערקט א קאָפּ פון אן אַרעסטירטן, וואָס האָט געלעבט נאָך א ביסל לופט אָדער געוואָלט וואַרפן א בליק אויף גאָטס וועלט, האָט ער תיכף אַריינגעשאָסן אין דעם פענצטער. צום גליק איז קאַסטיוענקאָ געווען פּונקט אזא שלעכטער שיסער, ווי ער איז געווען א מענטש. כמעט קיין מאָל איז אים נישט געלונגען צו טרעפן, אָבער דאָך האָט ער איין מאָל אויף אזא אופן דערשאָסן אן אַרעסטירטן.

אין באָד גופא האָט קאַסטיוענקאָ באַוויזן זיינע גבורות. מילא אונדז, די בעדער, האָט ער גערודפט און געפּייניקט, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. אָבער דאָס אליין איז נאָך פאַר אים נישט געווען גענוג. ער האָט אויך פאַרשאַפט צרות די אַרעסטירטע, וואָס זענען געקומען זיך באָדן. אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט א גרויליקער עפּיזאָד. בשעת עס האָבן זיך געבאָדן פּאַסיאַקעס, האָט ער בשותפות מיט אן עס־עס מאַן, וואָס האָט באַוואַכט די פּאַסיאַקעס, געגומען פּייניקן די זיך באָדנדיקע. פּלוצלינג האָבן זיי ביידע אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די פּאַסיאַקעס אן עלטערן ווינער ייד. איך זע נאָך איצט פאַר מיינע אויגן די צאַפּלענדיקע געשטאַלטן פון די צוויי יונגע רוצחים, בשעת זיי האָבן דעם ייד געשלאָגן מיט שטאָלענע בייטשן און פאַרפּייניקט אים כמעט ביז צום טויט. איינעם פון אונדז האָט קאַסטיוענקאָ געהייסן האַלטן דעם ייד. אונדזער חבר האָט זיך אָפּגעזאָגט, דערפאַר האָבן מיר אַלע שפּעטער באַקומען שמיץ.

אַלזאָ דעם דאָזיקן קאַסטיוענקאָ האָבן מיר געוואָלט אָנלערנען. מיר האָבן באַשלאָסן א מינוט פאַרן אנטלויפן אומשעדלעך צו מאַכן דעם רוצח. דער אופן פון דורכפירן די זאַך איז געווען א גאַנץ פּשוטער. מיר האָבן

נעפּלאַנט קאַסטיענקאָן צו פּארמאכן אין דעם רעזינפעקציע־קעסל. דאָרט וואָלט ער אפשר דערשטיקט געוואָרן. אלנפאלס וואָלט ער פון דאָרט בשום אופן נישט געקאָנט אלאַרמירן די תפיסה־מאכט וועגן אונדזער פליטה. אויף אזא אופן האָבן מיר געוואָלט לייזן די ערשטע שוועריקייט, וואָס מיר האָבן נעהאַט ביים רעאליזירן דעם פּלאַן פון פליטה.

וועגן דער צווייטער שוועריקייט האָבן מיר זיך געמוזט פארלאָזן אויף וויללין. ער האָט אונדז טאקע פארזיכערט, אז ער וועט לייכט געפינען דעם עס־עס מאן, וועלכער וועט זיך אונטערנעמען אונדז ארויסצופירן.

בשעת מיר האָבן ארומגערעדט די ווייטערע פּרטים פון דער פליטה, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז וויללי האָט נישט וואָס אָנצוטון. ער האָט נישט קיין לייטישן אָנצוג, חוץ דעם פאסיאַק, ער האָט נישט קיין שיך און נישט קיין פּאלטן. אין פאסיאַק טאָר זיך וויללי אפילו אויף א רגע נישט ווייזן אין שטאָט, ווייל די פּאָליציי וועט אים דאָך תיכף פארהאלטן. הכלל, וואָס בלייבט צו טון? מיר האָבן זיך צוזאמענגעלייגט. איינער פון אונדז האָט וויללין אוועקגעגעבן פון זיך א פּאָר הויזן, דער צווייטער א רעקל, דער דריטער א פאלטן און שיך. וויללי איז שוין איצט געווען לייטיש אָנגעטון. מיר האָבן געקענט צוטרעטן צום אויספירן דעם פּלאַן.

וויללי האָט געהאלטן, אז עס איז שוין דער לעצטער מאָמענט פאר אנטלויפן. יעדנפאלס מוז די זאך געשען העכסטנס ביז סוף יאָר 1943 און דעמאָלט האָבן מיר שוין געהאלטן סוף פון חודש נאָוועמבער. מיר, פארשטייט זיך, זענען געווען מסכים מיט וויללין, ווייל יעדער טאָג האָט פאר אונדז באדייט א סכנה און מיר האָבן געוואָלט אזוי גיך ווי נאָר מעג־לעך זיין מחוץ דער תפיסה.

איין מאָל האָט מיך וויללי באקענט מיטן אָבערשטורמאַן מוט, וואָס האָט גראד באַוואכט וויללים גרופּע, וואָס איז געקומען זיך באָדן.

— ער איז אן אונדזערער —האָט מיר וויללי געזאָגט וועגן מוטן— אן אלטער סאָציאליסט און דו קאָנסט מיט אים רעדן ווי מיט אן אייגע־נעם. איך וויל פּרוּוון אים משפּיע זיין, אז ער זאָל אונדז ארויספירן.

איך האָב מיט מוטן אָנגעהויבן א געשפּרעך. ער איז טאקע געווען זייער העפלעך און גרייט אונדז צו העלפן. דאָך האָט ער אָבער נישט געקענט אונטערנעמען זיך אונדז ארויסצופירן. ער אליין איז געווען דער פירער

פון דער לאגער־וואך און אלס אזעלכער האָט ער נישט געקאָנט טון אזא זאך. דאקעגן אָבער האָט ער צוגעזאָגט צו געבן אונדז אן אנדערן עס־עס מאן, וועלכער וועט אונדז ארויספירן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז טאקע וויללי געקומען צו אונדז מיט עפּעס אן עס־עס מאן, א רומענישן פאָלקס דייטש. מיט אים האָבן מיר אָנגעהויבן צו פארהאנדלען וועגן עצם ענין.

אָבער דעמאָלט זענען שוין געקומען די ערשטע אנטוישונגען. אין א נאָכמיטאָג איז ביי אונדז געזעסן דער אָבערשטורמאן מוט. ער האָט גראד געהאט געמאכט א גוטע כוסה און זייענדיק אין א פרייל עכער שטי־מונג, האָט ער אונדז דערציילט וועגן זיינע נעכטיקע גבורה־מעשים. אלזא נעכטן האָט ער געפירט צו דער ארבעט אין געטאָ א גרופּע גריכישע יידן. מיר האָבן געקענט די דאָזיקע יידן. זיי זענען ס׳רוב געווען אויסגעהונגערט, א סך פון זיי האָבן געהאט געשוואָלענע פיס און יעדן טאָג זענען פון זיי א סך געשטאָרבן צוליב די ספּעציפישע הונגער קראנקייטן.

אזעלכע יידן האָט נעכטן מוט עסקארטירט און בשעת דער ארבעט האָבן זיך דריי פון די דאָזיקע יידן דערווייטערט פון דער גרופּע. זיי זענען געגאנגען צווישן די געטאָ־חורבות, ווייל זיי האָבן געהאָפט צו געפינען עפּעס צו עסן. זייער אייביקער חלום איז דאך געווען צו געפינען א מאכל, מיט וועלכן מען וואָלט געקענט א ביסל שטילן דעם פייניקנדן הונגער.

— מיך האָט אָבער שטארק פארדראָסן די חוצפה פון די דאָזיקע לייזיקע יידן — האָט מוט א פרייל עכער פאָרגעזעצט זיין דערציילונג — איך בין געגאנגען זיי זוכן. איך האָב זיי טאקע געפונען אין עפּעס א חרובן קעלער. וואָס טראכט איר, האָב איך געטון מיט זיי?

מיר האָבן אין דעם מאָמענט גראד נישט געטראכט וועגן גאָרנישט. ביי מוטן האָבן געפינקלט די גרויע אויגן און זיין פּנים איז געווען אויס־געקרומט אין עפּעס א ווילדן געלעכטער.

— איך האָב זיי טאקע אויפן אָרט דערשאָסן, די דאָזיקע „דרעקיקע זעקע”. מיט דער מאשין — האָט ער געוויזן זיין רעוואָלווער.

איך האָב געטראכט:

— א שיכור זאָגט דעם אמת. יאָ, אָבער ווי אזוי האָט דאָס א סאָציאל־דעמאָקראט און א מאן, וואָס ווילי האָט וועגן אים גערעדט,

אלס אן „אונדזערן”, געקאָנט אָפּטון אזא מין זאך? עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג.

איך האָב געשוויגן, געלאָזט מוטן ווייטער רעדן, אָבער דער גאנצער ענין האָט מיך שטארק פארדראָסן.

א קורצע צייט שפּעטער האָבן מיינע פריינט, די בעדער, אויף זייער אייגענער הויט זיך איבערגעצייגט וועגן די מאָראלישע און עטישע מעלות פון דעם סאָציאל־דעמאָקראט מוט. אזוי ווי ער האָט ביים אָנהייב דער־קלערט זיין גרייטקייט צו העלפן אונדז, האָבן צוויי אונדזערע פריינט, פינקלשטיין און כיל געגעבן אים בריוו צו זייערע באקאנטע אין ווארשע. דורך די דאָזיקע בריוו האָט מוט געדארפט באקומען געלט. מוט האָט איבערגעגעבן די בריוו, ער האָט אויך גענומען דאָס געלט, אָבער דאָס געלט האָט ער באהאלטן זיך, נישט געבנדיק די ארעסטירטע יידן קיין פּרוטה.

דערנאָך איז געקומען א ווייטערע אנטוישונג. דאָס מאָל שוין מצד וויללין גופא. ער האָט פּלוצלינג אויפגעהערט אונדז צו באזוכן. תחילת האָט אונדז די זאך פארדראָסן. מיר האָבן דאָך מיט אים געהאט פארבונדן אונדזערע אלע האָפענונגען אויף ראטעווען זיך. מיר האָבן זיך טאקע נאָכ־געפרעגט אויף אים, און מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז וויללי איז געוואָרן אין לאגער א גרויסע פּערזענלעכקייט. ער האָט באקומען א פּאסירשיין און טעגלעך איז ער געפאָרן קיין ווארשע. איצט איז פאר אונדז די זאך געווען קלאָר. וויללי פילט זיך ווארעם. מיט דעם פּאסירשיין קאָן ער דאָך צו יעדן מאָמענט מאכן פּליטה. דאָס, וואָס ער האָט פון אונדז געקאָנט אויסנוצן, האָט ער שוין געהאט, צו וואָס זענען אים, אלזאָ, נויטיק די זעקס יידן?

בדרך אגב האָבן מיר אויך געהערט, אז זינט וויללי איז געוואָרן א חשוב ביי די נאציס, האָט ער געפּייניקט זיינע מיטארעסטירטע און באַ־זונדערס שלעכט האָט ער זיך באַצויגן צו די יידן.

וויללי האָט שוין איצט נישט געפּרוּווט צו אנטלויפן. ער האָט זיך שוין גוט און פעסט געפילט. עס איז אים אָבער נישט לאנג באשערט געווען צו גניסן פון זיין מאכט. פּלוצלינג איז ער קראנק געוואָרן אויף פלעקן־טיפוס. דאן איז וויללי במשך פון עטלעכע חדשים געלעגן אין פּאוויאקער שפּיטאָל. אין שפּיטאָל האָט אים אָפט באזוכט דער קאָמענ־דאנט פון לאגער, א געסטאפּאָ־שטורמבאן פירער. וויללי איז געווען נע־

וואָרן און ער האָט זיך אומגעקערט אין לאַגער קורץ פאַרן אויסברוך פון װאַרשעװער אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944.

די לעזער זענען מסתמא נייגעריק צו דערוויסן זיך, וואָס מיט ווילליין איז געשען, צי האָט ער טאַקע דורכמאַרשירט גאַנץ פּוילן אין זיין פּאַ־ סיאַק און צי שרייבט ער אין אַמעריקע די ראָמאַנען וועגן די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ניין, השובע לעזער, ווילי האָט נישט געטון דאָס ערשטע און ער טוט נישט דאָס צווייטע. ווילי לעבט נישט. מיר האָט שוין נאָך דער באַ־ פרייאונג דערציילט אַן אָפּגעראַטעוועטער חבר פון פּאַוויאַק, וועלכער האָט געקעמפט בשעת דעם אויפשטאַנד, אַז ווילי איז געווען צווישן די ווייניקע דייטשע אַרעסטירטע פון געזשער לאַגער, וועלכע זענען געווען אין לאַגע־ בשעת דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד. ווען דער אויפשטאַנד איז אויס־ געבראָכן, האָבן די נאַציס איבערגעטון די עטלעכע דייטשע העפטלינגע אין עס־עס מונדירן. איז ווילי שוין געוואָרן אַן אָפיציעלער עס־עס־מאַן. ער האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע עס־עס־לייט פאַרטיידיקט דעם לאַגער פאַרן אָנגריף פון די פּוילישע אויפשטענדלער.

ביים ערשטן אָנגריף האָבן די פּוילישע אויפשטענדלער פאַרנומען דעם געזשער לאַגער. ווילי איז צוזאַמען מיט זיינע איבעריקע עס־עס־ פריינט געפאַלן אין דעם קאַמף.

ווילליס טויט בין איך נישט אויסן צו באַדויערן. עס איז געווען דווקא אַזאַ טויט, וועלכן ער האָט זיך כשר פאַרדינט.

דאָקעגן באַדויער איך, וואָס אַ סך אַזעלכע „סאָציאַל־דעמאָקראַטן" ווי ווילי זענען יאָ געבליבן לעבן און היינט ווערן זיי באַטראַכט ווי גלייכ־ באַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער מענטשלעכער משפּחה.

## דער גורל האָט אונדז פאַרבונדן

געווען איז דאָס אין די ערשטע טעג פון מיין זיצן אין דער טויטן קאַמער 258. דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען מען האָט צו אונדז אַריינגעפירט אונדזער באַקאַנטן ליפשיץ, איז אויך געקומען אַ צווייטער „נייער". אַ הויכער בחור פון עטלעכע צוואַנציק יאָר מיט אַ קאָפּ שוואַרצע לאָקן. זיין

יידישלעך אויסזען האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן. אַנגעטון איז ער געווען אין טונקעלע ברייטשעס און הויכע אָפיצירישע שטיוול, א בלוי זומער העמדל און א געל רעקל. אין דער האנט האָט ער געהאלטן א שול־העפט מיט א נישטפארשניצטער בלייפעדער.

מיר זענען אין דעם מאָמענט געווען שטארק פארנומען מיטן אויס־הערן ליפשיצס געשיכטע. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר זיך תיכף פאר־אינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן נייעם פארשוין. אָבער אזוי ווי מיר זענען געווען פארטון אין דעם ענין ליפשיץ, איז דער נייער אריינגעקומענ א כמעט נישט באמערקטער. בלויז מארדעקס, דער 17־יעריקער חסידישער יינגל, האָט אויסגערופן:

— קוקט נאָר אים אָן. דער יאָט איז געקומען אין שול. ער האָט א העפט מיט א בליי.

מארדעקס האָט זיך צעלאכט אויפן קול. אָבער קיינער האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף מארדעקסן.

ערשט אין אָוונט ביים אפּעל, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז דער נייער געהערט צו דער קאטעגאָריע „פּלוס”, האָבן מיר זיך מיט אים פאראינטערעסירט. עס איז דאָך א מאָדנע זאַך. א „פּלוס” — דארף ער זיצן אין קאמער 257. ווי אזוי קומט ער צו אונדז?

חברה האָבן דעם נייעם גענומען אויף א פארהער.

—איר זענט א ייד?

— און ווען איך זאָג ניין, וואָלט איר מיר געגלויבט?

— ווי הייסט איר?

— העניעק לעדערמאן.

— פון וואנען?

— איך בין א ווארשעווער. מיין פאָטער איז געווען א גארבער.

מיר האָבן זיך פארנומען מיט פארבן לעדער.

— נאָך וואָס טראָגט איר עפּעס מיט זיך די שול־מכשירים, דעם העפט מיטן בליי.

— אויף שוכא האָט עס מיר דער געשטאפּאָוויעץ געגעבן און האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל אין העפט אָנשרייבן אלץ, וואָס איך ווייס וועגן דער דירה, ווו די דייטשן האָבן מיך געכאפּט.

ער איז אַ קעמפער פון ווארשעווער געטאָ. ער האָט געקעמפט אויף פראַנציסקאַנסקא גאַס, נישט ווייט פון די געטאָ־מויערן אויף באָניפראַ־טערסקא. בשעת יענער פסח־נאַכט, איידער די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די בלאָקאַדע פון געטאָ, איז צו העניעקן אין שטוב אריינגעקומען א שליח פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער שליח האָט העניעקן געהייסן גיין פארנעמען זיין פּאָסטן. העניעק האָט תיכף זיין פרוי און קינד באַהאַלטן אין א נאָענטן בונקער און דערנאָך איז ער געקומען אויפן פּאָסטן.

במשך פון עטלעכע טעג איז העניעק געשטאַנען אין אַן אומאויפ־הערלעכן קאַמף. העניעק האָט געטון אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט טון. א סך מאָל געווען אין סאַמע שרעקלעכסטן פייער און די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן זיין פרוי און קינד, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט דאָ נישט ווייט אין א באַהעלטעניש. איינמאָל איז אים געלונגען דורכצורייסן זיך צום הויז, וווּ עס איז געווען דער באַגערטער בונקער. העניעק האָט נישט געקאָנט דערקענען דאָס אָרט. דאָס הויז און די אַנדערע שכנותדיקע הייזער זענען שוין געווען חרוב. די קעלערן זענען געווען פארשיט און העניעק האָט א גאַנצע נאַכט געגראָבן אין איין קעלער, וווּ ער האָט אויס־גערעכנט, אז דאָ מוז זיין דער בונקער. ער האָט טאַקע לסוף דערגראָבן זיך צו זיין בונקער, אָבער עס איז שוין דאָרט נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש. העניעק ווייסט נישט לחלוטין, וווּ עס האָבן זיך אהינגעטון די מענטשן פונעם בונקער און במילא ווייסט ער אויך נישט, וואָס עס איז געשען מיט זיין פרוי און קינד.

נאָך די זעלבע נאַכט האָט זיך העניעק אומגעקערט צו זיין גרופּע. ער האָט ווייטער געקעמפט. דעמאָלט האָט זיך שוין פאר די יידן געענדיקט די צייט פון פירן דעם קאַמף אויף פעסטע פּאָזיציעס. די דייטשן האָבן שוין געהאַט פארברענט כמעט דאָס גאַנצע געטאָ. יידן האָבן געמוזט זוכן באַהעלטענישן. איז מען בייטאָג געזעסן ערגעצוווּ באַהאַלטן און ביינאַכט איז מען ארויסגעגאַנגען אין געטאָ זוכן עסן און אָנפאַלן אויף דייטשן.

אין געטאָ איז דערווייל געוואָרן וואָס א מאָל שטילער. נאָר דאָ און דאָרט זענען פּלוצלינג אויסגעבראָכן שיסערייען, וועלכע האָבן נאָר קורץ געדויערט. צוליב דער דאָזיקער שטילקייט האָט העניעק פארשטאַנען, אז די דייטשע רוצחים האָבן שוין באַוויזן צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד.

בייטאָג, זיצנדיק באהאלטן ערגעץ אין א חורבה, האָט העניעק געזען באוואָפנטע דייטשן ארומגיין צווישן די חורבות. ווי האָבן געזוכט די לעצטע יידישע באהעלטענישן. די דייטשן האָבן מיט זיך געפירט שפיר־הינט און די עטלעכע יידן פון דער באפעלשטעלע.

ווען די באפעלשטעלע־יידן האָט זיך העניעק אויסגעדריקט, אז דאָס זענען די שפּלדיקסטע פאררעטער. זיי האָבן זייער שטארק געהאָלפן די דייטשן אין געפינען די יידישע באהעלטענישן.

— אונדזער שנאה צו זיי — דאָס זענען געווען העניעקס ווערטער — איז געווען אן אומגעהייערע. ווו מיר האָבן נאָר געהאט א מעגלעכקייט, האָבן מיר זיי ליקווידירט.

אין יענער צייט איז נאָך העניעק געווען צוזאמען מיט זיין גרופּע קעמפער. זיי האָבן אָבער געפילט, אז עס דערנענטערן זיך שוין זייערע לעצטע מינוטן. די אכט יינגלעך האָבן שוין נישט געהאט מער קיין מוני־ציע, זיי האָבן זיך שוין נישט געהאט מיט וואָס צו פארטיידיקן. דעמאָלט האָבן זיי באשלאָסן צו זוכן וועגן דורך די קאנאלן, אפשר וועט געלינגען ארויסצובאקומען זיך פון געטאָ. איינמאָל האָבן זיי די דייטשן געפאקט, כשעת זיי האָבן ארומגעוואנדערט אין די קאנאלן. די דייטשן האָבן די אכט יינגלעך מכבד געווען מיט א גאנצן בינטל גראנאטן, וואָס זיי האָבן צו זיי ארייגעשלידערט פון אויבן דורך א קאנאל־עפענונג. העניעק ווייסט נישט גענוי, וואָס עס איז געשען נאָכן ארייגשלידערן די גראנאטן. ער אליין האָט באקומען בלויז א לייכטע וווּנד אין פוס, אָבער פון זיינע חברים האָט ער שוין מער קיינעם נישט געפונען.

איצט איז העניעק שוין געווען איינער אליין. עטלעכע טעג האָט ער נאָך געבלאָנדזשעט אין די קאנאלן, נישט קענענדיק די אונטערערדישע וועגן. איין מאָל ביינאכט, ווען ער האָט געפילט, אז ער קאָן שוין דאָ מער נישט אויסהאלטן, האָט ער ארויסגעקלעטערט דורך א קאנאל־עפענונג. ער איז ווידער געווען אין געטאָ.

העניעק האָט זיך דאן ווידער באהאלטן צווישן די חורבות און נאָך עטלעכע מאָל געפּרוּווט דורך קאנאלן אריבערגיין אויף דער ארישער זייט. ביז איינמאָל איז עס אים געלונגען. העניעק האָט געדענקט אפילו די דאטע

פון דער נאכט, ווען ער איז ארויס אויף דער ארישער זייט. דאָס איז געווען דעם 4־טן יולי.

— איך בין ארויס ערגעצווו אויף דער אלט־שטאָט. —האָט העניעק דערציילט— איך האָב צווישן די פּאָליאקן אין ווארשע געהאט עטלעכע גוטע פריינט. איך בין אוועק צו איינעם א פריינט און געבעטן ביי אים, ער זאָל מיך ערגעץ באהאלטן. די זאך איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע. איך האָב דאָך נישט פארמאָגט קיין געלט. דער פריינט האָט מיר אָבער נישט אָפּגעזאָגט זיין הילף. דאָס, וואָס ער האָט מיר געקאָנט געפינען אָן געלט, איז געווען א באהעלטעניש אין א דירה, ווו עס האָט זיך געפונען א געהיימער ארסענאל פון דער אונטערערדישער פּוילישער ארמיי. ווייזט זיך אָבער ארויס, אז דעמאָלט, ווען איך בין אהין געקומען, האָבן שוין די דייטשן געוווּסט פונעם דאָזיקן ארסענאל. בלויז 3 טעג בין איך דאָרט געהאט געווען, ווען די געשטאַפּאָ האָט באלאגערט דאָס הויז. אין דער דירה איז צוזאמען מיט מיר געווען אַן אָפיציר פון דער פּוילישער ארמיי. מיר זענען געזעסן ביים טיש און געמיטלעך געשפּילט אין קאָרטן, ווען מיר האָבן דערהערט א שטארק קלאַפּן אין טיר. דער אָפיציר איז אויפגעשפּרונגען. ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער, געכאפּט א בליק אין גאס און אויסגערופן:

— מיר זענען ארומגערינגלט.

עס איז שוין געווען שפּעט צו אנטלויפן. די דייטשן האָבן שוין געריסן די טיר. דער אָפיציר האָט אין לעצטן מאָמענט געכאַפּט אין האנט א גראנאט. די דייטשן האָבן שוין געהאט אויפגעריסן די טיר. מיר האָבן שוין געזען די זשאנדארמערישע גרינע קאסקעס. דער אָפיציר האָט א שלײַדער געטון דעם גראנאט אין דער ריכטונג פון די קאסקעס. עס איז אנטשטאנען א גרויסע מהומה. א וואָלקן רויך, צוזאמענגעמישט מיט זאמד פון די ווענט, האָט צוגעדעקט די שטוב. מיר האָבן געהערט שרעקלעכע געשרייען. אָבער תיכף האָט מיך פארטויבט א שיסערײַ. ווען עס איז געוואָרן ווידער ליכטיק, האָב איך געזען, ווי דער אָפיציר איז געשטאנען הינטער דער וואנט מיט זיין אויטאָמאט אין דער האנט. דער אויטאָמאט האָט ארויסגעשפּיגן פייער. דייטשע זשאנדארמען האָבן געשאָסן פון דער

טיר. איך האָב נישט געהאט קיין געווער. האָב איך נישט געקאָנט מער טון, ווי שטיין אין א זייט און זיך צוקוקן.

דער גאנצער קאמף האָט געדויערט העכסטנס איין מינוט. תיכף איז דער אָפיציר געלעגן אויף דער ערד מיט א דורכגעשאָסענעם שארבן. זיין בלוט האָט מיט א טונקעלער רויטקייט פארגאָסן די פאדלאָגע. אָבער אויך אין פאָרצימער זענען געלעגן דריי צעממיתטע זשאנדארמען, וואָס זענען געפאלן פונעם גראנאט.

די דייטשן האָבן זיך א נעם געטון צו מיר. מען האָט מיך אוועקגעפירט אין געשטאפּאָ. איך האָב פארשטאנען, אז איך בין א פארלוירענער. איך האָב דערציילט אין געשטאפּאָ דעם גאנצן אמת. צום גליק איז מיר געלונגען צו באהאלטן פאר דער געשטאפּאָ דעם נאָמען פון מיין פריינט, וואָס האָט מיך אריינגעפירט אין דער דירה.

דער געשטאפּאָוויעץ האָט מיר דאן געגעבן א העפט מיט א בלייפעדער און געהייסן מיר אָנשרייבן אלץ, וואָס איך ווייס וועגן דעם ענין פין ארסענאל. אזוי בין איך מיט די דאָזיקע שול־מכשירים אהער געקומען — האָט העניעק פארענדיקט זיין דערציילונג.

— דו מוזט טראכטן — האָט אים איינער פון די עלטערע ארעסטאנטן געגעבן אן עצה — זייער לאנגזאם צו שרייבן. ווייל נאָכדעם, ווי די וועסט שוין אלץ האָבן אָנגעשריבן, וועלן זיי דיך מער נישט דארפן. דאן ווייסטו דאָך, וואָס זיי טוען מיט א ייד.

דער ארעסטירטער האָט דערביי געמאכט מיט זיין האנט א באוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „עס טויג סיי ווי אויף א כפרה".

* * *

עטלעכע טעג נאָך העניעקס קומען איז מיר געלונגען ארויסצובאקומען זיך פון דער קאמער 258. פון די פריערדיקע קאפּיטלען ווייסן מיר שוין, אז פון דער קאמער 258 האָט מיך דער גורל פארוואָגלט אין לאגער אויף גענשא גאס, אין וועלכן איך האָב מיך אָבער נישט געקאָנט דערהאלטן.

נאָך עלף טעג פון מאטערן זיך אויף גענשא בין איך צוריקגעקומען אין פּאוויאק. מיך האָט מען אָבער שוין נישט צוריקגעפירט אין קאמער

258. איך בין געוואָרן א „פּלוס" און איך בין פארמאכט געוואָרן אין דער טויטן־קאמער 257. פאר מיר איז שוין געווען גאנץ קלאָר, אז איצט איז שוין געקומען דער לעצטער עטאפ פון מיינע וואָגלענישן. איך בין געווען אויף אלעמען געפאסט. דער טויט האָט אויף מיר נישט געמאכט קיין שום איינדרוק.

ארייננקומענדיק אין קאמער 257, האָב איך דאָ באגעגנט א מנין יידן, נאָר וואָס געברענגטע פון ווארשע, וואָס האָבן געווארט אויף דער עקזעקוציע. צווישן די דאָזיקע יידן האָב איך געטראָפן א באקאנטן. עס איז געווען העניעס.

אין טויטן קאמער בין איך געקומען שבת פארמיטאָג. אזוי ווי זונטיק איז געווען א רורטאָג, האָט די עקזעקוציע געקאָנט ערשט פאָרקומען מאָנטיק פארמיטאָג. איך דערמאן מיך, אז הגם איך בין שוין אינגאנצן געפאסט געווען אויפן טויט, האָט מיר הנאה געטון די אויסזיכט נאָך צוויי טאָג צו לעבן, וואָס איך האָב נאָך פאר מיר געהאט.

דערווייל בין איך אָבער געווען שטארק אויסגעמאטערט און אָפּגע־שוואכט. זינט 24 שעה האָב איך נישט געהאט געגעסן. איך האָב מיך אוועקגעזעצט ערגעץ אין א זייט פון שטרויזאק און געווארט, ביז מען וועט ברענגען דאָס עסן. העניעק האָט זיך תיכף צוגעשארט צו מיר. ער האָט מיך געפרעגט:

— פארוואָס ביכטו אזוי דערשלאָגן?

— איך בין פשוט הונגעריק — האָב איך געענטפערט — זינט נעכטן אינדערפרי האָב נישט געגעסן. איך בין זייער אָפּגעשוואכט.

— אין קורצן וועט מען שוין געבן די מיטאָג־זופּ, וועסטו עסן. האָב נישט קיין מורא, פריינט, זיי וועלן אונדז איצט נישט הרגענען.

— פון וואנען ווייסטו דאָס? האָב איך אים א פארחידושטער געפרעגט.

— אין דער דאָזיקער קאמער זיץ איך שוין זינט אכט טעג. פינף מאָל האָט מען מיך שוין ארויסגעפירט צו דער עקזעקוציע און אלע מאָל פירן זיי מיך צוריק. דו דארפסט פארשטיין, אז אויב פון שוכא איז נישט געקומען איבער דיר דער טויט־אורטייל, דאָס הייסט, אויב דיין נאָמען פיגורירט נישט אויף דער רשימה „צור אומזידלונג", קאָנען זיי דיך נישט

שיסן. אזוי ווי מיין נאָמען פיגורירט דאָרט נישט, שיקן זיי מיך יעדעס מאָל צוריק. דיין נאָמען קאָן דאָרט אויך נישט זיין, ווייל אויף שוכא ווייסן זיי בכלל נישט, אז דו זיצסט אין דער טויטן קאמער. דערפאר וועט מען דיך אויך צוריקשיקן פון דער עקזעקוציע.

— הכלל, וואָס טראכסטו — איך בין שוין געווען א ביסל אויפגער־רעגט — מיר וועלן דאָ אין דעם דרעק אזוי לאנג ווארטן, ביז די געשטאַפּאָ וועט זיך איבער אונדז מרחם זיין און אונדזערע נעמען אריינשטעלן אויף דער רשימה.

— זיי רואיק —האָט מיך העניעק צארט אָנגענומען ביי דער האנט— מיר וועלן גיין אויף דער פערטער אָפּטיילונג צו דער גרופּע פון די יידישע פאכלייט.

פּלוצלינג איז געוואָרן א טומל. מיר האָבן געמוזט איבעררייסן אונדזער געשפּרעך. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אין אונדזער קאמער האָט זיך אָנגעהויבן אן אריינמארש פון ציגיינער. איינער נאָכן צווייטן זענען די ציגייגער אריינגעגאנגען אין קאמער. עס זענען צווישן זיי געווען גאָר יונגטלעכע און זקנים וועיט נאָך די זיבעציק. בסך הכל זענען זיי געווען 45 נפשות. אזוי ווי מיר זענען שוין דאָ געווען צען יידן, זענען מיר איצט צוזאמען אין דער קליינער קאמער געווען 55 מענטשן.

עס איז שוין נישט מעגלעך געווען צו זיצן. אלע זענען מיר געשטאַ־נען צוזאמענגעפּרעסט איינער צום צווייטן און אזוי זענען מיר דאן געשטאַנען די גאנצע צייט פון שבת ביז מאָנטיק. ערשט מאָנטיק פארטאָג האָט מען ארויסגעפירט די ציגיינער. עס האָט געהייסן, אז מען פירט זיי אוועק מיט א טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אויך אונדז, די צען יידן, ארויסגעפירט פון דער קאמער. מיר זענען געגאנגען צו דער עקזעקוציע.

איך, אן אָפּגעמאַטערטער, קוים געשלעפּט די פיס, בין געגאנגען אין איין רייע מיט העניעקן. העניעק דאקעגן האָט זיך גוט געהאלטן, פעסט געשטעלט זיינע טריט און דעם גאנצן וועג איבער די תפיסה־קאָרידאָרן מיך בארואיקט.

— וועסט זען, מיר וועלן תיכף צוריקגיין.

— מיר איז נישט קיין נפקא מינה, וואָס פריער, אלץ בעסער.

— לאָז שוין אָפּ, וואָס פאלט דיר איין? שטארבן האָט מען תמיד צייט.

דער וואכמייסטער האָט אונדז צוגעפירט צו דער תפיסה־קאנצעלאַריע. עס האָט שוין דאָ געווארט א גרויסע פּרויען. זיי זענען געשטאנען אין א ריי מיטן פּנים צו דער וואנט. צוויי געשטאפּאָ־אָפיצירן, בירקל און אַלבערטס, זענען געשטאנען אין א זייט. דער דריטער געשטאפּאָוויעץ, וויפענבעק, א געפערלעכער אכזר, האָט ארומשפּאצירט צווישן די קרבנות און יעדער פּרוי, וואָס האָט נאָר געוואגט אויסצודרייען דעם קאָפּ, האָט ער דערלאנגט מערדערישע קלעפּ מיט זיין שטאָלענער בייטש. בירקל האָט בייט שלאָגן חיהש געשריגן. און זיין געשריי האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט די געוויינען פון די פרויען. די קולות האָבן באמת געקאָנט גרייכן עד לב השמים.

אונדז האָט דער וואכמייסטער אריינגעפירט אין קאנצעלאַריע און געהייסן זיך אוועקשטעלן אין א זייט מיטן פּנים צו דער וואנט. מיר זענען רואיק געשטאנען און געוואַרט אויף אונדזער גורל. איינער פון די רוצחים האָט אָנגעהויבן אויסרופן פון דער רשימה די נעמען. ווען ער האָט ארויסגערופן, דער האָט זיך געדארפט אוועקשטעלן אין א צווייטער זייט. אונדזערע נעמען, דאָס הייסט העניעקס נאָמען און מיינעם, האָט דער רוצח נישט אויסגערופן. מיר זענען געבליבן שטיין אויף אונדזער אָרט.

א צווייטער געשטאפּאָוויעץ איז צוגעגאנגען צו בירקלען און געפרעגט:

— וואָס איז מיט יענע צוויי?

בירקל האָט א צי געטון מיט די אקסלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן, אז ער ווייסט אליין נישט. תיכף האָט ער אָבער געגעבן א באפעל:

— אוועקפירן אויף דער פערטער אָפּטיילונג.

דער וואכמייסטער האָט אונדז געהייסן גיין. בעת מיר האָבן אָנגעהויבן שטעלן די טריט, האָבן מיר דערהערט א וויינענדיקע שטימע פון א יונג מיידל. זי האָט געיאָמערט און געקלאָגט זיך:

— איך בין אכצן יאָר אלט. איך וויל נישט שטארבן.

וויפענבעק האָט מיט זיין בערן־שטימע אויף איר א געשריי געטון. דאָס מיידל איז געבליבן שטיל. מיך האָט אָבער די שטימע פון מיידל באגלייט דעם גאנצן וועג צו דער פערטער אָפּטיילונג. זי האָט מיר ממש

געקלונגען אין די אויערן. זי האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט אויך במשך פון די ווייטערע חדשים פון מאטערן זיך אין תפיסה. און אויך היינט צו טאָג, ווען איך שרייב די דאָזיקע זכרונות, קלינגט טיף אין דער נשמה דאָס יונגע קול פונעם יידישן מיידל, וואָס האָט אזוי שטארק געוואָלט לעבן און וואָס האָט אָבער געמוזט שטארבן מיט דעם מארטירער טויט.

* * *

איך בין צוזאמען מיט העניעקן געקומען אויף דער פערטער אָפּטיילונג, צו דער גרופּע פּאבליוט, וואָס האָבן געדארפט ארבעטן אין דער תפיסה. אין יענער צייט האָט בלויז א טייל פון דער דאָזיקער גרופּע געהאט באשעפטיקונג. נאָך נאָך נישט באשעפטיקטע יידן זענען דערווייל געזעסן אין קאמער און געווארט, ביז מען וועט זיי צוטיילן צו אן ארבעט. מיר זענען אָנגעשלאָגן געוואָרן צו יענע ווארטנדיקע.

נאָר די קאמער פון דער פערטער אָפּטיילונג איז געווען אן אנדערע, ווי יענע קאמער אין תפיסה קעלער. באמת איז דאָס נישט געווען קיין קאמער, נאָר צוויי גרויסע זאלן, מיט גרויסע נאָרמאלע פענסטער, דורך וועלכע מיר האָבן געהאט אן ארויסבליק-פּונקט אויף דעם תפיסה-טויער.

לענגאויס די ווענט פוןביידע זאלן זענען געשטאנען אייזערנע בעטלעך, צוגעדעקטע מיט וואָלענע דעקעס. דאָס איז געווען די ערשטע זאך, וואָס האָט דאָ אויף זיך געצויגן אונדזער אויפמערקזאמקייט. הערט נאָר א מעשה. דאָ שלאָפט מען נאָר אין בעטן. און צוגעדעקט איז מען מיט א וואָלענער דעקע. מיר האָבן שוין געהאט פארגעסן, אז אזא לוקסוס איז ערגעצוו פאראן אויף דער וועלט.

אין אונדזערע צוויי גרויסע קאמערן האָבן דעמאָלט געלעבט איבער זעכציק יידישע געפאנגענע, פון זיי איז א העלפט שוין געווען באשעפטיקט. די באשעפטיקטע זענען יעדן אינדערפרי ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט און פארנאכט זענען זיי צוריקגעקומען. במשך פון טאָג זענען אין די קאמערן געזעסן אן ערך 30 מענטשן. די דאָזיקע דרייסיק האָבן מיר באגעגנט, בעת מיר זענען אהין געקומען. אזוי ווי אונדזער ביידנס צושטאנד איז געווען, נאָך די מאטערנישן אין די טויטן קאמערן, א זייער קלעגלעכער, האָבן זיך אונדזערע נייע חברים מיט אונדז שטארק פארנומען.

צווישן די דאָזיקע יידן איז שוין דעמאָלט געווען א געזעלשאפטלעכע

הילפס־מעטיקייט. אָנגעפירט איז זי געוועז פון צוויי יידן: דער קאמאשנ־מאכער גוטמאן (וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין א וויטערן קאפיטל) און דעם אינזשיניער העבדזינסקי. אזוי ווי מיר האָבן געוווסט, אז העבדזינסקי איז נישט דעם אינזשיניערס אמתער נאָמען, האָט מען אים נישט גערופן ביים נאָמען. מען האָט אים קורץ גערופן „פאן אינזשיניער".

ווען מיר זענען אלזאָ געקומען אויף דער פערטער אָפטיילונג, האָט זיך מיט אונדז דער אינזשיניער זייער ווארעם פארנומען. ער האָט אונדז געוויזן אן אָרט, ווו מיר קאָנען זיך אויסרוען, געגעבן אונדז ברויט און ביים ערשטן מיטאָג איז פאר אונדז באשטימט געוואָרן א טאָפּלטע שיסל זופ.

מיר זענען דאָ צו ביסלעך צו זיך געקומען. מיר האָבן זיך אויסגעזוכט אן אָרט צו שלאָפן און פון דעם מאָמענט זענען מיר ביידע, העניעק און איך, געבליבן פריינט. מיר האָבן זיך צוזאמען געהאלטן, פונקט אזוי ווי דער גורל האָט אונדז ביידע פארבונדן. מיר האָבן צוזאמען געטיילט די שווערע און די משטיינס געזאָגט פריילעכע שעהן פון אונדזער לעבן. מיר האָבן צוזאמען געארבעט, געגעסן און געליטן. דער דאָזיקער בונד אונדזערער האָט געדויערט אכט חדשים, ביז דער גורל האָט אונדז ווידער פונאנדערגעטיילט.

גוטע פריינט זענען מיר געווען. איינער פארן צווייטן גרייט אויף קרבנות. העניעק איז טראָץ זיינע קליינע חסרונות געווען א גאָר אינטערעסאנטער יונגערמאן. ער האָט געהאט אלע מעלות פון א מוטיקן קעמפער, ער איז געווען א קלוגער און אן אויסגערעכנטער. ביי דעם אלעמען איז ער אָבער אויך געווען א ביסל פאנטאסט און אן אומפארבעסערלעכער אָפּטימיסט. ער האָט פארמאָגט אן אומבאזיגבארן גלויבן אין לעבן. מיט דעם דאָזיקן גלויבן איז ער בכח געווען אָפּט אָנצושטעקן אויך אנדערע חברים.

— איצט מוזן מיר געפינען א גוטע ארבעט — האָט ער צו מיר געזאָגט — אן ארבעט, וואָס זאָל אונדז געבן חיונה. די ערשטע זאך איז קומען צו די כוחות. דאן וועלן מיר זוכן א וועג, כדי צו ראטעווען זיך דאָס לעבן.

— אוי, העניעק, וואָס פארא פאנטאסט דו ביסט. דו ווילסט זיך

ארויסבאַקומען פונעם לייבס מויל? פאַרגעס וועגן דעם. עס איז שוין לײדער פאַרפאַלן.

— דו ווייסט זען — האָט ער ממש געצאַפּלט — מיר וועלן פון דאַנען אַרוים לעבעדיקע. איך גלויב אין דעם זינט יענעם מאָמענט, ווען איך בין אין געטאָ אַריינגעפאַלן אין די דייטשנס הענט און דערנאָך בין איך אַרויס אַ לעבעדיקער. איך וועל דיר דערציילן די געשיכטע. עס איז געווען אַזוי: איך בין שוין אין יענער צייט געווען איינער אַליין און אין די נעכט בין איך אַרומגעקראָכן איבער די חורבות, כדי צו זוכן עסן און אַ וועג אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ. איך בין צופעליק געשטאַנען אויף עפּעס אַ הויף, וווּ עס זענען געלעגן צעוואָרפענע מתים. פּלוצלינג האָב איך דערהערט טריט פון אָנקומענדיקע מענטשן. איך בין דאָך געווען נישט מער ווי אַ געיאָגטע חיה און אין אַזאַ צושטאַנד איז דער מענטש נישט קיין פריינט, ער קאָן בלויז זיין אַ שונא. די טריט זענען געווען פון געקאָוועטע שטיוול. עס איז נישט געווען קיין ספק. דאָס זענען געווען דייטשן. איך האָב שוין נישט געהאַט קיין צייט צו אַנטלויפן. זיי זענען געווען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב אַפילו געהערט זייער געשפּרעך. איינער האָט איבערגעצייגט די איבעריקע, אַז דאָ אין דעם הויף האָט זיך עמעץ אַריינגעשליכט און ער מוז נאָך דאָ זיין. איך בין געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער דייטש האָט מיך באַמערקט און איצט פירט ער נאָך דייטשן, כדי מיך צו כאַפּן. אָן שום רעש האָב איך מיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד נעבן צוויי מתים. איך האָב שוין נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג. איך האָב געמוזט שפּילן די ראָלע פון אַ מת. אפשר וועט מיר געלינגען.

אומבאַוועגלעך בין איך געלעגן. די דייטשן זענען מיט אָנגעצונדענע עלעקטרישע לעמפּלעך אַריין אין הויף. זיי האָבן באַקוקט יעדן מת באַזונדער, געלייכט אים דירעקט אין די אויגן. אויך מיר האָבן זיי געלייכט עטלעכע מאָל דאָס פּנים. די שאַרפע ליכט־שטראַלן פון לעמפּל האָבן זיך מיר אַריינגעריסן אין די אויגן. מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך מיך אָנגעשטרענגט, כדי נישט צו מאַכן די מינדעסטע באַוועגונג. דאָך אָבער האָב איך איבער מיר געהערט פירן אַזאַ געשפּרעך:

— אָט דער האָט זיך גערירט. איך וואָלט דערויף געשוווירן — האָט אַ דייטש געזאָגט צו זיין חבר.

— עס האָט זיך דיר אזוי געדאכט — האָט דער צווייטער געענט־פערט — דו זעסט דאָך, אז דאָס איז א מת.

— די דייטשן האָבן זיך דערווייטערט. איך האָב מיך אוועקגע־שלייכט פון דעם אָרט און דאַן מיט א שפרונג אריין אין אנדערע חורבות. דאָס איבערלעבעניש פון יענער נאכט איז שוין געווען פאַרביי, אָבער איך האָב וועגן דעם נאָך לאַנג געטראכט און נאָך איצט טרעפט זיך אָפט, אז איך פארטראכט מיך וועגן יענעם איבערלעבעניש. ווייל לאָמיר זיך נישט נארן, וויפל האָט דען געפעלט, אז דער דייטש, וואָס האָט געהאט א חשד, אז איך האָב מיך גערירט, זאָל מיר אויף יעדן פאַל אריינשיסן א קויל? יאָ א מת, נישט א מת, אָבער צוליב פאַרזיכטיקייט אריינשיסן א קויל שפילט דאָן נישט קיין ראָלע. אויב עס איז אזוי נישט געשען, איז א באַווייז, אז עס איז מיר באַשערט צו לעבן. זינט יענעם צופאַל גיי איך טאַקע שטענ־דיק אַרום מיט דער איבערצייגונג, אז דער טויט וועט איבער מיר נישט האָבן קיין שליטה.

העניעק האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג. איך האָב אים אָנגעקוקט מיט א שמייכל פול ביטול.

— איי, העניעק, העניעק. א גליקלעכער מענטש ביסטו.

איך האָב שוין מער נישט געוואָלט גאָרנישט זאָגן. איך האָב נישט געוואָלט ביי אים אָפּשוואַכן דעם גלויבן זיינעם.

* * *

אמאָל איז צו אונדז אריינגעקומען א געשטאַפּאָוויעץ. ער האָט גע־זוכט א ייד, וואָס קען גוט דייטש. דער דאָזיקער ייד דאַרף אַרבעטן אין תפיסה־באָד. איך האָב מיך געמאָלדן און ווען דער געשטאַפּאָוויעץ האָט מיך אָנגענומען, האָב איך תיכף געפרעגט, צי עס איז דאָרט פאַראַן אויך א פּלאַץ פאַר נאָך א צווייטן יידישן אַרבעטער. די זאַך איז דורכגעגאַנגען און נאָך דעמזעלבן טאָג בין איך מיט העניעקן געווען אין באָד ביי דער אַרבעט.

אין באָד האָבן מיר נישט געלעקט קיין האָניק. מיר האָבן דאָרט אויסגעפירט די סאמע שווערסטע און ברודיקסטע אַרבעטן, דערפאַר אָבער

האָבן מיר געהאַט דאָרט גענוג צו עסן. יעדע וואָך האָבן מיר באַקומען ריינע וועש און יעדן טאָג זענען אונדז צוגעפאַלן ציגאַרעטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען אַלס „טרינקגעלט". איך האָב מיינע ציגאַרעטן געראַויכערט, דאַקעגן העניעק האָט נישט געראַויכערט. ער האָט זיינע ציגאַרעטן באַהאַלטן און שפּעטער זיי אויסגעביטן ביי די קיבערס אויף שמאַלץ, צוקער און פלייש.

דערנאָך זענען צו אונדז געקומען נאָך פיר יידן. די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געאַרבעט אין באָד, זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די טראַנספּאָרטן. מיר, די זעקס יידן, זענען געבליבן די באַלעבאַטים פון באָד. מיר האָבן זיך דאָרט ווי עס איז איינגעאָרדנט, מיר האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ פּאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייט. אָבער העניעק איז פון דעם אַלעמען נישט געווען נתפּעל. ער האָט געזוכט צו מאַכן געשעפטן. אַלץ אויסגעביטן אויף עסן. ער האָט טאַקע זיך גוט דערנערט, שיין זיך אָנגעטון און צו מיר האָט ער געזאָגט:

— אויב דו וועסט וועגן דיר אַליין נישט טראַכטן, וועסטו אומקומען. מיר מוזן זיך פון דאַנען אַרויסבאַקומען, פאַרשטייסט. אָבער כדי זיך אַרויסצובאַקומען, מוז מען זיין גוט דערנערט און מען מוז זיין מענטשלעך אָנגעטון. אויב דו וועסט זיך אין צעריסענע בגדים אַרומדרייען אין וואַרשע, וועסטו אַריינפאַלן צום צווייטן מאָל. דערפאַר טאַקע וויל איך זיין שיין אָנגעטון און איך ראַט דיר צו טון דאָס זעלבע.

העניעק האָט שוין דעמאָלט אַריינגעטראַכט אין עסק פון פליטה. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע פּלענער. די דאָזיקע פּלענער פלעגט ער אַנטפּלעקן פאַר אונדז, די בעדער, און איך האָב געמוזט אייגזען, אַז יעדער פון זיי איז געווען אַ רעאַלער. אַזאַ מין פּלאַן פון פליטה וואָלטן מיר גערן אויסגעפירט. עס האָט אויך צווישן אונדז בעדער נישט געפעלט קיין מוט דערצו. ליידער האָבן מיר אָבער נישט געהאַט קיין געלט. צו וועלכן פון די פּלענער מיר האָבן זיך גענומען, איז אַריין עפּעס אַ מניעה און דער פּלאַן איז געפאַלן. מיר האָבן געמוזט די פליטה אָפּליינגן אויף אַ ווייטערע צייט.

אין יענער צייט איז העניעק געווען דער „ספּיריטוס מאַווענס" און די נשמה פון די אַלע פּלענער פון פליטה. אויף אַזאַ אויפן איז ער אויך גע־

וואָרן דער אומגעקרויִנטער פירער פון אונדזער בעדער־גרופּע. און פּונקט ווי עס איז אין יעדער געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג, ווען עס געלינגט עפּעס נישט, איז ווער שולדיק? — דער פירער.

הכלל, ווען א פּלאַן איז דורכגעפאלן, האָבן חברה בעדער אין העניעקן געזען דעם שולדיקן. איך האָב אים אָפּט געמוזט נעמען אין שוץ, פאַרענטפערן אים, אז ער האָט געהאט די בעסטע כוונות און אויב עס איז נישט געלונגען, איז עס נישט זיין שולד, פּונקט אזוי ווי עס איז נישט די שולד פון יעדן פון אונדז. מען דאַרף אָבער נישט פאַרלירן דעם בטחון. דאָס אנטלויפן פון פּאוויאַק איז דאָך נישט קיין לייכטע זאַך. אויב עס איז דאָס מאָל נישט געלונגען, וועלן מיר פּרובירן א צווייט מאָל און דעמאָלט וועט שוין געלינגען.

אזוי האָבן מיר בעדער צוזאַמען מיט העניעקן מיטגעמאַכט דאָס שווערע תפיסה־לעבן ביז סוף מערץ 1944. דעמאָלט האָט זיך שוין ארויסגעפילט, אז די דייטשן געפינען זיך גאָר נידריק אויף זייער וועג באַרג־אַראָפּ צום אָפּגרונט. די דייטשן גופא האָבן זיך שוין דעמאָלט דערפון אויך אָפּגעגעבן דין וחשבון. דאָס האָט מען ארויסגעפילט פון זייער נערוועזער שטימונג, פון זייער גאַנצן פאַרהאַלטן זיך. מיר, די הונדערט און דרייסיק יידישע ארבעטער פון פּאוויאַק, האָבן געוווּסט דאָס אונדזעריקע. מיר האָבן געוווּסט, אז פינף מינוט פאַר צוועלף וועלן די דייטשן מאַכן א סוף צו אונדזערע לעבנס. איז אויך צווישן אונדז די שטימונג געווען אן אויפּ־געקרעגטע.

פּונקט אזוי ווי אין די צייטן פון געטאָ, ערב דער ליקווידאַציע, האָט מען צווישן אונדז אָנגעהויבן צו הערן מיינונגען, אז די אָדער יענע ארבעט וועט נישט באַשיצן. א בעדער, צי אן ארבעטער פון תפיסה־מאַגאַזין, דאָס זענען דאָך נישט קיין פאַך־ארבעטער. די דייטשן קאָנען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן זיי. א צווייטער ענין זענען שוין די ארבעטער פון די אויטאָמאָביל־וואַרשטאַטן, אָדער די האַנטווערקער, וואָס ארבעטן אין די תפיסה־וואַרשטאַטן. ביים אנטלויפן פון וואַרשע וועלן זיי די דייטשן מסתמא מיט זיך מיטנעמען, ווייל זיי וועלן די דאָזיקע ארבעטער נאָך דאַרפן. איז הייסט עס, אז זייער לעבן איז בעסער געזיכערט פונעם לעבן פון די איבעריקע נישט־קוואַליפיצירטע ארבעטער. די דאָזיקע השערות האָבן זיך טאַקע

שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיקע, אָבער אין יענעם מאָמענט, ווען וועלכן איך שרייב איצט, האָבן זיי ביי די נישט־קוואַליפיצירטע אַרויסגע־רופן אַן אמתדיקן גײַעג נאָך ענדערן די אַרבעט אויף אַ מער זיכערע.

העניעקן איז דעמאָלט געלונגען אַרײַנצובאַקומען זיך אין די אויטאָ־מאָביל־וואַרשטאַטן. אמת איז, אַז אַליין האָט ער נישט געשטרעבט דערצו. די בעדער האָבן שוין דעמאָלט געהאַלטן גאָר נאָענט פון אויספירן דעם פּלאַן פון פּליטה. העניעקן האָט זיך שטאַרק נישט געגלוסט אונדז צו פאַרלאָזן, אָבער געמאַכט האָט זיך די זאַך אַזוי: אַנדערע יידן האָבן דערשנאַפּט, אַז די בעדער האַלטן ביי פּליטה. יידן האָבן מורא געהאַט, אַז אונדזער פּליטה זאָל נישט אַרויסרופן קיין רעפּרעסיעס מצד די דייטשן קעגן די איבעריקע יידן, וואָס וועלן בלייבן. האָט מען אונדז געוואָלט שטערן אין אויספירן אונדזער פּלאַן. דער אינזשיניער איז אין יענער צייט געווען דער שרייבער אין אונדזער יידן־אָפּטיילונג. ווען עס איז צו אים פון דער געשטאַפּאָ גע־קומען אַ פאָדערונג פאַר אַן אויטאָ־מעכאַניקער, האָט ער אויסגעוויילט העניעקן. דער אינזשיניער האָט חושד געווען, אַז העניעק איז די נשמה פון אונדזערע פּלענער און אויב ער וועט אים צונעמען פון אונדז, וועלן מיר אַלע נישט קאָנען אויספירן דעם פּלאַן, נישט מיר אָן העניעקן און נישט העניעק אָן אונדז.

העניעק איז פון אונדז אַוועק. ער איז געווען אין אַן אַנדער קאַ־מער און ווען מיר האָבן מיט צוויי חדשים שפּעטער אויסגעפירט אונדזער פּלאַן פון פּליטה, האָבן מיר אים, צו אונדזער גרויסן באַדויערן, נישט געקאָנט מיטנעמען. מיר זענען אַנטלאָפן אָן העניעקן.

* * *

העניעק איז נישט אומגעקומען אין פּאַוויאַק. ער איז געווען צווישן יענע נײַנציק יידן, וועלכע זענען אַדאַנק דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד באַפרייט געוואָרן אויפן שטח פון גענשער לאַגער. בשעת דעם אויפשטאַנד האָט זיך העניעק צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע חברים, געוועזענע פּאַוויאַק־געפאַנגענע, געמאָלדן צו די קעמפנדיקע אויפשטענדלער. ער האָט געקעמפט אויף דער אַלטער שטאָט, דערנאָך איבער קאַנאַלן דורכגעגאַנגען אין צענ־

טער פון ווארשע. פון דאָרט איז ער מיט זיין גרופּע קעמפער אריבער אויף פּאָווישלע, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע פון ווארשעווער אויפשטאַנד.

איך האָב צו העניעקן דאָס פולע פאַרטרויען, אז ער האָט גוט גע־קעמפט און אז ער האָט ,חלילה, נישט געברענגט קיין אומכבוד דעם יידישן נאָמען. נאָר בשעת מיר זענען געזעסן אין פאוויאק, האָט ער געפלעגט צו זאָגן, אז אייגנטלעך גייט אים נישט אין ראטעווען זיך דאָס לעבן. ער וויל בלויז דערלעבן אזא גליקלעכן מאָמענט, ווען ער וועט קאָנען מיט זיינע אייגענע הענט זיך נוקם זיין אין די דייטשן פאַרן אויסמאָרדן די יידן.

— נקמה וויל איך נעמען — האָט ער געזאָגט — פאַרן לעבן פון מיין פאָטער, פון מיין פרוי און קינד.

פריינט, וועלכע איך האָב באַגעגנט שוין נאָך דער באפרייאונג, האָבן מיר דערציילט וועגן העניעקס העלדישע מעשים בשעת די קאמפן אויף פּאָווישלע. פון די דאָזיקע דערציילונגען בין איך געוואָרן געוואָר, אז העניעקן איז באמת געלונגען צו שטילן זיין דורשט נאָך נקמה.

איינער פון יענע פריינט האָט זיך מיט העניעקן געזען אין סעפּטעמ־בער 1944. דער אויפשטאַנד האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ביים ווערן דער־שטיקט. העניעק איז א שווער פארוווּנדעטער אין בויך געלעגן אין א פּראָוויזאָריש־איינגעאָרדנטן שפּיטאָל אויפן טשערניאַקאָוו. שפּעטער האָט מען דעם דאָזיקן שפּיטאָל עוואקואירט און איך ווייס עד היום נישט, וואָס מיט העניעקן איז געשען. צי איז ער געבליבן לעבן, צי האָט ער זיין לעבן פאַרענדיקט מיט דעם העלדישן טויט.

ליבער פריינט מיינער! אויב דו לעבסט ערגעץ, נעם אָן די דאָזיקע שורות, פאַר דיר געשריבענע פון א חבר, וואָס דיין אָנדענק איז פאַר אים זייער טייער. ביסטו אָבער אוועק פון דער וועלט, דאַן זאָל דיין מוט און העלדישקייט ווערן דער וועגווייזער פאַר די יינגערע יידישע דורות, וועלכע דאַרפן פון דיינע מעשים זייער א סך לערנען.

## דער אומגעלונגענער אויפשטאַנד

דער קאַמאַשנמאַכער גוטמאַן האָט געהערט צום מין פון יענע

אײדעלע און געבילדעטע בעלי־מלאכות, װעלכע מען האָט אין די הונדערטער, אָדער טױזנטער באַגעגנט אין אַמאָליקן פּױלן. ער האָט זיך גוט אױסגעקענט אין זײן פאַך, געװען אַ טיכטיקער אַרבעטער און פונדעסטװעגן האָט ער געהאַט אַ חוש פאַר װעלטלעכע ענינים. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, מיט װיסן. בײ זײנע 35 יאָר און בײ די איבער 20 יאָר פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט האָט ער שױן געהאַט דורכגעלײענט אַ גאַנצן ים מיט ביכער. אַ באַזונדערע ליבשאַפט האָט ער געהאַט צום יידישן בוך.

טראָץ זײן יונגן עלטער איז שױן גוטמאַן נאָך פאַר דער מלחמה באַקאַנט געװען אין זײן שטאָט בידגאָשטש אַלס אײנער פון די בעסטע קאַמאַשנמאַכערס. שטענדיק איז ער טאַקע געװען פאַרשיט מיט אַרבעט, ער האָט זײער גוט פאַרדינט און ער האָט געפירט אַ לעבן מיט לײטן גלײך. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט גוטמאַן חתונה געהאַט און געלעבט אַ גוט און צופרידן לעבן.

אפילו אין אַזאַ צײט, װען גוטמאַן איז ממש פאַרשיט געװען מיט אַרבעט, האָט ער דאָך תמיד געפונען אַ ביסל צײט פאַר אַנטײל צו נעמען אין קולטור־לעבן. אין קרײז פון זײנע פרײנט האָט ער געפלעגט אָרגאַניזירן קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, פאָרלעזונגען, פאָרשטעלונגען פון אַמאָטאָרישן טעאַטער, קאָנצערטן פון יידישן ליד.

צו זײן באַדױערן האָט ער נישט געקאָנט אַרױסטרעטן מיט אַ פאָרלעזונג, הגם ער האָט געהאַט, װאָס צו זאָגן. זײן לשון איז געװען אַ ביסל שטאַמלדיק און אַזױ װי ער איז געװען שטאַרק אַמביציעז, האָט ער געװאָלט אױסמײדן צו װערן לעכערלעך פאַר אַן עולם צוהערער.

נישט קוקנדיק אױף זײן קלײנעם װוּקס, איז גוטמאַן געװען אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן פון מיטלען װוּקס מיט אַ פּנים פון צאַרט געשניצטע צוגן. דעמאָלט װען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער געגאַנגען לײטיש אָנגעטון און אין פּאַװיאַק האָט זיך אַזאַ זאַך שטאַרק געװאָרפן אין די אױגן, מחמת מיר אַלע זענען דאָרט אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע.

עס איז כדאי אונטערצושטרײכן, אַז אין פּאַװיאַק האָבן די יידישע אינטעליגענטן באַמיט זיך אױסצוזען װי אַרבעטער. דערמיט האָבן זײ

געוואָלט זיך דעקן פאר די דייטשע רוצחים, וועלכע האָבן אומברחמנותדיק אויסגעראָטן די יידישע אינטעליגענץ. אַן אינטעליגענט וואָלט זיך נישט געקאָנט דערהאלטן אין פאוויאק אָן שפילן די ראָלע פון אַן ארבעטער. די צעריסענע בגדים, וועלכע מיר האָבן געטראָגן, זענען געווען איינער פון די הויפט־מיטלען פאר אָנגיין אַלס ארבעטער. דאקעגן האָבן די אמתע פאבליים, וועלכע זענען געווען אימשטאנד מיט מעשים צו באווייזן דעם ווערט פון זייער ארבעט, נישט מורא געהאט, אז מען זאָל זיי חושד זיין אין „ליפע" (נישט קיין אמתדיקער בעל־מלאכה). דערפאר האָבן זיי טאקע נישט געמאכט ביים אָנטון זיך קיין באזונדערע שנויים. איז במילא ארויס־געקומען, אז די אמתדיקע ארבעטער זענען געגאנגען מענטשלעך אָנגעטון, דאקעגן האָבן די אינטעליגענטן געטראָגן ארבעטער־בלוזעס אָדער סתם צעריסענע שמאטעס.

צווייטנס איז גוטמאַן געווען איינער פון יענע זיבן יידן, וועלכע די תפיסה־וואך האָט אָפּגעראטעוועט פון טויט בשעת יענער שחיטה אין פרילינג 1943. היות ער האָט זיינע אלע זאכן נאָך פון פריער געהאט מיט זיך אין תפיסה, איז ער טאקע ביי די דאָזיקע זאכן געבליבן. איז קיין וואונדער נישט, אז ער האָט זיך געהאט אין וואָס אָנצוטון.

בשעת איך בין געקומען אויף די פערטע אָפּטיילונג, האָבן יענע זיבן יידן — צווישן וועלכע עס איז געווען אויך גוטמאַן — פארנומען א באזונדערע קאמער אויף דער זעלבער אָפּטיילונג. די דאָזיקע קאמער איז געווען בעסער איינגעאָרדנט, בכלל האָט זיך דאָרט ארויסגעפילט א מער היימישע לופט. מיר האָבן די דאָזיקע קאמער גערופן: „דאָס לאָרדן צימער". די זיבן יידן פלעגן מיר רופן „די לאָרדן". מיט א צייט שפעטער זענען די לאָרדן ארויסגעגאנגען פון אונדזער אָפּטיילונג. די דייטשן האָבן זיי געגעבן א בעסערע און געמיטלעכע קאמער אין דער פרויען־אָפּטיילונג.

עס איז גאנץ קלאָר, אז די לאָרדן איז עס אין תפיסה בעסער גע־גאנגען, ווי די איבריקע יידן. ערשטנס זענען זיי געווען די עלטסטע תושבים פון דער תפיסה. זיי זענען געווען אויסגעקאָכט מיט דער תפיסה־וואך, וועלכע האָט זיי א סך געהאָלפן. צווייטנס זענען דאָס געווען טאקע די אמתדיקע, גוטע פאבלייט, וואָס האָבן געמאכט די סאמע וויכטיקסטע אר־

בעטן פאר די דייטשן. פאר גוט מאכן אן ארבעט האט א בעל־מלאכה באקומען עסנווארג, ציגארעטן און אלץ, וואס ער האט באדארפט.

די דייטשע רוצחים האבן שטארק געהאלטן פון גוטמאנען. ער איז געווען דער פאקטישער לייטער פון די גרויסע ווארשטאטן. זיין דעה און זיין ווארט זענען געווען זייער וואגיק ביי די דייטשן און הגם גוטמאן איז געווען נאר א ייד, האבן זיך מיט אים געמוזט שטארק רעכענען די אוקראי־נישע וואכמייסטערס און די פוילישע תפיסה־קלוטשניקעס, די אזוי־גערו־פענע „קלאווישן", וועלכע זענען געווען אנגעשטעלט אין די פארשידענעווירטשאפטלעכע אפטיילונגען פון דער תפיסה. במילא זענען אים געווען אונטערגעארדנט די פוילישע ארעסטירטע, וואס האבן געארבעט אין די ווארשטאטן און, פארשטייט זיך, אויך די יידישע פאבליים.

גוטמאן האט קיין מאל נישט געגעבן וועמען עס זאל נישט זיין ארויסצופילן זיין מאכט. ער איז געווען א מענטש מיט א געזעלשאפטלעכן חוש און איך געדענק, אז בשעת א געשפרעך האט ער אמאל מיר געזאגט:

— מיר זענען אלע דא פאראייניזאמטע און פאריתומטע מענטשן. איך קען פון צווישן אונדזערע חברים קיינעם נישט, וואס האט ערגעצווו אויף דער וועלט א נאענטן מענטש אדער א קרוב. אלע האבן מיר אונדזערע משפחות פארלוירן און דערפאר לייגט זיך פשוט אויפן שכל, אז מיר דארפן אלע צוזאמען לעבן ווי איין משפחה. נישט בלויז פאר זיך דארף מען לעבן, אבער ווו נאר מעגלעך דארף מען העלפן א חבר. מען דארף אים פארטרעטן זיין פארלוירענע משפחה.

גוטמאן האט זיך באמת געהאלטן ביים דאזיקן פרינציפ. זיינע איינ־פלוסן, וועלכע ער האט זיך אויסגעארבעט ביי די געשטאפאווצעס, פלעגט ער אויסנוצן לטובת די יידן. בפרט פלעגט ער זיך פארנעמען מיט ארויס־נעמען יידן פון דער טויטן־קאמער. ער פלעגט זיך שטענדיק אינטערעסירן, וועמען מען האט געבראכט אין דער טויטן־קאמער און אפט איז ער געגאנגען צום תפיסה־קאמענדאנט, פיטש, צו וועלכן ער האט געהאט א צוטריט, און געמאלדן אים, אז דער אדער יענער ייד, וואס געפינט זיך אין דער טויטן־קאמער איז א גוטער שוסטער אדער שניידער און אז ער, גוטמאן, דארף אים האבן צו דער ארבעט אין די ווארשטאטן. אז ער האט אנגע־טראפן אויף א גינסטיקן מאמענט, האט אים דער קאמענדאנט ארויסגעגעבן

דעם ייד. אָפּט אָבער האָט דער קאָמענדאַנט גוטמאַנען געזידלט פאַר זיין אַריינמישן זיך אין די תפיסה־ענינים, געשיקט אים צו אַלע שווארצע רוחות. גוטמאַן האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם רוצחס זידלען. עס האָט אים בלויז געוויטיקט דאָס האַרץ, וואָס ער קאָן נישט ראַטעווען א ייד פון טויט. דעם אנדערן טאָג איז ער ווידער געווען ביים קאָמענדאַנט און געבעטן פאַר א צווייטן ייד.

ווען גוטמאַנען איז שוין געלונגען אַרויסצובאַקומען דעם ייד פון טויטן־קאַמער, האָבן זיך ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן די אמתדיקע צרות. דער ייד איז געבר׳ענגט געוואָרן צו אונדז און דערנאָך האָט מען אים אוועקגעזעצט אין וואַרשטאַט צו אַן אַרבעט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד איז נישט קיין שניידער און נישט קיין שוסטער, ער איז א „ליפּע". אזא ייד האָט גוטמאַן שוין געמוזט תמיד דעקן. דאָס דאָזיקע דעקן איז אָנגעקומען מיט גרויס מי. צווישן די פּוילישע קלוטשניקעס, וואָס האָבן געהאַט דינסט אין די וואַרשטאַטן, צווישן די פּוילישע אַרעסטירטע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָט נישט געפעלט קיין שונאים, וואָס האָבן נאָר געזוכט א מעגלעכקייט צו פאַרניכטן דעם ייד. די דאָזיקע שונאים האָבן אָפּגעמסרט דעם „ליפּע" פאַר די דייטשן. גוטמאַן האָט דאַן געמוזט מיט דער הילף פון זיינע איינפלוסן ממש קעמפן פאַרן דערהאַלטן דעם ייד ביי דער אַרבעט. כ׳רוב איז גוטמאַנען די זאַך געלונגען, איך האָב אָבער געקענט פאַלן, ווען גוטמאַנס באַמיאונגען זענען געבליבן אָן שום דערפאָלג. די דאָזיקע אומגליקלעכע יידן זענען, נאָך א קורצער צייט אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן, צוריקגעגאַנגען אין דער טויטן־קאַמער און פון דאָרט אויפן געוועגלעכן וועג צו דער עקזעקוציע.

בכך הכל האָט גוטמאַן אַרויסגעראַטעוועט פון דער טויטן־קאַמער אַן ערך דרייסיק יידן. די דאָזיקע אַרויסגעראַטעוועטע האָבן צום מיינסטן טייל געהערט צו די יידישע אינטעלעקטועלע קרייזן. גוטמאַן האָט געהאַלטן, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו ראַטעווען די שארית־הפליטה פון אונדזער אינטעליגענץ. אַלזאָ דרייסיק יידן זענען צווישן אונדז געווען, וואָס האָבן אויסשליסלעך גוטמאַנען געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער לעבן. הגם דאָס דאָזיקע לעבן איז געווען זייער שווער און שטענדיק האָט עס געטראָגן דעם חותם פון צייטווייליקייט, איז עס דאָך געווען א לעבן. לעבן

הייסט האָפן און דיביידע זאכן צוזאמען זענען בלי ספק בעסער. פון א באַלדיקן טויט. און גוטמאַן איז טאקע געווען דער גרויסער בעל־טובה פון יענע דרייסיק יידן.

גוטמאַן האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט די אינטערווענצן ביים תפיסה־קאָמענדאַנט. ער האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אויף פירן א געזעל־שאַפטלעכע הילפס־טעטיקייט. דער גאַנצער צול פון דער דאָזיקער הילפס־טעטיקייט איז טאקע געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. איז עמעץ פון אונדז קראַנק געוואָרן און האָט געדאַרפט א בעסערע פלעגע, האָט אים גוטמאַן געבראַכט אַלץ, אין וואָס דער קראַנקער האָט זיך גענויטיקט. במשך פון דער זומער־צייט פון יאָר 1943, ווען נאָך נישט אַלע פון אונדזערע חברים האָבן געאַרבעט, האָבן מיר שטאַרק געליטן הונגער. איך דערמאָן מיך, מיט וואָס פּאַראַ אומגעדולד עס פלעגט אין דער קאַמער דערוואַרט ווערן די אָוונט־שעה, ווען די אַרבעטנדיקע חברים וועלן זיך אומקערן פון דער אַרבעט. די אַרבעטנדיקע חברים האָבן מיט זיך געבראַכט אין קאַמער, ווער א שטיקל ברויט, ווער א שיסל זופּ, ווער אפילו א גאַנצע קאַן זופּ. די הונגערנדיקע קאַמער־זיצערס האָבן זיך געוואָרפן אויפן עסן. איינמאָל אין טאָג האָבן זיי געגעסן צו דער זעט.

אין יענער צייט האָט גוטמאַן אָרגאַניזירט א הילפס־קאַמפּיין אויף א גרעסערן פאַרנעם. אין דער פרויען־אָפּטיילונג זענען רעמאָלט געזעסן די אינטערנירטע יידן פון פּוילישן האָטעל. אלס כלומרשטע אַמעריקאַנישע בירגער האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו האָבן געלט און דורך ספּעציעלע געשטאַפּאָ־שליחים איינצוקויפן אין שטאָט לעבנס־מיטלען פאַר זייער אייגן געלט. מיט דער הילף פון יענע אינטערנירטע האָט גוטמאַן איינגעקויפט אין שטאָט לעבנס־מיטלען פאַר אונדז. פון וואַנען ער האָט גענומען דאָס געלט, ווייס איך נישט. יעדנפאַלס האָבן די אינטערנירטע יידן פון צייט צו צייט באַקומען פון דער שטאָט פאַר אונדז עסנוואַרג. דערנאָך איז נאָך געווען א שווערער עסק מיטן אַריבערשמוגלען די פּעקלעך פון דער פרויען־אָפּטיילונג צו אונדז. די דאָזיקע אַרבעט האָט אויסגעפירט גוטמאַן מיט זיינען פריינט „די לאָרדן”.

דער ווינטער פון יאָר 1943-1944 איז געווען אין פּוילן א באַזונדערס שווערער. פאַר אונדז, די פּאַוויאַקער אַרעסטירטע, אויסגעהונגערטע און

אויסגעמאטערטע, האָט ער זיך מיט א טאָפּלטן כוח איינגעביסן אין די ביינער. די קעלטן זענען ממש געווען אומדערטרעגלעך און צום אומגליק זענען מיר אַלע כמעט געווען אינגאנצן באָרוויס. גוטמאן האָט זיך גענומען צום ענין. ער האָט תיכף געפונען אן עצה. אין די שוסטער־ווארשטאטן האָט ער מיט דער דערלויבעניש פון ווארשטאטן־שעף אוועקגעזעצט נאָך די ארבעטס־שעהן די יידישע שוסטערס צו פארריכטן אונדזערע שיך. במשך פון א קורצער צייט האָבן מיר אלע געהאט גאנצע שיך.

פאר אונדזערע עלטערע און שוואכערע חברים האָט ער זיך באמיט, אז זיי זאָלן צוגעטיילט ווערן צו א לייכטער ארבעט. לטובת די דאָזיקע מענטשן האָט ער געפירט א ספּעציעלע דערנערונגס־אקציע. ער פלעגט זיי ברענגען צוקער, מארגארין און פלייש. ווען ער איז אמאָל ארייננעקומען אין די טישלער־ווארשטאטן און האָט דאָרט געטראָפן איינעם אן עלטערן ייד, וואָס איז געשטאנען ביים אייזערנעם אויוון און געוואָרעמט זיך דעם בויך, האָט ער צום ייד געזאָגט:

— אוי, ייד, ייד, נישט די אויסערלעכע וואַרעמקייט פעלט אייך, נאָר די אינערלעכע. וואָלט איר געווען בעסער דערנערט, וואָלט אייך היינט נישט געווען קאלט.

דעם זעלבן טאָג האָט גוטמאן דעם ייד געברענגט א פּעקל עסנווארג און איבערגעגעבן עס מיט א גוט וואָרט:

— מיט וואָס איך בין אימשטאנד אייך צו העלפן, העלף איך. נעמט דאָס פּעקל און זאָל אייך זיין צום געזונט. אפשר וועלן מיר נאָך דערלעבן בעסערע צייטן.

עס זענען געווען צווישן אונדז חברים, וואָס האָבן אויף גוטמאנען געטראָגן א פארדרוס. הלמאי ער קומט אָפט און זאָגט אונדז אריין מוסר. די ארעסטירטע פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען באשעפטיקט אויף די א. ג. „פּינקציעס", פלעגן פירן פארשידענע מסחרים. ביי די ארעסטירטע, וואָס זענען געזעסן פארמאכט אין קאמערן, פלעגן זיי פאר ציגארעטן אָפּקויפן אלץ, וואָס יענע האָבן נאָך געהאט. אן אָנצוג, א פּאָר שיך, א העמד, אלץ האָט מען געקויפט פאר עטלעכע פּאַפּיראָסן, אָדער פאר א ביסל שמאלץ. זענען טאקע די מסחרים געפירט געוואָרן אין א גרויסן פארנעם, הגם די דייטשן האָבן שטארק פארפאָלגט דעם דאָזיקן האנדל. האָט זיך געטראָפן,

אז די דייטשן האָבן געכאַפּט א פּאָליאַק ביים מאַכן מסחר, האָבן זיי אים קודם־כל אָראָפּגענומען פון זיין אַרבעט, דערנאָך איז ער צוויי טאָג געזעסן אין א פינצטערער קאַמער און לסוף האָט ער זיך אומגעקערט אין דער זעלבער קאַמער, ווו ער איז געזעסן, איידער ער איז אַרויסגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט.

אין א געוויסער צייט האָבן אויך עטלעכע יידן גענומען זיך צו די מסחרים. נאָר פאַר אונדז איז די זאַך געווען פאַרבונדן מיט א גרעסערער סכנה ווי ביי די פּאָליאַקן, ווייל פון א פינצטערער קאַמער איז שוין דער ייד געגאַנגען דירעקט אין דער טויטן־קאַמער. מיר האָבן טאַקע געפירט אַן אויפקלערונגס־אַקציע קעגן די דאָזיקע מסחרים. די פאַראינטערעסירטע „סוחרים" האָבן געטענהט:

— וואָס איז אונדז פאַרא אונטערשיד, צי מיר וועלן דערשאָסן ווערן, צי מיר וועלן דאָ אויסגיין פון הונגער. מיר זענען נישט אויסן צו מאַכן פאַרמעגנס, אַזוי ווי עס טוען דאָס די פּאָליאַקן, אָבער צו פאַרדינען זיך א ביסל שמאַלץ, אָדער א שטיקל פלייש האָט אונדז קיינער נישט קיין רעכט צו פאַרבויטן.

אין דער דאָזיקער איינשטעלונג איז פאַר אונדז געווען א טאָפּלטע סכנה. ראשית כל די סכנה פאַרן יחיד, וואָס ווערט געכאַפּט ביי אַזא מין זאַך. והשנית די סכנה פאַר אונדזער גאַנצער גרופּע. די דאָזיקע צווייטע סכנה האָט אונדז נישט געדראָט מצד די דייטשן, נאָר מצד אונדזערע מיטאַרעסטירטע, די פּאָליאַקן. ווען אונדזערע חברים וואָלטן אין א גרעסערן פאַרנעם געפירט די מסחרים, וואָלט די זאַך געמוזט אַרויסרופן קעגן אונדז אַלע א שנאה מצד די פּאָליאַקן, עס וואָלט געהייסן, אַז יידן וואַכערן אויס די פּוילישע אַרעסטירטע. אַזא אויפברויזונג פון אַנטיסעמיטיזם ביי די פּוילישע אַרעסטירטע וואָלט פאַר אונדז באַדייט ממש א קאַטאַסטראָפע. אויב פּאָליאַקן אַליין נעמען זיך אויסצוואַכערן זייערע חברים, זאָלן זיי עס טון. דאָס איז נישט אונדזער עסק. דערפאַר אָבער מוזן מיר יידן אָפּהיטן אונדזער מאָראַלישע אויפפירונג.

שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע אַרגומענטן, האָבן מיר געפירט אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן אונדזערע פריינט. איין מאָל איז צוליב די מסחרים אַריינגעפאַלן איינער פון אונדז. דאָס איז געווען א

געוויסער אקערמאן, א געוועזענער ווארשעווער אדוואקאט. דורכגעפירט מיט די פוילישע אַרעסטירטע עטלעכע מסחרים און תיכּף האָבן יענע וועגן דעם געמאָלדן דעם דייטשן וואכמייסטער. אקערמאן איז אריינגעזעצט געוואָרן אין דער פינצטערער קאמער און זינט דער דאָזיקער צייט האָט אים שוין קיינער מער נישט געזען.

נאָך דעם פאַל פון אקערמאן האָט שוין גוטמאן נישט געקענט אין זיך אויפהאַלטן דעם כעס. אן אויפגעבראכטער איז ער א פארנאכט, ווען אַלע זענען שוין צוריקגעקומען פון דער ארבעט, צו אונדז אריין און גענומען האַלטן א מוסר רעדע אויף זיין שטאמלדיקן לשון.

— אז איר נעמט עפּעס ביי די דייטשן — האָט ער געזאָגט — איז דאָס א טאט, צוליב וועלכן עס איז כדאי איינצושטעלן דעם קאָפּ. איר מאכט דאָס מיטן באוווּסטזיין, אז איר האָט דערמיט אָנגעמאכט שאָדן דעם שונא. איר האָט אויך דערמיט לכל הפּחות א ביסל געקילט אייער הארץ, וואָס לעכצט נאָך נקמה. אָבער צוליב א גאָרנישט צו גיין אין דער ערד אריין איז פּשוט משוגעת. הערט מיך יידן — האָט שוין גוטמאן געשטאמלט אויף א רעכטן אמת — ע...ע...כ איז נישט כ...ב...דאי.

די „קאָמבינאציעס" האָבן אויפגעהערט. חוץ אקערמאן איז שוין פון אונדזערע קיינער מער נישט אריינגעפאלן.

* * *

צווישן די געשטאפּאָווצעס האָט גוטמאן געהאט א סך מכלומרשטע פריינט. ער האָט טאקע אָפט געמוזט מיט זיי פארברענגען אין געמיטלעכע שמועסן. וויפיל מאָראַלישע אָנשטרענגונגען עס האָבן אים אָבער געקאָסט די דאָזיקע באציאונגען, האָבן מיר אַלע גוט געוווּסט, ווייל ער פלעגט אונדז אָפט דערציילן וועגן זיינע געשפּרעכן מיט די דייטשן.

אין א פרילינגס־טאָג יאָר 1944 האָט ער אונדז דערציילט וועגן זיין געשפּרעך מיט דעם באקאנטן תלין קלאסטערמייער:

— קלאסטערמייערן קענט איר. היינט זעט איר אים א שטילינקן אויף דער פרויען־אָפּטיילונג. אָבער בשעת דער געטאָ־צייט, ווען ער האָט עסקאָרטירט די „בודעס" (געשטאפּאָ אויטאָמאָבילן) פון שוכא צום פּאַ־

וויאק, האָט ער ממש געוואָרפן א פחד אויף די יידן אין געטאָ. ווער שמועסט, אז ער איז געווען צוזאמען מיט וויפענבעקן, דעם רשע, האָבן זיי אויפן וועג, ווען זיי זענען דורכגעפאָרן איבערן געטאָ־שטח, געשאָסן יעדן ייד, וועלכן זיי האָבן באגעגנט אויפן וועג. ווער פון אייך עס איז געווען אין ווארשעווער געטאָ, געדענקט אוודאי, אז אין דער צייט, ווען די געשטאַפּאָ־אויטאָמאָבילן האָבן נעדארפט דורכפאָרן, זענען די גאסן געווען ליידיק.

— יאָ, אמת, — האָבן עטלעכע שטימען צוגעשטימט גוטמאנען.

— הכלל, היינט בין איך מיט דעם זעלבן קלאסטערמייער געפאָרן אין שטאָט. ער האָט מיך געפירט אין געשטאַפּאָ אויף שוכא, כדי איך זאָל דאָרט נעמען די מאָס אויף שטיוול פאר די געשטאַפּאָ גדולים. אויפן וועג האָט מיר קלאסטערמייער אזוי געזאָגט: „זעסט, גוטמאן, דער קריג ענדיקט זיך שוין. די פּאָליאקן, וואָס ארבעטן ביי אייך אין די ווארשטאטן, וועלן שוין אין קורצן זיין באפרייט.

— און מיר — האָב איך אים נאאיוו געפרעגט.

קלאסטערמייער האָט א ווײַלע נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס געטראכט. דאן האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן וועגן אן אנדער ענין.

— גוטמאן, דו ביסט דאָך צו מיר אן אמתדיקער פריינט. ווען למשל איך גיב דיר די פארזיכערונג, אז דו וועסט בלייבן לעבן. — אָבער אונטער א תנאי.

— וואָס איז דער תנאי? — האָט אים גוטמאן געפרעגט.

— אז דו וועסט מיר אמאָל ארויסהעלפן אין א נויט.

— פאר מיר —האָט גוטמאן פאָרגעזעצט— איז דאָס געשפּרעך גע־וואָרן אומבאקוועם. כדי פּטור צו ווערן פון יענער טעמע, האָב איך אים גענומען אויספרעגן.

— האלט עס שוין באמת ביים סוף פון קריג?

— וואָס שפּילסטו דעם נאר —האָט קלאסטערמייער געענטפערט— זוייסטו דען נישט, אז די רוסן זענען שוין אויפן פּוילישן באָדן. דער פירער האָט אונדז באשווינדלט. ער האָט צוגעזאָגט, אלץ וועט זיין גוט. געגעבן אונדז א פרייע האנט צו טון אויף די אָקופּירטע געביטן אלץ, וואָס מיר ווילן. איצט הייסט ער אונדז באצאָלן פאר אלעמען מיטן קאָפּ.

— זעט אים דעם פּחדן. —האָט גוטמאן דערציילט ווייטער— א

מערדער, וואָס האָט געהאַט האַרץ צו טויטן טויזנטער מענטשן, ציטערט איצט פאַר זיין שפּלדיק לעבן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און טאַקע אים אריינגעזאָגט:

— שיין דריקט איר זיך אויס וועגן פירער. עס פּאַסט אפילו נישט פאַר א דייטש. סוף כל סוף זענט איר דאָך א זעלנער.

— איך האָב מורא געהאַט ווייטער צו רעדן. סיי ווי צו פיל געזאָגט. געטראַכט האָב איך, אז אָט וועט ער מיך שיסן. דאָס וואָלט געווען א נאַרישער טויט, בפרט איצט, ווען מיר האַלטן שוין ביי עפּעס. קלאַסטערמייער איז אָבער געזעסן א פאַרטראַכטער. מער האָט ער נישט גערעדט, נאָר ווען מיר זענען אָנגעקומען צום סוף פון אונדזער רייזע, האָט ער א מאַך געטון מיט דער האַנט:

— אַלעס שייסע.

קלאַסטערמייער האָט גוטמאַנען נישט געשאָסן. אפילו נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן אים אַלס פריינט. ווייל נאָך קרופּניקס פּליטה (זי איז באַשריבן אין א שפּעטערדיקן קאַפּיטל), איז ער געקומען צו גוטמאַנען און פאַר אים זיך ווידער אויסגערעדט זיין פאַרביטערט האַרץ:

— מילא, זיי האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן. דאָס האָבן זיי געהאַט א רעכט צו טון. אָבער א דייטשן וואַכמייסטער (דאָס האָט ער געמיינט דעם יונגן ראַבקע) אזוי „אָנשייסן". דאָס איז שוין אין סתירה צו דער מענטשן־ווירדע, צו דער עטיק און מאָראַל — אזוי האָט קלאַסטערמייער געהאַלטן.

גוטמאַן האָט זיך ממש מיט אן איבערמענטשלעכן כוח אָפּגעהאַלטן פון צעלאַכן זיך אין דער אָנוועזנהייט פונעם נאַרישן רוצח, וואָס האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן עטיק און מאָראַל.

* * *

געווען איז דאָס אין אן אָוונט, ווען מיר האָבן ביי אונדז איינגעאָרדנט א פאָרלעזונג אויף א יידיש־ליטעראַרישער טעמע. גוטמאַן האָט זיך באַטייליקט אין אָוונט און נאָכן פאַרענדיקן די פאָרלעזונג, האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— הגם איר זאָגט, אז איר זענט א שלאָסער, דערקען איך אָבער, אז איר זענט אן אינטעלעקטועלער. איך בעט איך, ענטפערט מיר אויף א פראגע. וואָס וואָלט איר געהאלטן פאר אייער אויפגאבע צו טון, ווען עס וואָלט אייך געלונגען איבערצולעבן די מלחמה?

— איך וואָלט מיך פארנומען — האָב איך געענטפערט — מיט זאמלען ידיעות וועגן די דייטשע אכזריותן, כדי צו פארעפנטלעכן זיי פאר דער וועלט.

— איר זענט גערעכט. דאָס וואָלט געווען א וויכטיקע ארבעט. איך האַלט אָבער, אז עס איז כדאי שוין דאָ צו פארצייכענען אלץ, וואָס מיר לעבן איבער. אונדזערע איבערלעבענישן געהערן דאָך צו די סאמע גרויליקסטע. איר דארפט שוין היינט אָנהייבן צו מאכן די נאָטיצן. איך ווייס, אז די דאָזיקע נאָטיצן וועט איר נישט קאָנען קיינעם ארויסגעבן פון דעם דאָזיקן פארשאָלטענעם אָרט. אָבער דאָך, אפשר וועלן זיי אייך צונוץ קומען, אויב — דאָ האָט ער זיך פלוצלינג פארהאקט — ס...ס...ס'וועט אייך געלינגען זיך אָפּצוראטעווען.

איך האָב געענטפערט:

— צי איז דען וויכטיק צו געדענקען דעם אָדער יענעם פרט? ווייל וויכטיק איז בלויז דאָס, וואָס דער גרויסער צער פון אונדזער לאגע, דער קאָשמאר פון די איבערלעבענישן האָט זיך טיף איינגעקריצט אין אונדזערע צעבראָכענע נשמות. און דאָס, וואָס האָט זיך שוין איין מאָל אזוי טיף איינגעקריצט, וועלן מיר קיין מאָל נישט פארגעסן. ווער פון אונדז עס וועט איבערלעבן דאָס דאָזיקע גיהנום, וועט דאָך אליין זיין דער היסטאָרישער דאָקומענט פון יידישע לײדן, פון אונדזער מארטירערטום.

— איר זענט גערעכט — האָט גוטמאן צוגעשטימט — אָבער איך האַלט, אז הוץ ווערן, ווי איר זאָגט עס, א דאָקומענט, דארפן מיר נאָך באגערן דעם תענוג פון נעמען נקמה איבערן שונא. איר ווייסט, פריינט, איך האָב זיך איינגערעדט און איך בין פעסט איבערצייגט, אז אזוי וועט טאקע זיין: איך וועל נישט פארלאָזן די וועלט, כל זמן איך וועל אליין נישט באגראָבן די שונאים.

גוטמאן איז שוין אוועקגעגאנגען און איך האָב ביז שפעט אין דער נאכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך האָב מיך געדרייט אויף מיין געלעגער,

וואָס האָט זיך געפונען הויך אונטערן באַלקן אויפן דריטן שטאָק פון דער פריטשע. איך האָב איבערגעטראַכט גוטמאַנס ווערטער און מיין ענטפער. דעם דאָזיקן טאָג האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן נאָטיצן, צו פאַרצייכענען די וויכטיקערע געשעענישן פון פאוויאַק.

* * *

אין יענער צייט איז שוין גוטמאַן געווען אריינגעטון אין אַ גרויסער אַרבעט. ער האָט צוגעגרייט אַן אויפשטאַנד אין פאוויאַק. דער פּלאַן איז געווען אויסגעאַרבעט. לויט אים איז געווען פאָראויסגעזען, אַז אַלע דריי טויזנט פאוויאַקער אַרעסטירטע וועלן אָנטייל נעמען אין אויפשטאַנד אָבער לעת עתה האָט זיך די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט געשטיצט אויף עטלעכע יידן און עטלעכע פּאָליאַקן, אַרבעטער פון די תפיסה־וואַרשטאַטן. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך פרייער צו באַוועגן איבער דער תפיסה־טעריטאָריע. אַזוי אַרום האָבן זיי געקאָנט אומבאַמערקט באַר אויספירן פאַרשידענע צוגרייטונגס־אַרבעטן. פאַר די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען, אַגב, געווען אויסגעפּרוּווטע און איבערגעגעבענע חברים, האָט גוטמאַן אַנטפּלעקט דעם גרויסן סוד.

חוץ די עטלעכע צענדליקער יחידים האָט נאָך לעת עתה וועגן דעם אויפשטאַנד קיינער נישט געטאָרט וויסן. גוטמאַן איז געשטאַנען אין אַ פאַרבינדונג מיט עטלעכע אוקראַאינישע וואַכמייסטערס. זיי האָבן צוגעזאָגט צו שטיצן דעם אויפשטאַנד. דערוויַיל האָבן זיי שוין אָנגעהויבן צו זאַמלען וואָפן, מוניציע און אייזנבאַן־מאַטעריאַל, מאַגאַזינירט אים אין אַ זיכערן אָרט, כדי אים אין אַנטשפּרעכנדן מאָמענט צו פאַרטיילן צווישן די אָנטייל־נעמער פון אויפשטאַנד.

מיט דער הילף פון די אוקראַאינער האָט גוטמאַן אָנגעקניפּט אַ פאַר־בינדונג מיט דער פּוילישער אונטערגרונט־אַרמיי אין שטאָט. דער שטאַב פון דער פּוילישער אַרמיי האָט דאַן איבערגענומען די לייטונג פון דער אויפשטאַנד־באַוועגונג אין פאוויאַק.

איצט האָט שוין דער גאַנצער פּלאַן באַקומען אַ גראַנדיעזן פאַרנעם. עס איז געווען פאָראויסגעזען, אַז די אוקראַאינער וועלן איבעררייסן די

טעלעפאָן־פאַרבינדונג פון דער תפיסה מיט רעד שטאָט. דאַן וועלן די אויפשטענדלער במשך פון עטלעכע מינוט ווערן באוואָפנט. אין דעם זעלבן מאָמענט וועלן פון דער אויסערלעכער זייט אָנקומען די פוילישע אונטערערדישע קעמפער. נאָך דעם ליקווידירן די נישט גרויסע תפיסה־וואַך וואָלטן אַלע אַרעסטירטע באפרייט געוואָרן און אַרויסגעפירט פון געטאָ־שטח. עס איז אפילו געווען פאָראויסגעזען, אז נאָך דעם אַרויספירן די אַרעסטירטע וועט דער הויפּט בנין פון פּאוויאַק אויפגעריסן ווערן.

דער פּלאַן איז שוין געווען צוגעגרייט און גוטמאַן איז געווען זיין נשמה. איצט האָט ער געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. אליין האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן יעדער קלייניקייט. אליין האָט ער אַלע געמוזט צו־גרייטן און אויף אַלעמען אַכטונג געבן.

צוליב פאַרזיכטיקייטס טעמים, בכדי אויף יעדן פאַל צו האָבן א מענלעכקייט פאַר א צוריקטריט, האָט מען באַשלאָסן דורכצוגראָבן אַן אונטערערדישן קאָרידאָר פון די קעלערן פון וואַרשטאַטן־בנין צו די גרוי־סע קאַנאַלן אונטער געטאָ־שטח. אין פּריילינג 1944 איז שוין די אַרבעט ביים גראָבן דעם קאָרידאָר געווען אין פולן גאַנג.

ווער עס האָט א באַגריף פון קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, דער איז אימשטאַנד זיך פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַרא שוועריקייטן עס איז פאַר־בונדן געווען די אַרבעט ביים גראָבן דעם קאָרידאָר. אין תפיסה, ווו מען איז שטענדיק געווען באוואַכט דורך דייטשע רוצחים, ווו צוליב א מינדעס־טער אומפאָרזיכטיקייט, אָדער סתם דורך א צופאַל, האָט געקאָנט לייכט פאַרראַטן ווערן די גאַנצע זאַך, האָט געמוזט ווערן געפירט די שווערע אַרבעט פון גראָבן דעם קאָרידאָר, פון אַרויסטראָגן און ערגעצוווּ גוט באַהאַלטן די אויסגעגראָבענע ערד. אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן פרעציז און פּינקטלעך, כדי נישט צו ציען אויף זיך קיין חשד מצד די דייטשן און אויך מצד די איבריקע אַרעסטירטע, פאַר וועלכע דער גאַנצער סוד איז נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן.

טראָץ די דאָזיקע גרויסע שוועריקייטן, האָבן טעגלעך עטלעכע חברים במשך פון צוויי ביז דריי שעה געאַרבעט אין קעלער ביים גראָבן דעם קאָ־רידאָר. די אַרבעט האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריטן, אָבער ביז צום טאָג,

ווען איך האָב פאַרלאָזט די תפיסה, איז דער קאָרידאָר נאָך נישט געווען פאַרענדיקט.

דער גראַנדיעזער פּלאַן פון אויפשטאַנד איז געווען גוט צוגעגרייט און ער האָט געהאַט די בעסטע אויסזיכטן פאַר א דערפאָלג. דער טערמין פון אויפשטאַנד איז באַשטימט געוואָרן אין הסכם מיט דער א. ק.־פירער־שאַפט (פוילישער מיליטערישער אונטערגרונט) אין װאַרשע. עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אין איינעם א כּוֹף יולי־טאָג פאַרנאַכט, נאָך זון אונטער־גאַנג און פאַרן דערשיינען פון די ערשטע שטערן אין הימל. די גרופּע פוילישע קעמפער, וואָס האָבן געדאַרפט פון דער שטאָט קומען מיט הילף, איז שוין אויך געווען באַשטימט. גוטמאַן מיט זיינע פריינט האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט די לעצטע צוגרייטונגען. אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, מען איז בלומרשט רואיק געזעסן. מען האָט געוואַרט אויפן אַנטשיידנדיקן אָוונט.

אין סאַמע לעצטן מאָמענט האָט אָבער די פירער־שאַפט פון דער א. ק. אָפּגערופן דעם פּאַוויאַקער אויפשטאַנד. ביז היינט איז מיר נישט געלונגען צו דערוויסן זיך וועגן די סיבות פון אָפּרופן דעם אויפשטאַנד. איך ווייס בלויז, אַז דער דאָזיקער שריט האָט גורם געווען צו ממש קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן, פאַר וועלכע עס טראָגט נישט די שולד קיינער פון די פּאַוויאַקער אויפשטאַנדס־טוער און אויך נישט גוטמאַן גופא.

דאָס אָפּרופן דעם אויפשטאַנד האָט אין תפיסה אַרויסגערופן א געוואַלדיקע מהומה. אין דער גיך האָט מען אומעטום געגעבן צו וויסן וועגן נייעם באַפעל. די דריטע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק פון לינקן פליגל פון תפיסה הויפּט בנין, איז גראַד דעמאָלט געווען אָפּגעשניטן פון די איבעריקע תפיסה אָפּטיילונגען. דער באַפעל וועגן אָפּ־שטעלן די אַקציע איז אַהין נישט דערגאַנגען און די דאָזיקע אָפּטיילונג, וואָס האָט געציילט איבער צוויי הונדערט פוילישע אַרעסטירטע, האָט צו דער באַשטימטער שעה צוזאַמען מיט די צוויי אוקראַינישע וואַכמייסטערס אָנגעהויבן דעם קאַמף.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי. דערנאָך האָבן די באַוואָפנטע אַרעסטירטע מיט גראַנאַטן אויפגעריסן די אייזערנע קראַטע־טיר פון זייער

אָפּטיילונג .זיי זענען ארויס אויפן הויף. זיי האָבן אלץ דורכגעפירט אין הסכם מיטן פּלאַן, מיט די פריערדיקע באַפעלן.

דער פאַוויאַק האָט אויפגעציטערט פון דער שיסעריי און אויפרייסן. ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער שטילער און פּאַלגזאַמער אָביעקט פון אכזריות און פּיין. ער איז אויסגעבראָכן אין קאַמף, אין א מרידה. די דייטשן האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין זייער וואַך־שטוב. פון דאָרט האָבן זיי באַשאָסן די אויפשטענדלער.

אָבער פון כאַמע אָנהייב איז קלאָר געווען, אז דער דאָזיקער אָפּגעד־ריסענער אויפשטאַנד קאָן זיך נישט איינגעבן. די עיקרדיקע זאַך איז דאָך נישט געטון געוואָרן. די טעלעפאָן־פאַרבינדונג פון דער תפיסה מיט דער געשטאַפּאָ איז נישט געווען איבערגעריסן. א דייטש האָט תיכף סיגנאַליזירט אין געשטאַפּאָ. מיט צען מינוט שפּעטער זענען שוין אָנגעקומען אויטאָמאָ־בילן מיט זשאַנדאַרן. די אויפשטענדלער זענען געווען פאַרלוירן. טראָץ דעם האָבן זיי א גאַנצע נאַכט זיך העלדיש פאַרטיידיקט, הגם ביים אָנהייב האָבן זיי געזען, אז זיי זענען פאַראייניזאַמט. זיי האָבן אָבער אויך געוווּסט, אז עס איז שוין נישטאָ פאַר זיי קיין וועג צוריק. זיי האָבן אלזאָ געוואָלט טייער פאַרקויפן זייער לעבן. די דייטשן האָבן טאַקע אין יענער נאַכט געליטן גרויסע פאַרלוסטן, אָבער צומאָרגנס זענען זיי פאַרטיק געווען מיטן אויפשטאַנד.

בעת דער מהומה, ווען מען האָט געזען, אז די זאַך איז א פאַרלוי־רענע, האָט גוטמאַן באַפוילן, אז ווער עס קאָן, זאָל זיך ראַטעווען אין קאָרידאָר. א גרופּע יידן, וואָס זענען גראָד גאָענט געווען פון קעלער פון וואַרשטאַטן־בנין, האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען אין לאָך אריין. באַלד האָבן זיך אָבער די דייטשן געכאַפּט, אז אין קעלער איז באַהאַלטן עפּעס א סוד. זיי זענען נאָכגעלאָפן די יידן און אנטדעקט דעם קאָרידאָר. דער וועג פאַר די ווייטערע פּליטים איז שוין געווען אָן אָפּגעשניטענער.

בסך הכל האָבן זיך איבערן קאָרידאָר געראַטעוועט זעכצן יידן. גוטמאַן איז געווען צווישן זיי.

* * *

במשך פון עטלעכע טעג האָבן די זעכצן פּליטים געבלאָנדזשעט אין

די וואַרשעווער קאנאלן. קיין עכן האָבן זיי מיט זיך נישט געהאט, די קליידער זייערע האָבן זיך צעריסן, די שיך צעווייקט אין דער עפּושדיקער נאַסקייט פון די קאנאלן. אָפט האָבן זיי אין דער דאָזיקער ברודיקייט געמוזט קריכן אויף אלע פיר, ווייל אין א סך ערטער זענען די קאנאל־רערן געווען נידריקע און מען האָט אפילו אייננעבויגנענערהייט נישט געקענט דאָרט שטיין. די פליטים האָבן שוין געפילט דאָס דערנענטערן זיך פון טויט.

— כאָטש נישט צו שטארבן אין דעם דאָזיקן עפּוש — האָט איינער איינגעזאָגט צום צווייטן. און דאן האָבן זיי באשלאָכן אויף יעדן פאל ביינאכט ארויסצוקריכן פון קאנאל.

ווען זיי זענען ארויסגעקראָכן פון קאנאל־לאָך, האָט זיך פאר זייערע אויגן פון א מרחק אנטפּלעקט א בילד פון פלאמען. עס האָבן זיך געהערט שטאַרקע שיסערייען. וואַרשע האָט זיך געטרייסלט.

די פליטים זענען געווען אין צענטרום פון דער שטאָט. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז אין שטאָט האָט אויפגעפלאַקערט דער פּוילישער אויפשטאנד. פאר פרייד האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאנצן אין גאַס. זיי האָבן פארגעסן ווענן דעם אָקאָרשט דורכגעמאכטן גרויליקן וועג, ווענן הונגער, ווענן זייערע שטינקענדיקע צעריסענע מלבושים. מען האָט זיך געוואָרפן צו זוכן געווער. צעוואָרפענע דייטשע ביקסן און אויטאָמאטן זענען געלעגן אין גאַס. ווער עס האָט געקאָנט וואָס געפונען, האָט זיך באוואָפנט. מען האָט זיך געלאָזט גיין זוכן די אויפשטענדלער. די פליטים זענען ארומגעכאפט געוואָרן פון א הייסן באגער צו קעמפן.

חברים, וואָס האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן גריסן פון גוטמאנען, האָבן דערציילט, אז דער שטאַמלדיקער קאמאשנמאכער האָט אויף אַן אמת גענומען נקמה איבערן שונא. בייטאָג און ביינאכט איז ער געשטאנען אין די ערשטע רייען אויף די באריקאדן. אליין נישט געוווּסט פון קיין רו, האָט ער זיך ממש ווי א קינד געפרייט צוליב יעדן דייטש, וועלכן ער האָט אליין דערשאָסן. זייענע חברים, די פאוויאק־פליטים, האָט ער נישט געלאָזט זיך אָפּרוען.

— איר האָט איצט די אויסגעחלומטע געלעגנהייט צו נעמען נקמה.

איילט זיך צו: מען מוז דעם שונא אָפּדאַנקען פאַרן טויט פון אונדזערע משפּחות, פון אונדזערע קינדער.

און די פּליטים האָבן געפאָלגט גוטמאַנען. זיי זענען געגאַנגען זוכן נקמה.

גוטמאַן איז געפאַלן אין די ערשטע טעג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1944. איינער אַליין האָט ער זיך מיט א בינטל גראַנאַטן געוואָרפן קעגן א דייטשן טאַנק. ער האָט אויפגעריסן דעם דאָזיקן טאַנק, אָבער אַליין איז ער שוין נישט מער צוריקגעקומען. אונטער דעם ברענענדיקן טאַנק איז ער געפאַלן מיט א טויט פון א גבור.

## ווער איז ער געווען?

— גיט מיר א שטיקל פּאַפּיראָס — האָב איך פּלוצלינג הינטער זיך דערהערט א יונגע שטימע.

איך האָב זיך גיך אוועקגעדרייט פון מיין דעזינפעקציע קעסל, וועלכן איך האָב געהאַלטן אין צומאַכן, און איך האָב פאַר זיך דערזען א נאַקעט ייִנגל פון א יאָר אַכצן.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער? — האָב איך אים געפרעגט. — אז א דייטש וועט דיך דאָ דערזען דורכן פענצטער, קאָנסטו שלעכט אָפּשניידן.

— איך האָב נישט קיין מורא —האָט ער א מאַך געטון מיט דער האַנט— איך בין פון דער גרופּע, וואָס איז צוריקגעקומען פון פאַרהער. מיר גלוסט זיך שטאַרק צו רייכערן. אויף א רגע בין איך אַרויסגעלאָפן פון אונטערן טוש און מיך אַהער אַריינגעגנבעט. איר זענט מיר נעפעלן און איך בין זיכער, אז איר וועט מיר געבן א שטיקעלע פּאַפּיראָס.

אַזוי האָט ער קינדעריש צו מיר גערעדט און איך האָב אים אָנגע־קוקט און געטראַכט:

— טאַקע א קינד נאָך. וואָס טוט ער דאָ. אויף א פאַרהער איז ער אויך געווען. אינטערעסאַנט.

איך בין שוין דעמאָלט געווען א געניטער פאַכמאַן אין אַלע תפיסה ענינים. איך האָב געוווּסט, אז שטייענדיק דאָ נעבן מיר א נאַקעטער, איז דאָס ייִנגל אין א סכנה. די פענצטער פון מיין דעזינפעקציע קאַמער זענען

אַרויסגעגאַנגען פּונקט אויפן תּפיסה־הויף. אונטער מיינע פענצטער האָבן אומאויפהערלעך געשפּרייזט געשטאַפּאָווצעס און אוקראַינער. דאָס ייִנגל טאָר נישט שטיין לעבן מיר, ער טאָר מיט מיר נישט רעדן. הכּלל עס פעלט מיר נאָר דאָס, אַז מען זאָל אים דאָ דערזען.

איך האָב אים געהייסן תּיכּף אומצוקערן זיך אונטערן טוש און האָב אים צוגעזאָגט אַרויסצוברענגען אַ פּאַפּיראָס.

געווען איז אַ געזעץ אין תּפיסה, אַז יערן טאָג, ווען אַרעסטירטע האָבן זיך אומגעקערט פון פאַרהער, וועלכער איז פאָרגעקומען אין געשטאַפּאָ, האָט מען זיי קודם געפירט אין באָד. דער זין דערפון איז געווען דער, אַז זייענדיק מחוץ פון דער תּפיסה, באַגעגענען זיי זיך מיט פאַרשידענע מענטשן און עס קאָן פאָרקומען, אַז זיי זאָלן זיך אָנשטעקן מיט לייז. אַלזאָ צוריקקומענדיק אין תּפיסה האָבן די אַרעסטירטע געמוזט דורכמאַכן אַ באָד מיט אַ פולער דעזינפעקציע פון זייער אָנגעטועכץ, פּונקט אַזוי, ווי זיי וואָלטן איצט פריש אָנגעקומען אין תּפיסה.

אַזוי אַרום האָבן מיר, די בעדער, תּמיד געהאַט די קאָנטראָל איבער די אַרעסטירטע, וואָס זענען דורכגעגאַנגען איינע פון די שווערסטע גזירות — דעם פאַרהער. פון פאַרהער פלעגן זיך די אַרעסטירטע אומקערן אין פאַרשידנאַרטיקע צושטאַנדן. נאָר יחידים איז געלונגען דורכצוקומען דעם פאַרהער אָן אַ מכשול. דאָס רוב אָבער האָבן זיך פון פאַרהער אומ־געקערט אָדער פיזיש צעממיטעטע, אָדער פּסיכיש דערשלאָגענע. מיר, די בעדער, זענען געווען די ערשטע מיטאַרעסטירטע, מיט וועלכע זיי האָבן געקאָנט זיך רואיק דורכשמועסן. האָבן זיי זיך טאַקע פאַר אונדז אויסגע־רעדט זייערע פאַרביטערטע הערצער. אָפט ביי אונדז געפרעגט עצות, צי דאָס אָדער יענץ האָבן זיי ריכטיק געענטפערט. צי עס קאָן זיי דער דאָזי־קער ענטפער, חלילה, נישט ברענגען קיין שאָדן, צי האָבן זיי מיט אַן אומפאָרזיכטיקן ענטפער נישט פאַרשיט פריינט וכדומה.

זייערע ענטפערס זענען שוין געווען געשעענע פאַקטן. דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט, איז שוין געווען פאַרפאַלן, אונדזער עצה האָט שוין סיי ווי נישט געקאָנט האָבן קיין באַדייטונג. האָבן מיר שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן געפירט אַ טאַקטיק פון באַרואיקן. נישט שיטן קיין זאַלץ אויף די ווונדן, אויסרעדן און דערמוטיקן. דאָס איז געווען איינע פון די סאָציאַלע

ארבעטן, וועלכע מיר, די זעקס יידישע בעדער, האָבן אויסגעפירט אין דער תפיסה און א דאנק וועלכער מיר זענען געווען שטארק באליבט צווישן די פוילישע ארעסטירטע.

און איצט צוריק צום יינגל. ער איז צוריקגעגאנגען אונטערן טיש און א ווייל̇ע שפּעטער בין איך אהין אריינגעקומען. צוליב פאָרזיכטיקייט האָב איך מיך גוט ארומגעקוקט, צי עס איז נישטאָ קאָרט עמעצ פון די כלבים. פאר אונדזער אוקראינער האָבן מיר נישט געהאט קיין מורא. ער האָט אונדז נישט געקוקט אין די הענט, נאָר פון אונדז געפאָדערט, אז מיר זאָלן אליין טון מיט קאָפּ, כדי עס זאָל אמאָל דערפון נישט ארויס קיין צרה.

ווען איך האָב מיך פארזיכערט אין דעם, אז עס איז נישטאָ קיין אומגעוווּנטשענער גאסט, האָב איך יעדן פון די זיך באָרנדיקע געגעבן א שטיקל פּאפּיראָס. איך האָב געמוזט זיין שפּאָרזאם, ווייל א סך פּאפּיראָסן האָב איך אליין נישט געהאט און סוף כל סוף האָט דאָס, וואָס איך האָב געהאט, געמוזט נאָך קלעקן פאר אנדערע געסט און טאקע פאר מיר גופא.

דעם יינגל האָב איך געגעבן זיין שטיקל פּאפּיראָס. ער האָט מיר הארציק געדאנקט און בשעת מעשה האָט ער באמערקט, אז איך דערמאָן אים עמיצן פון זיינע זייער נאָענטע מענטשן. איך האָב געפרעגט, ווי אזוי ער הייסט.

— שיין -- האָט ער געענטפערט.

— שיין — האָב איך אים אָנגעקוקט — א דייטשער נאָמען.

— איך בין א דייטש —האָט ער צוגעשטימט— איך זיץ אין דער דייטשער קאמער אויף דער דריטער אָפּטיילונג.

הערנדיק אזא מעשה, האָב איך חרטה באקומען אויפן גאנצן שמועס. מיט א דייטש האָבן צו טון?

נאָר דאָס יינגל האָט אויף מיר געקוקט מיט עפּעס א מאָדנעם בליק און איך האָב מיך פון אים נישט געקאָנט אוועקרייסן.

— פארוואָס זיצסטו? — האָב איך געפרעגט.

— זיי ווילן פון מיר עפּעס ארויסבאקומען, אָבער איך האָב פאר זיי נישט קיין מורא. זיי קענען אפילו נישט פארהערן.

איך בין געשטאנען א פארבליפטער. א יונגער שנעק, ער האלט זיך

פאר א דייטש און וועגן די געשטאפּאווצעס, די סאמע אכזריותדיקסטע תלינים רעדט ער מיט ביטול. וואָס איז דאָס אזעלכעס?

מען האָט שוין געהאַלטן ביי ארויספירן די פארהערטע פון באָד. שיין האָט מיר צוגעוווּנקען א „זיי געזונט" און איז שנעל ארויס. איך בין נאָך א רגע געבליבן אויפן זעלבן אָרט און געטראכט. דערנאָך האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין ארבעט.

דעם צווייטן טאָג איז שיין ווידער געווען ביים פארהער. אריינקומענדיק אין באָד האָט ער זיך שטיל צו מיר דערנענטערט און דערציילט:

— זיי ווילן מיר נישט גלויבן, אז איך בין דערצויגן געוואָרן אין א קלויסטער אין יאראָסלאַוו. דער רעפערענט (דער געשטאַפּאָוויעץ, וואָס האָט געפירט דעם פארהער) האָט מיר געזאָגט, אז זיי האָבן אָנגעפרעגט אין דעם קלויסטער, וואָס איך האָב אָנגעגעבן, אז איך בין דאָרט געווען ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה. אין קלויסטער —זאָגט ער— ווייסט מען נישט בכלל וועגן א שיין. האָב איך געענטפערט, אז זיי האָבן דאָרט מסתמא פארגעסן מיין נאָמען. איך האָב געשפּילט דעם נאר און געבעטן, אז זיי זאָלן מיט מיר אהין פאָרן און אז איך וועל דאָרט זיין, וועלן מיך די גלחים באשטימט דערקענען.

— וואָס האָט דיר דער רעפערענט געענטפערט?

— וואָס טראכט איר דען? —האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זיין מאָדנעם שפּאָטישן שמייכל— וועלן זיי מיט מיר פאָרן קיין יאראָסלאַוו? איך האָב בלויז פאר זיי געוואָלט מאכן דעם אָנשטעל, אז איך בין זיכער אין דעם, וואָס איך זאָג. זיי וועלן איצט נאָך א מאָל אָנפרעגן און איך וועל געווינען דריי חדשים צייט, ביז דער ענטפער וועט צוריקקומען. און דריי חדשים, הא, הא... זייער פיל צייט.

— שלאָגן זיי דיך נישט? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— איך בין דאָך א דייטש — האָט ער יעדעס וואָרט אויסגעצויגן אין דער ברייט און ווילינגעדיש געלאכט, ווי איינער זאָגט: די זאַך מיטן דייטש איז מיר געלונגען.

במשך פון יענעם טאָג האָב איך לאנג נאָכגעטראכט וועגן דעם יונגן שיין. עפּעס א סוד מוז שטעקן הינטער דעם דאָזיקן יינגל. שיין איז איצט טאָג נאָך טאָג געפאָרן צום פארהער און אלע מאָל האָט ער מיר איבער־

געגעבן א באריכט. עס האָט זיך ארויסגעפילט, אז ער קלעבט צו מיר, ווי צו אן אמתדיקן פריינט. איך מוז מיך מודה זיין, אז מיר איז דער קליינער שיין אויך שטארק געפאלן צום הארצן. א מאָל איז ער גלייך פון דער טיר צו מיר צוגעלאָפן.

— היינט האָבן זיי מיך געוואָלט איבערשרעקן. „הונט" האָט צו מיר געשריגן דער רעפערענט און מיר געדראָט מיטן רעוואָלווער. „פאר־וואָס האָסטו נישט קיין פאפירן? איך וועל דיך דאָ איצט דערשיסן". אז דו שרייסט, האָב איך געטראכט, איז א גוטער סימן. דער איינפאל מיט יאראָסלאַוו האָט זיי פארפלאָנטערט. איצט פרוווט ער צו כטראשען, כדי פון מיר ארויסצובאקומען ידיעות. איך האָב טאקע געמאכט דעם אָנשטעל, ווי איך וואָלט מיך טאקע שטארק געשראָקן פאר זיין רעוואָלווער. איך האָב געוויינט און געבעטן מיך ביי אים רחמים, ער זאָל מיך נישט שיסן, ווייל איך בין גאָרנישט שולדיק און בין א געטרייער דייטש. ער האָט אָפגעלאָזט די מאשין, אָבער שרייען האָט ער נישט אויפגעהערט. „טאָ זאָג תיכף, ווו זענען דיינע פאפירן". איך האָב אויך נישט אויפגעהערט צו וויינען און איך האָב אים דערציילט, אז איך האָב קיין מאָל נישט געהאט קיין שום פאפירן. ביז צו דער מלחמה —האָב איך געזאָגט— בין איך געווען ביי די גלחים. בשעת דער מלחמה האָבן די גלחים אונדז נישט געהאט וואָס צו געבן עסן, זענען מיר דערפאר —דאָס הייסט די עלטערע קינדער, -- צע־לאָפן זיך. איך אליין בין געקומען קיין ווארשע. דאָ געדרייט זיך אין דער נאָענט פון וואָקזאל. געלעבט האָב איך פון פוצן שיך.

— דער רעפערענט האָט ווייטער געשריגן ווי א ווילדע חיה: פאר־וואָס האָסטו זיך געדרייט אין דער נאָענט פון דייטשן מיליטער? אז דו וועסט תיכף נישט זאָגן דעם אמת, באקומסטו די קויל.

— איך האָב שטארק געהונגערט און איך האָב געוווּסט, אז אונ־דזערע „טאפפערע סאָלדאטן" האָבן גוטע הערצער. זיי גיבן עסן אָרעמע דייטשע קינדער. דערפאר האָב איך מיך געדרייט אין דער נאָענט פון מיליטער. איך האָב טאקע פון די זעלנער באקומען עסן.

— און פארוואָס האָסטו דריי מאָל נאָכאנאנד איבערשריטן די גרענעצן פון רייך אהין און צוריק? — דעם רעפערענטס פנים איז פאר כעס געווען פארגאָסן מיט א רויטקייט.

— וואָס מיר גרענעצן, ווער מיר גרענעצן —האָב איך שוין גאנץ רואיק געענטפערט— אַלץ איז אונדזער פאָטערלאַנד, אונדזער דייטשעס רייך. אומעטום זענען מיר די באַלעבאַטים. גאנץ אייראָפּע געהערט אונדז. פאַר אונדז דייטשן זענען נישט פאראן קיין גרענעצן.

— דער רעפערענט איז געבליבן געפּלעפט —האָט מיר שיין ווידער דערציילט— ער האָט מיך אָפּגעלאָזט. פאַר היינט האָט ער געהאט גענוג. מאָרגן פאָר איך ווידער צום פארהער.

— אויב דו זאָגסט אים, אז דו ביסט א דייטש —האָב איך געפרעגט שיינען— מוזטו דאָך מיט אים רעדן דייטש. ווי אזוי רעדסטו מיטן רעפע־רענט?

— איך רעד דייטש.

און שיין האָט תיכף מיט מיר אָנגעהויבן צו רעדן דייטש מיט א פיינעם בערלינער אקצענט. הערנדיק זיין דייטש, וואָלט איך געשווירן, אז שיין איז א בערלינער יינגל. פונקט אזוי האָט ער אויך גערעדט א גוטן פויליש, פארצויגן לויטן קראָקאָווער נוסח. לויט זיין פויליש רעדן, וואָלט קיינעם נישט איינגעפאלן צו טראכטן, אז שיין איז נישט קיין לודווינאָווער קינד.

— הכלל, האָב איך אים איבערגעריסן זיין דייטשן ווערטער־שטראָם — איך זע, אז דו קענסט דייטש. לאָמיר אָבער שוין בעסער רעדן פויליש. די דייטשע שפּראך איז דאָך פאַר אונדז ביידע נישט זייער סימפאטיש.

— עס איז אָבער גוט, אז מען קען אַלץ — האָט מיך דער יונגער שיין געלערנט. — און ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן. די געשטאַ־פּאָווצעס זענען נאראָנים. מיך האָבן זיי געכאפּט טאקע ממש ביי דער ארבעט, ווי מען זאָגט, ביי דער האַנט. איצט קאָנען זיי פון מיר גאָרנישט ארויסבאקומען און זיי האָבן נישט קיין שום באַווייז קעגן מיר. איך פאַר־זיכער אייך, אז זיי האָבן נישט קיין שום באַגריף פון פידן אָן אויספאָר־שונג, פון פארהערן. גלייבט מיר, ווען איך וואָלט זיי פארהערט, וואָלט איך וועגן זיי מער געוווּסט, ווי זיי ווייסן וועגן מיר.

— שיין, ווער ביסטו? — האָב איך אים שטיל געפרעגט.

אָבער שיין איז שוין געווען ווייט פון מיר. צוזאמען מיט זיין גרופּע איז ער ארויסגעגאנגען פון באָד.

במשך פון די נאָענטסטע טעג איז שוין געפאָרן צום פאַרהער. מיר האָבן זיך טאָג־טעגלעך באַגעגנט. אַמאָל איז געקומען צו אַ שמועס וועגן מיר. שוין האָט מיך געפרעגט, פון וואַנען איך בין. איך האָב אים געזאָגט דעם אמת, אַז איך בין פון דראָהאָביטש, אַ שטאָט אין מזרח גאַליציע.

— איך קען דראָהאָביטש — האָט שוין געזאָגט — איך קען אויך סטרי און די גאַנצע געגנט פון דראָהאָביטשער אָבלאַסט.

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע צוויי ווערטער „דראָהאָביצקאַ אָבלאַסט", האָט אין מיר עפּעס אויפגעציטערט. דאָס מוז זיין אַ רוס — איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ווייל ווער וועט זיך וועגן דער געגנט פון דראָהאָביטש אויסדריקן „אָבלאַסט", אויב נישט אַ רוס? איצט האָט שוין איין געדאַנק נאָכגעיאָגט דעם צווייטן. דער גאַנצער ענין מיט שיינען איז מיר אויף אַמאָל קלאָר געוואָרן. אָבער שיין האָט זיך שוין דעמאָלט פאַר מיר נישט געהיטן. ער האָט מיר אַליין דערציילט, וואָס ער האָט געטון אין מיינע היימישע געגנטן:

— איך בין דאָרט געווען אין די צייטן פון 1940 און 1941. אין אָנהויב בין איך געווען אין סטרי און פון סטרי האָט מען מיך אַלס פּאָס־טוך אַריבערגעוואָרפן קיין אונגאַרן.

— דו קענסט אונגאַריש? — האָב איך אים איבערגעריסן.

— יאָ, סלאָוואַקיש קען איך אויך. אין יאַנואַר 1941 בין איך אַרי־בער קיין פּשעמישל. און פון דעמאָלט האָב איך שוין געאַרבעט אויף דער לינקער זייט פון סאַן, ביי די דייטשן. איך האָב געפירט די „ראַזוויעדקע".

איך האָב געוואָלט זיין זיכער מיט דעם, צי שיין דערציילט מיר דעם אמת. איך האָב דעם געשפּרעך אַרויפגעפירט אויף דער טעמע פון יענע שטעט, וועגן וועלכע ער האָט דערציילט. איך האָב אים פאָרזיכטיק אויסגעפרעגט וועגן פאַרשידענע פּרטים, פּרטים, וואָס קאָנען באַקאַנט זיין נאָר איינעם, וואָס האָט דאָרט געלעבט. שיין האָט באמת געקענט יענע געגנטן. ער האָט מיר אפילו אָנגעהויבן אויסצורעכענען די נעמען פון די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט. דאָס זענען אַלץ געווען נאַטשאַלניקעס פון דער נ. ק. וו. ד. נעמען, וועלכע מיר, די תושבים פון יענער געגנט, האָבן גוט געקענט.

פונעם לעצטן פאַרהער האָט זיך שוין אומגעקערט אַ צעשמייכלטער.

— היינט איז מיר געלונגען אריינצונאַרן זיי אין א טעמפּן ווינקל. דער רעפערענט האָט ווידער געבראָוועט די קונץ מיט שיסן. דערנאָך האָט ער גענומען א פאָטאָגראַפישן אפאראט. איך האָב תיכף פארשטאנען, וואָס ער וויל טון. ער וויל מיין פאָטאָגראַפיע צעשיקן צו אלע דינסטשטעלן פון דער געשטאפּאָ. פאַר דעם האָב איך טאקע מורא, ווייל מיט א צייט צוריק בין איך אין דרעזדען אריינגעפאלן מיט דער גאנצער „סחורה". צוליב א נס איז מיר דעמאָלט געלונגען צו מאכן פּליטה, אָבער דער גאנ־צער קאָמפּראָמעטירנדיקער מאטעריאל איז געבליבן ביי זיי. דאָרט מוזן אויך זיין מיינע בילדער. אז די דרעזדענער געשטאפּאָ וועט באַקומען מיין בילד, איז מיין ענין שוין פארענדיקט. מיר איז איצט נישט געבליבן קיין אנדערער אויסוועג, ווי ווייטער צו שפּילן דעם שוטה. ווען דער רעפערענט האָט אָנגעהויבן צו דרייען דעם פאָטאָ־אפּאראט, האָב איך געמאכט דעם אָנשטעל, אז איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס דאָס איז און אז איך האָב כלומרשט מורא, אז זיי גרייטן זיך מיך צו שיסן. איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און צו בעטן זיך ביי זיי. די דייטשן האָבן נישט אויפגעהערט צו לאכן פון מיין טפשות און איך האָב אויסגענוצט די לאגע. ווען ער האָט געצויגן דאָס צינגל פון אפּאראט, האָב איך כלומרשט פאר שרעק געמאכט מיטן פּנים אזא גרימאסע, אז מיין אייגענע מאמע וואָלט מיך קיינמאָל נישט דערקענט.

שיין האָט מיר תיכף געוויזן, ווי אזוי ער האָט געמאכט די גרימאסע. זיין פּנים איז ארויס לעכערלעך אויסגעקרומט און איך האָב אויסגעבראָכן אין א הילכיקן געלעכטער.

שיין איז נישט געפּאָרן מער צום פארהער. וועגן ווערן באפרייט האָט ער נישט געקאָנט חלומען. צו גרויס זענען געווען די חשדים קעגן אים, הגם קיין באווייזן האָט די געשטאפּאָ נישט געהאט. שיין איז אָבער געווען צופרידן, אז זיין ענין וועט זיך איצט פארשלעפּן נאָך אויף הדשים און דערווייל דערנענטערט זיך שוין די באפרייאונג.

שיין איז שוין איצט געווען אן איינגעזעסענער פאוויאַק־תושב. אזוי ווי ער איז געווען פארשריבן אלס דייטש, האָט ער געהאט דאָס רעכט צו געניסן פון פארשידענע פארלייכטערונגען, וועלכע זענען געווען דערלייבט בלויז פאר מיטגלידער פון דעם הערן־פאָלק, פון דער העכערער

ראסע. ווייל ביי די נאציס זענען אפילו ארעסטירטע געווען איינגעטיילט אין פארשידענע קלאסן.

שוין איז צוגעטיילט געוואָרן צו אן ארבעט. ער איז געוואָרן א קוכער אין דער קליינער תפיסה־קיך, ווו מען האָט געקאָכט עסן בלויז פאר די דייטשן און די אוקראינער. איצט האָב איך שוין געקאָנט זיך אומגעשטערט יעדן טאָג מיט אים באגעגענען. די קוכערס האָבן געמוזט זיך יעדן טאָג באָדן און קומענדיק זיך באָדן, האָט מיר שוין מיטגעברענגט פון די גוטע מאכלים, וואָס זיי האָבן דאָרט צוגעגרייט פאר די דייטשע רוצחים.

אין די שפּעטע טעג פון חודש מאי האָבן מיר זיך שוין געגרייט צו מאכן פּליטה. אין טאָג פון אונדזער פּליטה האָב איך מיך געזעגנט מיט שיינען. שוין איז געווען גערירט, הערנדיק וועגן דעם עסק. ער האָט זיך אזש צעוויינט, דאן האָט ער זיך מיט מיר צעקושט און אָנגערופן זיך דאַסמאָל אין א פיינעם ליטווישן יידיש:

— א שאָד, וואָס איך קאָן מיט אייך נישט מיטגיין. איך וואָלט אייך אויף יענער זייט געקאָנט א סך העלפן. הכלל, האָט הצלחה און גייט מיט מזל. זייט פרייע מענטשן. מיר וועלן זיכער זיך נאָך באגעגענען אין לעבן.

שוין האָט מיר נאָך געדריקט די האנט, ווען זיינע חברים די קוכערס האָבן שוין געהאלטן ביים ארויסגיין פון באָד. ער איז זיי נאָכגעלאָפן און איך האָב אים נאָכגעקוקט און געטראכט:

— ווער איז ער?

זינט יענער צייט האָב איך דעם יונגן שוין מער נישט באגעגנט.

## עולם־הבא פאר צען ציגארעטן

אויסגעזוכט האָט ער זיך תמיד עפּעס א ווינקל, געשטאנען דאָרט מיט א סידור אין דער האנט, געפינקלט מיט די אויגן אויף רעכטס און לינקס, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און ער האָט געדאווענט. פון וואנען דאָס דאָזיקע קליינע יידל, וואָס האָט געטראָגן דעם מאָדנעם נאָמען קאנאַדעק, האָט געהאט אין פּאוויאַק א סידור, איז פאר אלעמען געווען

א סוד. נאָר קאַנאַרעק האָט א סך זאַכן געקאָנט באַווייזן, וואָס אַן אַנ־דערער וואָלט עס נישט געקאָנט. אַלזאָ האָט זיך קיינער נישט געוווּנדערט. האָט קאַנאַרעק א סידור, זאָל ער אים האָבן.

איינגעטלעך איז דער דאָזיקער קאַנאַרעק נישט געווען קיין גאָר איג־טערעסאַנטע געשטאַלט. עס וואָלט זיך מסתמא נישט כדאי געווען מיט אים צו פאַרנעמען, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז געווען דער אָביעקט פון חוזק, פון הייטערקייט, בפרט פאַר אונדזערע יונגערע מיטאַרעסטירטע. און הייטערקייט, דאַרט אין פאַוויאַק, אין יענעם מלכות פון טרויער און צער, איז געווען א טייערע און זעלטענע זאַך.

דער אָביעקט פון חוזק איז קאַנאַרעק נישט געווען צוליב דער פרומקייט זיינער. צווישן אונדזערע חברים זענען געווען עטלעכע צענדליגג פרומע יידן, וועלכע מען האָט שטאַרק אָנגעזעען, מיט וועלכע מיר האָבן אפילו געקאָנט שטאָלצירן. נאָר קאַנאַרעק איז געווען סתם א נישט דער־באַקענער מענטש און זיין משונעת איז געווען פרומקייט. די באַדינגונגען אין א תפיסה דערמאָגנען אָפט באַדינגונגען אין מיליטער. אַן „אָפּערמע" (שלימזלניק) איז דער אָביעקט פון חוזק. קאַנאַרעק איז געווען די פאַ־וויאַקער „אָפּערמע".

קאַנאַרעקן האָט דאָס חוזק מאַכן פון אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט קעגן דעם אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען. ער האָט געפּרוּווט רירן די הערצער פון די חוזק־מאַכערס דורך דערציילן די געשיכטע פון זיינע איבערלעבענישן. ער האָט דערציילט א געשיכטע פון א גרויזאַמען וועג, וועלכער האָט אים מיט זיין צאָלרייכער משפחה געפירט פון זיין דאָרף אין דער שעדלעצער געגנט אין וואַרשעווער געטאָ. דאַן נאָך דער ליקווי־דאַציע פון געטאָ, ווי ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין א קאַנאַל און ווי ער איז במשך פון וואָכן איינער אַליין א לעבעדיקער געלעגן צווישן צוואַנציק מתים, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען זיינע נאָענטסטע משפּחה־מיטגלידער.

אָבער זיין דערציילונג האָט נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. איטלעכע אָדער ענלעכע איבערלעבונגען האָט הינטער זיך געהאַט יעדער פון אונדז. איז מען דאָך א ייד געווען אין יענע צייטן, כדי צו ליידן צער און פּיין.

די חברה חוזק־מאכערס האָבן אמאָל אויסגעפונען, אז קאַנארעק האָט ליב א גנבהלע. ער האָט עפּעס אוועקגענומען ביי א חבר, מיט וועלכן ער איז געזעסן אין איין קאַמער. נאָך דער מעשה האָט ער געמוזט אויס־שטיין ממש רדיפות מצד די יונגע חוזק־מאכערס, ביז מיר, די עלטערע, האָבן אים געמוזט נעמען אין שוץ און אָפּשטעלן די רדיפות.

* * *

מיר איז געלונגען צו נעווינען קאַנארעקס סימפּאַטיע. געשען איז עס צוליב א קליינער זאַך. עס איז גראַד געווען די צייט פון פּסח. קאַנאַ־רעק האָט זיך איינגעעקשנט, אז ער וויל נישט עסן קיין חמץ. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס עסן פון דער זופּ. וועגן ברויט איז שוין נישט קיין רייד. עס איז געווען אן אמתדיקער הונגער שטרייק פאַר די גאַנצע אכט פּסח־טעג.

מיר האָבן געפּרוווט איבערצוצייגן אים, אז אין אזא צייט מעג ער עסן חמץ. בשעת די געטאָ־צייטן האָבן רבנים וועגן דעם ענין ארויסגעזאָגט זייער וואָרט. עס זענען אויך צווישן אונדז געווען באמת פרומע יידן און עס איז זיי אפילו נישט איינגעפאַלן צו מאכן א וועזן פון דעם ענין.

אָבער קאַנארעק האָט זיך מיט זיין עם־הארצישער עקשנות געהאַלטן ביי זיינעם. ער מוז דוקא אין פּאַוויאַק האַלטן פּסח.

— וואָס ווילסטו עסן? — האָט מיך אינטערעסירט.

— כ'וויל רויע קאַרטאָפלעס — האָט ער געענטפערט — כ'האָב מיר צוגעגרייט א ביסל שמאַלץ, וועל איך אליין קאָכן די קאַרטאָפּלעס און עסן מיט שמאַלץ.

— וואָס פאַר א שמאַלץ האָסטו? — האָב איך ווייטער בודק געווען, וויל איך האָב געוווּסט, אז אויב ער האָט שמאַלץ, קאָן עס זיין נאָר חזיר־שמאַלץ. קיין אנדער שמאַלץ איז אין פּאַוויאַק נישט געווען.

— וואָס מיר א חילוק, וואָס פאַרא שמאַלץ — האָט ער געהאַלטן — אבי נישט צו עסן חמץ.

איך האָב געלאַכט און קאַנארעק האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם. אזוי ווי איך האָב דאָך נישט געוואָלט אים לאָזן הונגערן, האָב איך יעדן טאָג געבראַכט אים פון דער קיך רויע קאַרטאָפּלעס. די זאַך איז נישט

געווען קיין פשוטע. איך האָב די דאָזיקע קארטאָפּלעס געמוזט שמוגלען און ווען א געשטאפּאָוויעץ וואָלט מיך געכאפּט ביים טראָגן די קארטאָפּלעס, וואָלט איך מיאוס אָפּגעשניטן.

ביי קאַנארעקן אָבער האָב איך שטארק נושא חן געווען.

— איר האָט זיך געקויפט עולם הבא. ערשטנס, ווייל איר דערהאלט מיך ביים לעבן, און צווייטנס, ווייל אדאנק אייך האלט א ייד פּסח.

באלד האָט מיר קאַנארעק געשטעלט א פאָרשלאָג, וואָס האָט מיך גלייכצייטיק געמאכט שמייכלען און לאַכן.

— אזוי ווי איר האָט זיך געקויפט עולם הבא — האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן — פארקויפט עס תיכף מיר. איך צאָל צען פאפּיראָסן.

אין ערשטן מאָמענט בין איך אריין אין כעס, אָבער דערנאָך האָב איך מיך בארעכנט, מיט וועמען איך האָב צו טון. איך האָב מיך צעלאכט.

קאַנארעק האָט אָבער געפירט מסחרים מיט עולם הבא. ער פלעגט נישט רייכערן. די פאפּיראָסן, וואָס ער האָט פון ערגעץ באקומען, האָט ער באהאלטן און געקויפט פאר זיי עולם הבא. חברה לציים האָבן אויסגע־נוצט קאַנארעקס משוגעת. ווער עס האָט געדארפט פאפּיראָסן, איז גע־גאנגען צו קאַנארעקן און פארקויפט עולם הבא. קאַנארעק איז אָבער נישט געווען קיין לייכטזיניקער „סוחר". איידער ער האָט ביי איינעם געקויפט די טהורה, פלעגט ער זיך גוט אויספרעגן וועגן די מצוות פון פארקויפער.

קאַנארעק האָט נישט דערלעבט די שעה פון באפרייאונג. ער איז געפאלן צווישן יענע פערציק, וועלכע די דייטשן האָבן דערמאָרדעט ערב רעם וואַרשעווער אויפשטאנד. אפשר קומט צוגויז זיין נשמה היינט דער עולם הבא, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט ביי א סך פון זיינע פאוויאקער מיט־ארעסטירטע?

## קרופּניק, ווו ביסטו?

אונדזער טרויעריק לעבן איז פון צייט צו צייט געווען דורכגעוועבט מיט געשעענישן, וואָס האָבן ביי אונדז ארויסגערופן הייטערקייט. פון צייט צו צייט האָבן מיר אפילו איבערגעלעבט מאָמענטן, בעת וועלכע די

גרעסטע פעסימיסטן האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאלטן פון א הארציקן געלעכטער. איינע אזא געשעעניש וויל איך דאָ באשרייבן.

דער ייד קרופניק איז געווען דער שלאָסער־הידראאוליק פון פאוויאק. א יאָר איז ער שוין געזעסן אין תפיסה, ווו מען פלעגט אים רופן צו פארשידענע ארבעטן ביים פארריכטן די וואסערלייטונגען, קאנאליזאציע, באָד, קיך און וועשעריי־אינסטאלאציעס. ער איז אָנגעגאנגען פאר א זייער גוטן פאכמאן און דעריבער האָבן אונדזערע באלעבאטים די געשטאפּאָ־באנדיטן פון אים שטארק געהאלטן. קרופניק האָט זיך גענומען אלס באהעלפער א צווייטן ייד, דאָמב. דאָמב איז אָנגעגאנגען פאר א שלאָסער. אין דער אמתן איז ער געווען א „ליפּע", אן אינטעלעקטועלער.

ביידע, קרופניק און דאָמב, האָבן געהאט זייער א סך בשותפותדיקע איינגנשאפטן. פון דער זעלבער גרויס, גלייך איינגעבויגן, האָבן זיי געשפּאנט מיט א שלעפּעריקן טריט דורכן הויף פון דער תפיסה. דער מייסטער קרופניק פאָראויס און הינטער אים דער באהעלפער דאָמב מיט א קעסטל אינסטרומענטן.

קרופניק האָט געהאט נאָך א גרויסע מעלה. ער איז געווען א גרויסער קענער פון די ווארשעווער קאנאלן. מיר האָבן געוווסט, אז ער קען זיך בעסער אוים אין די קאנאלן, ווי נישט איין ווארשעווער אין די גאסן פון זיין געבוירן שטאָט. דאָרט וואָלט ער קיינמאָל נישט פארבלאָנדזשעט געוואָרן. וועגן דער דאָזיקער קרופניקס מעלה האָבן געוווסט בלויז אַ טייל ארעסטירטע. די דייטשן האָבן, פארשטייט זיך, גאָרנישט געוווסט.

אונדזער פּלאַן פון אנטלויפן, וועלכן מיר האָבן שוין זינט עטלעכע חדשים געהאט אויסגעארבעט, האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויף קרופּניקן. מיר האָבן באוויזן צו באקומען א שטאָלענע שער איבערצושניידן די קראטעס. קרופניק אלס שלאָסער האָט געזאָלט זיין דער, וואָס וועט אין לעצטן מאָמענט אויספירן די ארבעט. דער פּלאַן האָט אויך פאָראויסגעזען, אז מיר וועלן אנטלויפן דורך אן עפענונג אין קאנאל. דאָס וואָלט געווען דער זיכערסטער וועג, ווייל אין מאָמענט פון אריינבאקומען זיך אין א קאנאל־עפענונג וואָלטן מיר געווען באוואָרנט פאר דעם דייטשן נאָכיאָגן. קרופניק, דער איינציקער קענער פון קאנאלן, איז אונדז געווען אומבא־

דינגט נויטיק. דעריבער איז אונדזער גרופּע פון די בעדער, געשטאַנען מיט אים אין אַ נאָענטער פארבינדונג.

מיר זענען בסדר גרייט געווען צו אַנטלויפן, נאָר איין קרופּניק האָט אָפּגעשלעפּט. ער איז געווען דער זייל פון אונדזער אַקציע און מיר זענען געווען אָפּהענגיק פון זיינע קאַפּריזן. מיר האָבן זיך געמוזט אים אונטער־וואַרפן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך מיך אַנגעשטויסן, פאַרוואָס קרופּניק שלעפּט אונדז אָפּ. לויט אונדזער פּלאַן האָבן אַן ערך צען מענטשן געדאַרפט אַנטלויפן דורכן פענצטער פון אַ צווייטן שטאָק. עס האָבן גע־מוזט ווערן איבערגעשניטן קראַטעס, מען האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן מיט שטריק און סוף כל סוף זענען צען מענטשן נישט קיין קלייניקייט. קרופּניק האָט מיט רעכט געהאַלטן, אַז אַזאַ ויברח קען נישט האָבן קיין דערפאָלג. ער אַליין האָט פאַר זיך געהאָפט צו באַקומען אַ זיכערע מעג־לעכקייט צו אַנטלויפן. מיט אַ קלענערער גרופּע, אָן צו דאַרפן איבער־שניידן די קראַטעס. אַ מעגלעכקייט כמעט אָן אַ ריזיקע.

קרופּניק און דאַמב זענען געווען קלוגע יידן, זיי האָבן געוווּסט, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען. זיי האָבן באַוויזן ממש מיט קונצן צו שאַפן אַזאַ געלעגנהייט, וועגן וועלכער אַנדערע האָבן אפילו נישט געקענט חלומען. אָט הערט אַ מעשה:

אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג אין דער העלפט פון חודש אַפּריל 1944 איז עס פאָרגעקומען. אויף דער זעלבער נאַכט האָבן מיר, די בעדער, געהאַט באַשטימט דעם טערמין פון אויספירן אונדזער פּלאַן צוזאַמען מיט קרופּניקן און דאַמבן. אַלע אונדזערע כלים, וועלכע מיר האָבן געהאַט צו־געגרייט צו דער פּליטה, זענען געווען באַהאַלטן אין באָד. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז פאַרנאַכט וועלן מיר די כלים ברענגען אין אונדזער קאַמער און ביינאַכט נוצן ווערן.

פּלוצלינג אַרום 5 נאָכמיטאָג איז אַרונטערגעקומען אונטערן באָד־פענצטער סטאַשעק קראַמאַזש, וואָס האָט געוווּסט וועגן אונדזער פּלאַן, און קורץ אונדז אַריינגעוואָרפן די עטלעכע ווערטער:

— ברענגט גאָרנישט היינט אין דער קאַמער! קרופּניק און דאַמב מאַכן פּליטה.

סטאשעק איז נעלם געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז עמעץ פון די רוצחים זאָל אים נישט זען ביי אונדז.

אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען דעם ענין. וואָס הייסט זיי מאַכן פּליטה? מיר דאַרפן דאָך גיין צוזאַמען. נאָר תיכּף איז אונדז קלאָר געוואָרן דער ענין. עס איז צו אונדז אַריינגעקומען דער ניינצן־יעריקער דייטשער וואַכמייסטער ראַבקע, אַ פאָלקס־דייטש פון פּאָמערן, וואָס האָט בעסער גערעדט פּויליש ווי דייטש. ראַבקע האָט פאַרלאַנגט, מיר זאָלן אים אויסבאָרגן די גומי־שטיוול, וועלכע מיר פלעגן באַנוצן ביי דער אַרבעט אין וואַסער. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז עמעץ דאַרף גיין אַרבעטן אין קאַנאַל. איצט האָבן מיר ראַבקעס ידיעה פאַרבונדן מיט די עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער פון סטאַשעקן. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז קרופּניק און דאָמב גייען אין קאַנאַל אַרבעטן און פון דאָרט וועלן זיי אַנטלויפן.

נאָך אַ 15 מינוט האָבן מיר שוין געזען, ווי זיי גייען פאַרביי דעם תפיסה־הויף מיט פאַמעלעכע געמאָסטענע טריט. זיי גייען אָנגעטון אין זייערע אַרבעטס־קורטקעס, די גומי־שטיוול אויף די פיס. קרופּניק פאָראויס, עטלעכע טריט הינטער אים דאָמב מיט זיין אייביקן קעסטל. איצט האָט ער נאָך אַ נאַפּט־לאָמפּ. אין זייער שפּרייזן האָט זיך אַרויסגעפילט אַ דערד־שלאָגנקייט. קיין וווּנדער נישט! מען האָט זיי דאָך איבערגעריסן, משטיינס־געזאָגט, די זונטיקדיקע רו און מען שיקט זיי צו אַ שמוציקער און ברודיקער אַרבעט.

זייגער זעקס האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס באָד און געגאַנגען אין קאַמער. די מכשירים האָבן מיר איבערגעלאָזט אין באַהעלטעניש. עס איז דאָך געווען פאָראויסצוזען, אַז די נאַכט וועט זיין אַ „געשטאַנק”. עס קאָנען לייכט פאָרקומען רעוויזיעס און אויב מען וואָלט ביי אונדז געפונען אַזעלכע מכשירים, וואָלטן מיר געווען פאַרלוירן.

די פענצטער פון אונדזער קאַמער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף וויענזשעננאַ גאַס. פון הינטער די קראַטעס האָבן מיר געזען, ווי ראַבקע, באַוואָפנט מיט אַן אויטאָמאַט, שפּאַצירט אַרום ביי דער עפענונג פון קאַנאַל. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דערנערווירן.

עס איז צוגעקומען דער אוקראַינער בוקאָווינקאָ און אים געפרעגט:

— ראַבקע, וואָס מוסטו דאָ?

— איך היט דאָ די שלאָכערס, וואָס זענען אַראָפּגעגאַנגען פאַרריכטן דאָס ברונעמל.

— אַ ברונעמל? אַ שיין ברונעמל! קוק אַראָפּ אין דעם דאָזיקן קאָרידאָר. דאָס איז אַ קאַנאַל. ווען זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען אַהין.

— אַ האַלבע שעה אוודאי.

— הא, הא — צעלאַכט זיך בוקאָוויענקאָ — זיי זענען שוין נישט ווייט פון מאַרשאַלקאָווסקאַ. ראַבקע, דו ועסט זיי שוין נישט זען.

— וואָס זאָל איך איצט טון? — פרעגט ראַבקע אַ פאַרצווייפלטער.

— מעגסט שוין מעלדן דעם צוגס־פירער.

ראַבקע האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך וועל נאָך וואַרטן אַ האַלבע שעה, און שפּעטער וועל איך מעלדן.

בוקאָוויענקאָ האָט גראַד געהערט צו יענע אוקראַאינער, וואָס האָבן געהאַט מער האַרץ פאַר די אַרעכטירטע ווי פאַר די דייטשן. געבנדיק אַ טראַכט, אַז נאָך אַ האַלבער שעה וועלן די צוויי פּליטים זיין מיט עטלעכע הונדערט שריט ווייטער, האָט ער צוגעשטימט:

— יאָ, מעגסט נאָך וואַרטן, און דערווייל רוף זיי, אפשר קומען זיי אַרויס.

במשך פון אַ האַלבער שעה האָט ראַבקע געהאַלטן אין אַריינשרייען אין קאַנאַל:

— קרופּניק, ווו ביסטו? קרופּניק, דו הורן־זון, קום אַרויס. באַלד איז שוין דער אַפּעל.

אָבער אין קול ואין עונה. נאָך די שלאָסערס איז נישט געבליבן קיין זכר. ראַבקע האָט געמאָלדן דעם צוגס־פירער. עס האָט זיך אויפגע־הויבן אַ טומל. מען האָט גענומען זוכן. אָבער אַלץ אומזיסט. אין אַ וואַרשעווער קאַנאַל קאָן מען נישט געפינען קיין פּליטים אפילו ווען די זוכער זענען דייטשע „איבערמענטשן".

נאָך אַ געוויסער צייט זענען אַרויסגעשווומען פאָלגנדיקע פּרטים:

קרופּניק און דאָמב האָבן מיט שמאַטעס פאַרשטאָפּט די אָפּגוסן פון די קלאָזעטן פון דער וואַרשטאַט־געביידע. דער בנין האָט אָנגעהויבן

פּאַרפּלייצט צו ווערן. מען האָט זיי גערופן פּאַררוכטן, אָבער זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט דערגיין די סיבות פון דער פאַרפּלייצונג. לסוף האָט קרופּניק אויסגעדריקט א מיינונג, אַז די סיבה מוז זיין א דעפעקט אין קאַנאַל אויף וויענזשעננא גאַס. אין פאַכמענישן זין איז קרופּניקס „דיאַגנאָזע" לחלוטין נישט געווען קיין אויסגעהאַלטענע. וואָרום וואָס פאַר א שייכות האָט דער קאַנאַל אין גאַס צו די קלאָזעטן פון א בנין? נאָר אַזוי ווי דער צוגס־פירער האַניש איז נישט געווען קיין מומחה אין ענינים פון קאַנאַליזאַציע, האָט ער פאַראָרדנט, אַז די שלאָסערס זאָלן גיין אין קאַנאַל. אליין האָט ער זיי געגעבן גומי־שטיוול, א לאָמפּ, נאַפט און שוועבעלעך. אין אַזאַ מין אויסשטאַטונג זענען די שלאָסערס אראָפּ אין קאַנאַל און פאַרגעסן צוריקצוקומען.

די דייטשן האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך ארויסצודרייען פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער און זיך נישט קאָמפּראָמעטירן. זיי האָבן געשיקט א מעלדונג אין געשטאַפּאָ, אַז צוויי יידישע שלאָסערס זענען געגאַנגען ארבעטן אין קאַנאַל און זענען דאָרט דערטרונקען געוואָרן.

ביידע „דערטרונקענע" האָב איך א טאָג נאָך דער באַפרייאונג פון ווארשע באַגעגנט אין פּראַגע געזונטע און שטאַרקע.

## דער ריז פון נקמה *)

מיט פילאַרן האָב איך מיך באַקענט, בעת איך בין געווען אַן אויטאָ־מאָביל מעכאַניקער אין די געשטאַפּאָ־גאַראַזשן און ער אַן עלעקטראָ־טעכניקער. נאָר דער אונטערשייד צווישן מיר און אים איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב לגמרי נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דער ארבעט ביי אויטאָמאָבילן, בעת ער איז געווען א ספּעציאַליסט אין דער מלאכה, פאַרמאָגט גאָלדענע הענט און א גוטע טעכנישע אויסבילדונג.

*) דעם לעצטן גרוס פון פילאַרן און די ידיעות וועגן דעם לעצטן קאַפּיטל פון זיין לעבן האָט מיר געברענגט מיין פּאַוויאַקער פריינט סטאַשעק קראַמאַזש, וועלכער האָט מיטגעמאַכט די קאַמפן אין ווארשע און אין טאָג פון דער קאַפּיטולאַציע פון פּוילישן אויפשטאַנד אריבערגעשווומען די ווייסל און געקומען צו מיר אויף פּראַגע, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען באַפרייט פון די דייטשן.

פון יענער צייט געדענק איך אים אלס אָפּגעלאָזטן מענטש, וואָס האָט געמאַכט ממש א פאַרצווייפלטן איינדרוק. אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט דאָס בילד פון זיין אויסגעדאַרטן פּנים, קיין מאָל נישט ראַזירט. בלויז א פּאָר ברילן אין טונקעלע רעמלעך האָבן אַרויסגעשטאַרט פון איבער דער איינגעבויגענער נאָז. זיין נאָענטסטער פריינט פרישמאַן האָט אים שטענדיק מכבד געווען מיט מוסר־רייד, הלמאי ער לייגט נישט קיין געוויכט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען, ער ראַזירט זיך נישט, ער פּוצט זיך נישט די שיך. דייטשן האָבן פיינט געהאַט די אָפּגעלאָזנקייט. פרישמאַן האָט מורא געהאַט, אַז צוליב זיין אָפּגעלאָזנקייט קאָן פּילאַר האָבן נאָך בייצושטיין שווערע נסיונות. פּילאַר איז אָבער צו אַלעמען געווען גאַנץ גלייכגילטיק. ער האָט אויסגעהערט פרישמאַנס רייד, געטון א שמייכל און געפּידעט זיך פּונקט ווי פריער.

אין א געוויסן פרימאָרגן האָט פרישמאַן געמאַכט פּליטה. פּילאַר איז געבליבן, ער האָט נישט געוואָלט מיטגיין. עס האָט אים געפעלט גלויבן. ער האָט געשמייכלט, א מאַך געטון מיט דער האַנט:

— עס טויג צו גאָרנישט.

* * *

מיט חדשים שפּעטער, ווען די גאַנצע גרופּע פון די אויטאָמאָביל־גאַראַזשן איז געקומען אין פּאוויאַק, איז פּילאַר געזעסן מיט מיר אין א שכנותדיקער קאַמער. דעמאָלט האָב איך אָפּט באַמערקט, ווי ער זיצט אויף זיין געלעגער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם סאַמע העכסטן שטאָק פון דער פּריטשע. א שטרויזאַק (בפרט ווען דאָס שטרוי איז שוין צוזאַמענגעפּרעסט), וואָס ליגט אויף ברעטער, איז אודאי א האַרטער געלעגער. אָבער איך בין שטאַרק מסופק, צי פּילאַר, זיצנדיק אַזוי מיט די אַראָפּגעלאָזטע פיס אין די אָוונט־שעהן, נאָך א טאָג שווערער אַרבעט, האָט בכלל געטראַכט וועגן האַרטן געלעגער. געטראַכט האָט ער וועגן גאָר אַנדערע זאַכן.

אין יענער צייט האָבן פּילאַרן געמאַטערט די סאַמע קאָשמאַרדיקסטע געדאַנקען. עס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אומקערן אין זיין זכרון די

שווידערלעכע בילדער פון נאָענטן עבר. אָט טראכט ער וועגן פאָטער, וואָס איז נאָך אין זומער 1942 געגאנגען אויפן „אומשלאג פּלאַץ". דער פאָטער איז ארויסגעגאנגען פון דער שטוב און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. פילאר איז דאן געלאָפן צו פילע פון זיינע חברים, וואָס זענען געווען אין דער געסטאַ־פּאָליציי. זיי האָבן אים אָנגעקוקט ווי א משוגענעם:

— וואָס פאלט דיר איין? אן אלטן ייד ווילכטו ראטעווען? אזויפיל יונגע גייען אין די וואַגאָנען.

פילאר האָט גאָרנישט פארשטאנען. עס איז דאָך א טאטע. זיין טאטע. וואָס פארא חילוק, צי ער איז אלט צי יונג.

דאָס איז געווען דעמאָלט א גאנץ געוועגלעכע זאך, א זאך, וואָס האָט זיך געטראָפן צענדליקער טויזנטער יידן. מיט וואָס איז דאָ זיך פּייניקן די נשמה? דאָך אָבער אין א מאָמענט, ווען פילאר דערמאָנט זיך וועגן דער געשיכטע, פילט ער ארום זיך עפּעס א פּוסטקייט. מיט דער־שראָקענע אויגן קוקט זיך פילאר ארום און זיינע ליפּן רירן זיך אין עפּעס א נערוועזער באוועגונג.

נאָר נאָך ערגער איז, ווען עס לעבט אויף אין זיין זכרון א געוויסער שפּעטער יוני־טאָג. דער טאָג איז גראד געווען א שיינער, א זוניקער, א ווארעמער. עס איז געווען ענגעצווו אויף אָקענטשע. פילאר איז צוזאמען מיט זיין פרוי און זיין טעכטערל (אז ער דערמאנט זיך וועגן איר, פילט ער בפירוש, אז זיין הארץ קלאפּט נישט, נאָר עס וויינט פּשוט) און מיט נאָך עטלעכע יידן געזעסן באהאלטן ערגעץ אין א פינצטערן קעמערל. דאָס דאָזיקע קעמערל האָט די נידעריקע און דיקע מארק־זיצערין, וועלכע האָט זיי באהאלטן, גערופן מיט אן אויסגעפיינערטן נאָמען „בונקער". פאר אזא באהעלטעניש האָט מען געצאָלט זייער א סך געלט. עס האָט געהייסן „מיט עסן", הגם עס זענען געווען טעג, ווען מען האָט אפילו נישט באקומען קיין שטיקל טרוקן ברויט פארן קינד.

שוין כמעט פינף חדשים זענען די יידן געזעסן אין דאָזיקן קעמערל, ביז אין יענעם יוני־טאָג האָט זיך פּלוצלינג פון דער דירה געלאָזט הערן עפּעס א נישט געוויינלעכע באוועגונג. בלויז עטלעכע רגעס האָט געדויערט און די טיר פון קעמערל איז אויפגעריסן געוואָרן. אין דער טיר עפענונג האָבן זיך באוויזן לופּעס פון אויטאָמאַטן. א געשריי אויף דייטש:

— אלע ארויס!

פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ווייטער, האָט פילאר אין זכרון בלויז עפּעס א כאָאָס. אויף שוכא האָט מען זיי געפּייניקט במשך פון עטלעכע טעג. די געשטאַפּאָווצעס האָבן זיך געוואַלט דערוויסן, ווו עס זיצן נאָך באַהאַלטענע יידן. במשך די נעכט איז פילאר מיט זיין משפחה געזעסן אין די „טראַמווייען”, וואָס געפינען זיך אין קעלער פון געשטאַפּאָ־בנין. ווען זיי וואָלטן געקאָנט לכל הפּחות זיצן צוזאַמען, וואָלט נאָך געווען א האַלבע צרה. אָבער אפילו דאָס האָט מען זיי נישט דערלויבט. פילאר האָט פאַרבראַכט די נעכט אין איין קאַמער און זיין פרוי און קינד אין א צווייטער קאַמער אויפן צווייטן עק פון לאַנגן קאָרידאָר.

ערשט דעם פערטן טאָג, ווען מען האָט זיי נאָכאַמאָל ארויפגעפירט אין געשטאַפּאָ־ביוראָ, האָט פילאר געזען פאַר זיך בראַנדן בעצמו. פילאר האָט געדענקט בראַנדן נאָך פון יענע צייטן, ווען ער האָט געוואָרפן א פּחד אויף יידן פאָרנדיק אין אן אויטאָ אָדער א ריקשע איבער די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ. ווען פילאר האָט דערזען פאַר זיך בראַנדן, האָט ער נישט ווילנדיק אָנגעהויבן צו ציטערן. א געדאַנק ווי א בליץ האָט אים דורכגעשטאָכן דעם מוח: דאָ ענדיקט זיך זיין לעבן. איצט האָט ער באמת אָנגעהויבן צו ציטערן וועגן גורל פון זיין טעכטערל, וואָס איז א שטילע און א בלאַסע אין איר דערשראָקנקייט געשטאַנען נעבן דער מוטער.

בראַנד איז אָבער געווען זייער גוטמוטיק און האַרציק. ער האָט פילאַרן געפרעגט וועגן זיין באַרוף. פילאר האָט געענטפערט, אז ער איז אן אינזשיניער־עלעקטריקער. א צעשמייכלטער האָט אים בראַנד געגעבן א פּאַפּיראָס, געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. איר וועט בלייבן לעבן.

דערנאָך האָט מען זיי אוועקגעפירט אין פּאוויאק. פילאר האָט געקוקט, ווי מען פירט ערגעץ אַוועק זיין משפּחה. אים אליין האָט מען אריינגעפירט אין תפיסה־קעלער. אין לאַנגן קאָרידאָר האָט אים אן אוקראַינישער וואַכמייסטער אוועקגענומען אלץ, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, ער האָט אים אפילו אראָפּגעשלעפּט דעם מאַנטל און דאָס רעקל. לסוף האָט פילאַרן דער אוקראַינער אריינגעשטופּט אין א קאַמער, ווו עס זענען שוין געזעסן עטלעכע יידן.

זינט יענעם מאָמענט האָט שוין פילאר נישט געזען מער זיין ווייב און קינד. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אים ארויסגענומען פון דער טויטן־קאמער און ארייגעפירט אין דער פערטער אָפּטיילונג צווישן די יידישע פאכלייט, וואָס זענען געווען באשטימט פאר ארבעט. פון דער פערטער אָפּטיילונג איז פילאר צוגעטיילט געוואָרן אין לאגער אויף גענשע־גאס צו דער גרופּע פון די יידישע אויטאָמאָביל־ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אין די געשטאפּאָ־גאראזשן. צוזאמען מיט דער דאָזיקער גרופּע איז ער יעדן טאָג אינדערפרי געגאנגען צו דער ארבעט און ביינאכט איז ער אין דער גענשער תפיסה געלעגן אויף דער הארטער ערד און מיליאָנען, אָבער ממש מיליאָנען וואנצן האָבן פון אים געצאפּט דאָס בלוט. מיט דער זעלבער גרופּע פון אויטאָמאָביל־מעכאניקער האָט זיך שפּעטער פילאר אומגעקערט אין פאוויאק. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די דייטשע רוצחים האָבן נאָך מער פארשארפט זייער באציאונג צו דער קליינער צאָל ביים לעבן איבערגעלאָזענע ווארשעווער יידן, ווען נאָר דער פאוויאק האָט נאָך פאר זיי געקאָנט זיין א „היים".

פילאר האָט אין זיין מלאכה געהערט צו די סאמע בעסטע פאכלייט. ביי דער ארבעט האָט ער באוויזן צו מאכן אָפּקילן אלע ליידנשאפטן פון זיין צעווייטיקטער נשמה. ביי דער ארבעט פלעגט ער פארגעסן וועגן די צרות און יסורים.

אָבער אין די אָוונטן האָט זיך מיט א טאָפּלטען כוח אומגעקערט דער קאָשמאר פון זיינע איבערלעבענישן, ווייל פילאר האָט שוין איצט געלעבט בלויז מיט דער פארגאנגענהייט. און פילאר האָט געליטן גרויסע יסורים. ער האָט געוווּסט, אז זיין פרוי און קינד לעבן נישט. ער האָט אפילו איין מאָל מיט א מאָדנער קאלטבלוטיקייט באוויזן אויסצורעכענען, אז גראד אין יענעם מאָמענט, ווען מען האָט אים געפירט פון פאוויאקער קעלער צו דער פערטער אָפּטיילונג, האָבן די מערדערישע קוילן איבער־געשניטן די לעבנס פון זיין פרוי און קינד. פונדעסטוועגן האָט פילאר נישט געוואָלט גלויבן אין דער דאָזיקער זאך. צו גרויזאם איז געווען דער אמת און צו שוואך האָט ער זיך געפילט אין זיין אָנבליק.

אין געוויסע מאָמענטן, ווען דער כוח פון גייסט האָט אין אים מנצח געווען די שוואכקייטן פון דער נאטור, האָט זיך אין אים געוועקט

א געפיל פון פארדרוס קענען זיך אליין צוליב דעם דאָזיקן אָפּטרייסלען זיך פון קוקן דעם אמת אין די אויגן. דאָס דאָזיקע אָפּטרייסלען זיך האָט ער דעמאָלט באטראכט אלס א שפּלדיקע שוואכקייט און אפשר גאָר אלס באווייז פון זיין שטארק אנטוויקלטן עגאָאיזם.

— וויל צי איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט ער זיך מיט זיך אליין געקריגט — אז איך זאָל לעבן און וואָס ערגער, אז איך זאָל מיך מיט אלע כוחות ממש קלאמערן אין לעבן, ווען זיי זענען שוין ביז צום סאמע סוף דורכגעגאנגען דעם וועג צום טויט.

פילארן האָט געפייניקט נאָך א צווייטער פאָרוואורף. דער דאָזיקער פאָרוואורף איז שוין נישט געווען אזוי אבסטראקט ווי דער ערשטער. פילאר איז געווען א ציוניסט. ער האָט געהאלטן, אז זיין א ציוניסט הייסט באזעצן זיך אין ארץ ישראל און מיט די אייגענע כוחות העלפן אויפצובויען די יידישע היים. הכלל, איז פילאר טאקע עטלעכע יאָר פאר דער מלחמה עולה געווען קיין ארץ ישראל און ער האָט זיך דאָרט באזעצט. דער פאָטער האָט אין הונדערטער בריוו געשטורעמט, אז פילאר זאָל צוריקקומען קיין ווארשע. דער פאָטער איז שוין אין די עלטערע יאָרן. ער קאָן זיך שוין אליין נישט געבן קיין עצה מיטן פירן די פאבריק. דער זון איז אים איצט זייער נויטיק, ער קאָן זיך אָן אים נישט באגיין.

פילאר קאָן זיך איצט נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט געהאָרכט דעם פאָטער. האַרט פארן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין פוילן, ברענגענדיק אזוי ארום זיין יונגע פרוי און דאָס דעמאָלט נאָך נישט געבוירענע קינד אויף א זיכערן טויט.

פילאר, א שטארקער מענטש פון כאראקטער, האָט אָבער פארמאָגט א צארטע נשמה. ער האָט געהאלטן אין איין מאכן מיט זיך דעם חשבון הנפש. ער איז דאָך נישט שולדיק אין דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. פארן טויט פון זיינע נאָענטסטע איז ער דאָך שוין אויסגעשטאנען אזויפיל פיין און יסורים אין דער דאָזיקער מערדערישער הייל, ווו ער געפינט זיך איצט. אָבער צי קאָן ער זיינע דורכגעמאכטע ליידן פארגלייכן מיט די טויט־יסורים פון זיין אומשולדיק עופעלע? די דאָזיקע פראגע האָט זיך ווי א שארף מעסער ממש אריינגעשניטן אין זיין מח און הארץ.

* * *

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער דייטשער פראָנט האָט זיך איינגעבראָכן אונטער דער שטאָט לובלין. די רויטע ארמיי האָט מיט א ריזיקן כוח פאָראויסמאַרשירט אויף מערב. מיט זיבן מייליקע שריט האָט זי זיך דערנענטערט צו דער הויפּטשטאָט ווארשע. דייטשן האָבן פּשוט פארלוירן די קעפּ. איצט האָבן זיי שוין איינגעזען, אז זיי מוזן פארלאָזן ווארשע. אין פּאוויאַק האָבן זיי דורכגעפירט די לעצטע שחיטה פון די ארעסטירטע. די דאָזיקע שחיטה איז טאַקע געווען די סאַמע בלוטיקסטע פון די אלע ביז איצטיקע. פון צווישן די יידישע פּאַכאַרבעטער האָבן זיי דעמאָלט ארויסגענומען פערציק „ליפּעס" און זיי געפירט צו דער תליה. די איבעריקע יידן האָבן די דייטשן נאָך איבערגעלאָזט. איצט זענען שוין נעבליבן די אמתע פּאַכלייט און זיי קאָנען נאָך צונויף קומען די נאַצים. וועט מען זיי אוועקפירן קיין דייטשלאַנד און זאָלן זיי נאָך א געוויסע צייט דאָרט ארבעטן לטובת דער „גרויסקייט" פון געפאַלענעם דייטשלאַנד.

פּילאר איז געווען צווישן דער גרופּע פון די הונדערט יידן, וועלכע מען האָט פונעם פּאוויאַק אריבערגעפירט אין לאַגער אויף גענשע גאַס, כדי זיי פון דאָרט איינוואַגאָנירן און אוועקשיקן אויף מערב. די הונדערט יידן האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אז צו זייער מארטירער־וועג וועט בלויז איין טויט מאַכן א סוף, אז פון די אָרעמס פון טויט וועלן זיי שוין נישט באַווייזן צו אַנטרינען.

אָבער איין טאָג האָט פּלוצלינג געבראַנגט די ענדערונג. דאָס איז געווען דער ערשטער אויגוסט, דער טאָג פון אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד אין ווארשע. פארנאַכט האָבן די יידן, זיצנדיק אין א באַראַק, דערהערט א נאָענטע שיסעריי. תיכף האָט זיך ביי זייער פענצטער באַוויזן עפּעס א מאָדנער מענטש, האַלב מיליטעריש און האַלב ציוויל אָנגעטון מיט אן אויטאָמאַט אין דער האַנט. דער מענטש האָט דאַן גענומען אריינקוקן אין באַראַק, צוגעטוליעט דאָס פּנים צו דער פענצטער שויב און מיט דער לינקער האַנט פארשטעלט זיך דעם שטערן איבער די אויגן, כדי בעסער צו זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין באַראַק. ווען ער האָט דערזען, אז ארעסטירטע זיצן אין באַראַק, איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר, אויפגעריסן זי און ווייזנדיק מיט דער האַנט די ריכטונג פון עפּעס א בנין אין יענער זייט פון לאַגער־הויף, האָט ער אויף פּויליש געשריגן:

— דאָרט אהין אנטלויפט!

דער מענטש איז נעלם געוואָרן און די יידן זענען געלאָפן אין דער געוויזענער ריכטונג. נעבן דעם בנין, וווהין די יידן זענען צוגעלאָפן, זענען געשטאַנען א סך באוואָפנטע ציווילע.

— ווער זענט איר? — האָבן געפרעגט די יידן.

— פּוילישע אויפשטענדלער. און איר?

— מיר זענען יידישע ארעסטירטע.

— אהא, יידן. גוט.

דער עלטסטער פון די אויפשטענדלער האָט די יידן געהייסן אריינגיין אין עפּעס א גרויסן זאל. דערנאָך האָט ער זיי דערקלערט:

— אזוי ווי איר זענט יידן און מיר ווייסן נאָך נישט, וואָס מיר האָבן מיט אייך צו טון, וועט איר דאָ בלייבן אינטערנירט.

און א יונגן אויפשטענדלער האָט ער באפוילן:

— נעם ביי זיי אוועק די שיך און זאָלן זיי דאָ זיצן באָרוויס, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אנטלויפן.

יאָ, באמת צו פיל איינדריקן אויף איין מאָל. שוין זענען זיי פריי און שוין זענען זיי ווידער ארעסטירט.

עפּעס נאריש האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט זייער איצטיקע לאגע. די וועלט איז שוין פריי פון דייטשן און זיי זיצן דאָ באָרוויס און איינער קוקט אָן דעם צווייטן. באלד האָט אויפגעשיינט א געדאנק:

— צי היט אונדז עמעץ?

— ווייזט אויס, אז ניין — האָבן געענטפערט יענע, וועלכע האָבן ארויסגעקוקט דורך די פענצטער — די אויפשטענדלער זענען אוועקגע־גאנגען ווייטער.

— טאָ מוזן מיר דען אוועקגיין פון דאנען אין שיך? באָרוויס וועלן מיר דאָך אויך ערגעצוווּ צוקומען.

פילאר איז געזעסן אויף א באנק ערגעץ אין א ווינקל פון גרויסן זאל. פאַרטיפט אין זיינע געדאנקען, האָט ער געמאכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געשלאָפן אָדער פארלוירן דעם באוווסטזיין. אויפן גאנצן גוף האָט ער געציטערט. יאָ, אמת, צו פיל איינדריקן אויף איין מאָל.

עמעץ האָט אים געטרייסלט ביי די אקסלען. פילאר האָט אויפגעהויבן

די באברילטע אויגן, אָבער ער האָט נישט דערקענט דעם מענטש, וואָס האָט מיט אים געטרייסלט. יענער האָט צו אים א הויכן געשריי געטון:

— פילאר, וועק זיך אויף, מיר גייען!

פאמעלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן, ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ווי א הונט נאָך א באָד און פונקט ווי ער וואָלט צו זיך גערעדט, האָט ער געפרעגט:

— און די שיף? איך בין דאָך באַרוויס.

— מאכט נישט אויס. מיר גייען באָרוויס.

פילאר האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיינע חברים. ערשט איצט האָט זיך אומגעקוקט זיין באוואַסטזיין. ער האָט שוין דערקענט זיין געטרייעסטן חבר און געפרעגט אים:

— רישיעק, וווהין גייען מיר?

— קום, וועסטו זען. מען שלאָגט די דייטשן און מיר האָבן דאָך מיט זיי חשבונות.

— יאָ, אמת — האָט פילאר שטיל געפּליטשטערט — מיר האָבן מיט זיי חשבונות.

גייענדיק אזוי מיט זיינע חברים, איז פילאר איינגענצן צו זיך געקומען. מען האָט עס דערקענט פון די שטאַרקערע בליצן פון זיינע אויגן. די אונטערשטע ליפּ האָט אים נערוועז געציטערט ווי אַלע מאָל. ער האָט שוין אינטעגסיוו געטראַכט. ער האָט שוין געוווּסט, וואָס צו טון, די אַרעסטירטע זענען פון לאַגער אומגעשטערט אַרויס אויפן שטח פון געוועזענעם געטאָ. פון דאַנען זענען זיי זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען, פילאר האָט מיט זיינע פינף חברים געלאָזט זיך גיין אויף וואָלע.

אויף וואָלע זענען די זעקס פריינט געקומען דעם אַנדערן טאָג שוין באַשיכטע. געהערשט האָט דאָרט א טומל און א געפילדער. די שיסעריי האָט אביסל אויפגעהערט און אַרום זעט מען איבערגעשראָקענע מענטשן, וואָס גנבענען זיך דורך אונטער די מויערן אין פאַרשידענע ריכטונגען. אין דעם שיינעם זוניקן נאָכמיטאָג דרייען זיך די אויפשטענדלערישע זעלנער צווישן דער באַפעלקערונג. זיי באַרואיקן די מענטשן, זיי באַמיען זיך אַריינצופירן אָרדענונג. דאָ און דאָרט זעט מען גרופּעס אויפשטענדלער, וואָס גרייטן זיך צו עפּעס. דאָס זענען די שטורעם־אָפּטיילונגען, וועלכע

דארפן היינט ביינאכט אויספירן זייערע אויפגאבן. אין די גאסן ליגן צעוואָרפענע דייטשע וואפן, צעשעדיקטע טאנקען. א טייל זעען אויס צו זיין גאנץ. זיי שטייען ווי טויטע ליבן מיט זייערע ארויסשטארנדיקע ציין פון די לופעס.

— יינגלעך — האָט פלוצלינג פילאר אויסגערופן — מיר נעמען זיך צו דער ארבעט!

פילארס חברים האָבן אים אָנגעקוקט פארחידושטע. וואָס פארא ארבעט? נאָר תיכף האָבן זיי פארשטאנען וואָס ער מיינט.

די זעלבע יידן, די נעכטיקע אויטאָמאָביל־מעכאניקערס פון די געשטאפּאָ־גאראזשן, האָבן זיך איצט א נעם געטון צו פארריכטן א טאנק. די נויטיקע מכשירים האָבן זיי ערגעץ געפונען... פונקט ווי אמאָל אין די געשטאַפּאָ־ווארשטאטן, האָט דאָ פילאר אָנגעפירט מיט דער ארבעט. ער האָט אויסגעפרווט, אויסגעפּאָרשט און געזאָגט, וואָס מען דארף טון. במשך פון יענער נאכט איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער טאנק פון דער פוילישער אויפשטאנדס־ארמיי אין ווארשע. דעם אנדערן טאָג זענען צו־געקומען נאָך צוויי טאנקען. אן אָפיציעלער באפעל פון דער אויפשטאנדס־אָנפירונג האָט געמאָלדן, אז עס איז געשאפן געוואָרן די ערשטע אויפ־שטענדלערישע פאנצער־גרופע. פילאר איז געווען איר קאָמענדאנט. די פינף יידן, זיינע חברים, האָבן געהערט צו דער גרופע.

* * *

עס האָט זיך שוין פארענדיקט די גרויסע און נצחונותפולע תקופה פון ווארשעווער אויפשטאנד. מען האָט שוין ארויסגעפילט, אז עס דער־נענטערט זיך דער סוף פון די ראנגלענישן. דער אויפשטאנד האָט געהאלטן אין איינברעכן זיך. זינט צען טאָג האָט שוין פילארס גרופע געקעמפט אויף טשערניאקאָוו. נאָך א סך ראנגלענישן, ווען מען האָט מיט א נויטיק אין הארץ געמוזט פארלאָזן די גרויסע שטאָלענע קאסטנס, ווען מען האָט זיך געמוזט דורכרייכן איבער קאנאלן און פייער־ליניעס, ווען מען האָט געמוזט אָפּהאלטן צענדליקער קאמפן אויף די באריקאדן, איז פילאר אין די אויגן פון זיינע מיטקעמפערס אויסגעוואקסן צו אן אמתדיקן ריז. קיינער

האָט נישט געוווּקסט, ווען פּילאַר שלאָפט. תּמיד האָט מען אים געזען אויף זיין פּאָסטן, א וואכזאמען און גרייטן. בשעת אַן אלארם איז ער דער ערשטער געווען אויפן פּלאַץ, דער ערשטער געשטאַנען אין פייער.

און פאר זיך האָט פּילאר געהאלטן אין איין רעכענען. ער האָט געציילט די דייטשן, וועלכע ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אוועקגעלייגט. פּילאָר האָט געציילט און דער חשבון האָט אים אלץ נישט באפרידיקט. וואָס א מאָל האָט ער אלץ געדאַרפט מער דייטשע קרבנות. ביים אָנהייב האָט ער גערעכנט איין דייטש פאר יעדן דערמאָרדעטן משפּחה־מיטגליד זיינעם. נאָר שפּעטער האָט ער זיך מישב געווען, אַז דאָס איז צו ווייניק. נעמענדיק אין אכט צום ביישפּיל זיין פאָטער. אָדער דאָס קינד. צי גלייבט אויס איין דייטשע חיה־רעה דעם ווערט פון אזא טייער נפש? און פּילאר האָט געציילט ווייטער. דער חשבון איז אלץ געוואַקסן. לסוף האָט ער שוין א מאך געטון מיט דער האנט. ער האָט פארלוירן דעם חשבון, נישט געקאָנט זיך שוין דערדרעכענען.

היינט קומט פאַר א נאכט־שטורעם. מען דארף אָפּשלאָגן דאָרט אקעגן דאָס הויז, וואָס די דייטשן האָבן נעכטן איינגענומען. ווער מעלדעט זיך פרייוויליק צום שטורעם? פארשטייט זיך, אַז דער סערזשאַנט פּילאר איז דער ערשטער. ער וועט טאקע אָנפירן מיט דער אָפּטיילונג.

דייטשן באלייכטן מיט רעפלעקטאָרן דאָס גאנצע פאָרפעלד פון הויז. זיי טראַכטן אויף אזא אופן נישט צולאָזן צו זיך די אויפשטענדלער. אָבער די אויפשטענדלער קענען גוט די מלאכה פון קריכן אויף דער נאסער ערד. עס איז שוין סוף סעפּטעמבער, מען פילט שוין דעם הארבסט. פּילאר קריכט דער ערשטער. פון צייט צו צייט טאַפּט ער זיך ביים גארטל. ער וויל זיכער זיין, צי זיינע „בוטעלקעס" געפינען זיך אויפן געהעריקן אָרט. איצט האָט ער פאר זיך נאָך צוואַנציק שריט. איצט שוין בלויז צען. יאָ, דאָ איז עס שוין. דאָרט אין דעם גרוב שטייט דער וועכטער. פּילאר וואַרפט אים אריין דעם ערשטן גראנאט. מען הערט דעם אויפרייס. די אויפשטענדלער שפּרינגען ארויס פון באהעלטעניש, זיי לויפן איבער דעם באלויכטענעם שטח. די אויפרייסן פון גראנאטן מישן זיך צוזאמען מיט געשרייען און מיט די סעריע־קנאַלן פון די אויטאָמאטן. די דייטשן האָבן נישט קיין ריקצוג, זיי פארטיידיקן זיך ביז צום טויט. בלויז עטלעכע מינוט

דויערט דער געטומל פון קאמף. איצט הערט מען נאָך איינצעלנע שאָסן פון ביקסן, פונקט ווי איינער וואָלט הויך געמלאסקעט מיט דער צונג. דערנאָך ווערט שוין שטיל, דעם שטח, וואָס איז באַלייכט געווען מיט א רעפלעקטאָר, נעמט איצט ארום א טיפע פינצטערניש. באלד מעלדעט סערזשאנט פילאר דעם קאָמענדאנט:

— די אויפגאבע איז אויסגעפירט. די פאָזיציע איז אָפּגעשלאָגן. אלע דייטשן זענען אומגעקומען. ביי אונדז איין פארוווּנדעטער.

אין אן אנדערער נאכט האָבן די דייטשן שטארק אָנגעגריפן. מיט זייערע „טיגערס" האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די סאמע מויערן פון די הייזער, וואָס זענען ממש פארשיט געוואָרן דורך א האָגל פון שאָסן. די אויפשטענדלער האָבן צוריקגעשטויסן איין אָנגריף נאָכן צווייטן. וואָס א מאָל איז אָבער געוואָרן ערגער, וואָס א מאָל ענגער. בשעת אזא אָנגריף איז געפאלן דער סערזשאנט פילאר, דער ערשטער קאָמענדאנט פון דער ערשטער אויפשטענדלערישער פאנצער גרופּע אויף וואלע, דער „יודען־הע‍פטלינג" פון דער פאוויאקער תפיסה, דער פאכארבעטער פון די אויס־טאָמאָביל־ווארשטאטן פון געשטאפּאָ, דער ריז פון נקמה.

מאקע דאָרט, אויפן משעטשיאקאָוו, אין א הויף פון א חרוב הויז, האָט מען געגבן גרויסן בנין פון דער קראנקן־קאסע, געפינט זיך זיין קבר. איר וועט אים לייכט דערקענען, ווייל ער איז דעקאָרירט מיט די העכסטע פוילישע מיליטערישע אויסצייכענונגען.

דריטער טייל

# איבערלעבענישן און בילדער

## כל נדרי — אונטער געלאָדענע ביקסן

היינט איז ערב יום־כפור. די לעצטע ווארשעווער עדה האָט באַשלאָסן אײנצוּאָרדענען א מנין צו כל־נדרי. פאראיאָרן זענען נאָך געווען יידן אין די געטאָס. כל־נדרי האָבן זיי געזאָגט בציבור און צומאָרגנס זענען זיי געגאנגען דעם וועג צום טויט. מיר ווילן נאָכטון דאָס זעלבע. היינט וועלן מיר דאווענען בציבור און מאָרגן... ווער קאָן דאָ וויסן וועגן א מאָרגן? עס וועט זיין אזוי, ווי די השגחה וועט הייסן. די יידן פון פאראיאָרן האָבן זיך אזוי נוהג געווען. פארוואָס זאָלן מיר זיך אנדערש נוהג זיין? מיר זענען דאָך נישט בעסער און נישט ערגער פאר זיי.

מיר זענען דעמאָלט געזעסן אויף דער פערטער אָפּטיילונג. אלע יידן צוזאמען האָבן מיר פארנומען צוויי גרויסע זאלן. דערפאר איז טאקע לייכטער געווען דורכצופירן די זאך. נאָך דעם ווי אלע וועלן זיך אומקערן פון דער ארבעט, וועלן מיר זיך אוועקשטעלן דאווענען. אטלאסאָוויטש, אן אמאָליקער ווארשעווער מעבל־פאבריקאנט (היינט איז ער א טישלער אין די פּאוויאקער וואַרשטאטן) וועט זיין דער בעל־תפילה. קיין טלית האָבן מיר נישט, אָבער כוף כל סוף קאָן מען זיך אין אונדזערע באדינגונגען באגיין אָן א טלית. גוט, אז עס איז אונדז געלונגען פון ערגעצוו ארויסצובאקומען א מחזור. א קלייניקייט, א מחזור דאָ אין פּאוויאק.

הכלל, מיר וועלן דאווענען. איך וויל מיך מודה זיין, אז נישט אזוי

פיל צוליב פרומקייט־טעמים, צוליב דעם ווילן צו דאווענען, האָט אונדז די זאַך אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, ווי צוליב דעם באַנער כאָטש אויף אַ קורצע צייט אומצוקערן זיך צו דעם אַמאָל, פאַרבינדן דעם נעכטן מיטן היינט.

אינדערפרי זענען מיר זיך צעגאַנגען פונקט אַזוי ווי יעדן טאָג: איטלעכער צו זיין אַרבעט. עס איז געווען אָפּגעשמועסט, אַז פאַרנאַכט, ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועלן מיר זיך שטעלן דאַווענען. ביז מיטאָג־צייט איז יענער טאָג ענלעך געווען צו אַלע אַנדערע טעג. ער האָט זיך האָפענונגסלאָז געשלעפּט ביי דער שווערער אַרבעט. אָבער באַלד נאָכן מיטאָג האָט זיך פּלוצלינג עפּעס געענדערט. אַרום אונדז האָט זיך געלאָזט פילן עפּעס אַ שווערע אָנגעשטרענגטע לופט. מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען. מיר האָבן בלויז געזען, אַז אַלע דייטשן און אוקראַאינער דרייען זיך אַרום מיט אויטאָמאַטן אויף די אָרעמס (געוויינלעך האָבן זיי בלויז געהאַט רעוואָלווערן). יעדער האָט נאָך חוץ דעם אַ בינטל גראַנאַטן ביים גאַרטל. פון דער נערוועזער שטימונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעפילט ביי די רוצחים, פון זייער משוגענעם אַרומלויפן איבערן תפיסה־הויף אַהין און צוריק, האָבן מיר משער געווען, אַז עפּעס איז דאָ נישט מיט אַלעמען אין אָרדענונג.

תיכף האָבן מיר דערהערט אַ פייף פון דער אַלאַרם־סירענע. עס האָט שוין ביי אונדז געהערשט אַן אַלאַרם־צושטאַנד. דאָס אַלץ איז געווען אַ נייעס. מיר זענען צו אַזעלכע געשעענישן נישט געווען צוגעוווינט. במשך פון דער גאַנצער צייט פון מיין זיצן אין פאַוויאַק איז אפילו קיין איינציק מאָל נישט פאָרגעקומען קיין לופט אַנגריף איבער וואַרשע. זאָל עס איצט זיין אַ לופט אַנגריף? ביי יעדן פון אונדז האָט דאָס האַרץ ממש געלעכצט נאָך אַ לופט־אַנגריף. ווי גערן וואָלטן מיר דעמאָלט געוואָלט זען, ווי די באָמבעס צעטמעטשן די דייטשן, ווי זיי מאַכן אַ חורבן פון דער דייטשער טייוולאָנישער מאַשין. מיר האָבן געחלומט וועגן דעם, אַז דער פאַוויאַק זאָל בשעת אַזאַ אַנגריף צעשיט און צעברעקלט ווערן און זאָל עס זיין אפילו פאַרן פּרייז פון אונדזערע לעבנס.

הערנדיק דעם פייף פון דער סירענע, האָבן מיר געגלויבט, אַז איצט

ווערן מקויים אונדזערע חלומות. אין אונדז איז דאָס הארץ געוואקסן פאר פרייד. מיר האָבן ארויסגעקוקט אויף דעם נס.

אָבער דער לופט־אָנגריף איז נישט געקומען און דער אלארם־צושטאנד האָט שוין ביי אונדז געהאלטן עטלעכע שעה. איצט האָבן מיר שוין באמת נישט געוווּסט, וואָס צו טראכטן. מען איז געוואָרן אומרואיק. אפשר דארף גאָר פאָרקומען די ליקווידאציע פון דער תפיסה? אין אזא פאל זענען דאָך מיר יידן די ערשטע כפּרה־הניקעס. אין יענער לאגע, אין וועלכער מיר האָבן דעמאָלט געלעבט, האָבן מיר אלץ געזען פון היגטער שוואַרצע ברילן. בכן האָבן מיר אויך איצט אלץ אויסגעטייטשט צום שלעכטן.

אָבער נעמען אונדז צו דער עקזעקוציע איז מען אויך נישט געקומען. בשעת יענעם ערב יום־כּפּורדיקן נאָכמיטאָג זענען מיר, די בעדער, געזעסן אין דער באָד הינטער פארהאקטע טירן און טויערן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז מען האָט קיינעם נישט געברענגט צום באָדן זיך. מיר האָבן נישט געהאט קיין שום ארבעט. מיר זענען געזעסן און געווארט, ביז דער אלארם וועט ווערן אָפּגערופן. דער אלארם איז אָבער נישט אָפּגערופן געוואָרן און לסוף זענען מיר פון דער באָד ארויסגעפירט געוואָרן מיט א האלבער שעה שפּעטער, ווי יעדן טאָג.

אויף אונדזער אָפּטיילונג האָט אונדז איבערגענומען דער אוקראאינער קאָוואלענקאָ. מיט זיין אויטאָמאט און מיט די גראנאטן האָט ער עפּעס מאָדנע אויסגעזען. ער האָט אונדז אונטערגעשטופּט מיט דער קאָלבע און פון יעדן שטויס איז געבליבן א בלויער צייכן אויפן לייב.

— שנעלער, איר הורן זין! לויפט אריין אין דער קאמער!

מיר זענען אריינגעלאָפן אין קאמער און פאר אונדזערע אויגן האָט זיך אנטפּלעקט א נישט געוועגלעך בילד. אין א תפיסה פון דעם מין ווי דער פּאוויאק אונטער דעם יידן־מערדערישן נאצישן רעזשים, בשעת א צושטאנד פון אלארם און אונטער געלאָדענע ביקסן פון דער תפיסה־וואך, שטייט אן עדה יידן פארטיפט אין תפילה.

* * *

ביי דעם גרינלעך־ברוינעם תפיסה־טיש, וואָס האָט פארטרעטן אן

עמוד, מיטן פנים געווענדט צו מזרח איז געשטאנען אטלאסאוויטש. פון הינטן האָב איך געזען זייןברייטע פלייצע און די שפיצן פון זיינע לאנגע בלאָנדע וואָנצעס, וואָס זענען אראָפּגעהאנגען פון זיין פנים. די פלייצעס האָבן זיך יראת־שמימדיק געשאָקלט און די שפיצן פון די וואָנסעס האָבן זיך ריטמיש צוגעטרייסלט צום שאָקלען זיך פון די פלייצעס.

מיט עפּעס א געדעמפּטער שטימע, ווי נישט זיינע וואָלט זי געווען, האָט אטלאסאָוויטש געזאָגט:

— אור זרע לצדיק

— ולישרי לב שמחה

* * *

א רגע איז אטלאסאָוויטש שטיל געשטאנען. דאן האָט ער זיך אומגעקערט צו די פארזאמלטע חברים און האָט אָנגעהויבן שטיל צו רעדן, אזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אליין:

— אונדזער כל־נדרי דאָ אין דעם פארשאָלטענעם אָרט פארמאָגט איר אייגנארטיקייט און סימבאָליק. דאָס איז אונדזער המשך. דאָ שפּינען מיר ווייטער די גאָלדענע טראדיציעס פון די הייליקייטן פון אונדזערע דורות. אלץ וויל מיר זענען דווקא — מענטשן און מיר ווילן זיך נישט לאָזן בייגן פון די רוצחישע מערדער. צו להכעיס די שונאים בלייבן מיר טריי אונדזער פאָלק. אָט אין דעם באשטייט די סימבאָליק פון אונדזער היינטיקער טאָג.

— איך בין נישט קיין בעל־תפילה און מסתמא וועל איך מיט מיין דאווענען נישט באווייזן צו פארשאפן אייך דעם תענוג, וואָס נישט איינער פון אייך האָט אמאָל געהאט פון א ימים נוראימדיקער תפילה. דערפאר אָבער פיל איך, אז איך וועל אימשטאנד זיין א סך הארץ אריינצולייגן אין אונדזער היינטיקער תפילה. זאָל אונדז דער אויבערשטער מוחל זיין אונדזערע עוונות, אזוי ווי שטארק געפּרוווט מיר זענען אין אונדזערע צרות. דאָס אומשולדיקע בלוט אונדזערס זאָגט וועגן דעם עדות.

— כל נדרי ואסרי ושבועי, ותרמי, וקונמי, וקנוסי...

ביי שביתין האָט אטלאכאָוויטש אָנגעהויבן שטארק צו וויינען. זיין זון, וועלכער איז צוזאמען מיטן פאָטער געזעסן אין תפיסה, איז נראד

געשטאנען הינטער מיר. דאָס יינגל האָט מיטגעוויינט מיטן פאָטער. פון זיינע ליפּן זענען בסדר ארויסגעגאַנגען צוויי ווערטער:

— מיין מאמע...

צוזאמען מיט מיר האָט זיך פון באַד אומגעקערט דער קרומער מיעטעק. א יונגער בחור, נאָך כמעט א קינד. ער האָט נאָך אפילו נישט געהאט קיין צייט זיך צו אנטוויקלען. ער האָט לגמרי נישט פארשטאנען די תפילות און נישט געקענט דאווענען. דאָך האָט ער געוווּסט, אז ער דאַרף זיך צודעקן דעם קאָפּ. אזוי ווי ער האָט נישט געהאט קיין היטל, האָט ער זיך פארבונדן דעם קאָפּ מיט עפּעס א טוך. דער ניגון פון די יום־כפּורדיקע תפילות האָט אין אים דערוועקט עפּעס אלטע זכרונות און באזונדערע ווייטיקן. פון וואנען וויים איך עס? נישט שווער צו וויסן, ווייל מיעטעק האָט געכליפּעט אויפן הויכן קול און טרערן האָבן אים באגאָסן דאָס גאנצע פנים. ער האָט זיך מיט זיין שוואכקייט לגמרי נישט געשעמט פאר די איבריקע חברים. מעגלעך, אז ער האָט זיך דערמאָנט, אז מיט א יאָר צוריק האָט ער דעם כל־נדרי אָוונט פארבראכט צוזאמען מיט זיין מוטער. ער איז באמת געווען א העלד. פון א ווייטן מזרח־גאליציישן שטעטל האָט ער אליין אריבערגעפירט זיין מוטער קיין ווארשע. דאָ האָט ער זי ערגעצוווּ באהאלטן. אָבער וואָס איז אים פון דעם ארויסגעקומען, אז זיי זענען ביידע אריינגעפאלן. ער אליין מאטערט זיך אָט דאָ, אָבער פון דער מאמען איז אים נישט מער געבליבן ווי אן אָנדענק: א קליינער גאָלדענער צלם אויפן האלדז. — דעם דאָזיקן צלם האָט די מוטער געטראָגן, בשעת זי איז געווען אין ווארשע, כדי בעסער אויסצוגעמען אלס קריסטין. אין געשטאַפּאָ, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט אויף אייביק, האָט די מוטער אויפגעהאנגען דעם צלם אויפן זונס האלדז און געזאָגט:

— באשיצן זאָל דיך, קינד מיינס, דאָס לעצטע אָנדענקען פון דיין מאמען!

מיעטעק האָט געהאט גליק, וואָס עס איז אים געלונגען דורכצו־שמוגלען דאָס דאָזיקע שטיקל גאָלד אין פאוויאַק. אוצט צעשיידט ער זיך נישט דערמיט, ווייל דאָס איז דאָך דער איינציקער קעגנשטאנד, וואָס איז אים געבליבן נאָך דער מוטער.

— סלח נא, לעון העם הזה, כגדל חסדך וכאשר נשאתה לעם הזה ממצרים ועד הנה.

נאָך מעריב האָט עמעץ אויסגערופן:

— יידן, זאָגט קדיש!

די עדה איז געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח. פון די טרערן געבראָכענע שטימען האָבן אין א פּאַראַייניקטן כאָר וואָרט נאָך וואָרט רעציטירט:

— יתגדל ויתקדש...

— געלויבט און געהייליקט זאָל זיין דיין נאָמען!

די ציטערנדיקע שטימען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין א וויי־געשריי. די לעצטע עדה יידן אין ווארשע, די וואָס מוזן מאָרגן שטאַרבן, האָבן אָפּגעגעבן כבוד די קרבנות פון נעכטן.

* * *

דער אלארם צושטאַנד האָט אין פּאוויאַק געדויערט א גאַנצע נאַכט. וואַכמייסטערס זענען ווי משוגעים ארומגעלאָפן איבער דער תפיסה. הינט האָבן נישט אויפגעהערט צו בילן. די נאַכט איז געווען א שלאָפלאָזע צוליב דער אומעטיקייט און געדעמפּטקייט פון דער לופט, צוליב דעם אויפברויז פון די נערוון, צוליב די טויזנטער בילדער און זכרונות, וואָס האָבן זיך אויף איין מאָל געוואָרפן אויפן מוח.

נאָך מיט איין יאָר צוריק האָבן עקזיסטירט אונדזערע שטעטלעך, הגם שוין ביז אין דער העלפט אויסגעליידיקטע. דאָך האָט נאָך אָבער אין זיי געפּונקלט אביסל יידיש לעבן. עס האָט טאַקע געהאַלטן ביי גסיסה, נאָר וועגן מאָרגן האָט קיינער נישט געטראַכט. אין טאָג פון יום כפור האָט מען זיך מיט יראת־הכבוד געבויגן פאַר דעם הייליקן נאָמען. עס איז געווען נאָך נעילה — און עס האָט אויך געהאַלטן ביי נעילה פון יידישן שטעטל. שטילערהייט האָבן זיך יידן ארויסגעשאַרט פון בית המדרש. מיט איר זילבער־העלע בליקן האָט די לבנה אראָפּגעקוקט אויף די ביז צו דער העלפט חרובע יידישע הייזלעך. מיר זענען נאָך דעמאָלט געווען צוזאַמען מיט א געראַטעוועטן טייל פון אונדזערע משפחות. מען האָט גאָט געדאַנקט

דערפאר, וואָס מען אָטעמט נאָך און מען האָט געפּרוּווט צו דערקוויקן די נשמה מיט א פונק פון א האָפענונג.

מיין חבר דוד האָט דעמאָלט געקוקט דרייסט דער לבנה אין פּנים אריין, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט ארויסרופן צום קאמף אלדי בייזע כוחות, וואָס האָבן אין איר געפונען א מקום מקלט. שטיל ווי צו זיך אליין האָט דוד געזאָגט:

— פון היינט איבער א יאָר וועלן מיר שוין נישט ארויסגיין פון בית המדרש. דאָ וועט זיין פוסט און חרוב.

ווי פאר די אויגן שטייט ער מיר איצט. דוד, דער חבר מיינער, דער שווארץ־זעער, דער אָנזאָגער פון אומגליק, פון טויט און פארניכטונג.

אָט איז שוין איצט „פון היינט איבער א יאָר". דאָס שטעטל איז נישטאָ און דוד אויך נישט.

צווישן די זכרונות שניידט זיך כסדר אריין דער געהויבענער ניגון פון דער ימים־נוראימדיקער מוזיק. ער הערט נישט אויף צו קלינגען אין די אויערן. נאָר פונקט אזוי ווי ער האָט אמאָל באוואיקט און איינ־גענומען מיט זיין מילדער הייליקייט, מאכט ער איצט אויפברויזן דאָס געמיט, אויפרייצן די בלוטיקע וואונדן.

* * *

צומאָרגנס, אין טאָג פון יום כפור, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז נעכטן האָבן פוילישע קעמפערס פון דער אונטערגרונט ארמיי געהרגעט אין ווארשע א סך דייטשן. אין עטלעכע פונקטן פון דער שטאָט זענען פאָרגעקומען אמתדיקע שלאכטן. די געשטאַפּאָ האָט מורא געהאט, אז אָט וועלן די אונטערערדישע חיילות מאכן א פּרוּוו אָפּצושלאָגן דעם פּאוויאַק. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון אלאַרם־צושטאַנד אין דער תפיסה.

די פוילישע אונטערערדישע חיילות האָבן אָבער נישט געפּרוּווט אָפּצושלאָגן דעם פּאוויאַק. נישט אין יענעם ערב יום־כפור און אויך נישט שפּעטער.

# די פּליטה פון קעסל־רוים

עס האָט שוין געהאַלטן בשעת די שפּעטערע טעג פון חודש סעפּ־טעמבער (1943). ארום זעקס אזייגער אין אָוונט איז שוין געווען אינגאנצן פינצטער. מיר האָבן פארענדיקט די ארבעט אין באָד און מיר האָבן זיך געגרייט צו גיין אויף אונדזער פערטע אָפּטיילונג, ווו מיר זענען נאָך דעמאָלט געזעסן (ווי באוווסט זענען מיר שפּעטער אריבער אין וואַר־שטאָט־בנין).

שטייענדיק שוין ביי דער טיר פון באָד, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט פון דער נאָענט א יאָמערן:

— יעזוס מאריא! זיי זענען אלע אנטלאָפן.

— וואָס איז געשען? — האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן.

מיר זענען ארויס אויפן הויף. עס איז שוין דאָ געווען א באוועגונג. אוקראַינער זענען זיך צוזאמען געלאָפן. צווישן זיי האָט דאָס רעדל געפירט קורט נאָוואָטני, א דייטשער אָרעסטירטער, וואָס איז פריער געווען א זשאַנדאר, וואָס איז אָבער צוליב זיינע באנדיטישע מעשים ארייננעפאלן אין תפיסה. אגב איז כדאי צו באמערקן, אז דער דאָזיקער נאָוואָטני איז אין פאוויאַק געווען נישט קיין פּשוטער יחסן. ער האָט דאָ געהאט מער איינפלוס, פון אלע וואכמייסטערס און זיין באציאונג צו די אָרעסטירטע און בפרט צו יידן איז געווען א זייער שלעכטע.

דער גאנצער טומל איז פאָרגעקומען אונטער די פענצטער פון קעסל־רוים, וואָס איז אָנגעשלאָסן געווען צו דער באָד, הכלל, הארט נעבן אונדז. אין קעסל־רוים אינעווייניק, הינטער א פארמאכט פענצטער, איז געשטאנען דער פּוילישער תפיסה־וועכטער, וועלכער האָט פון די אָרעס־טירטע באקומען דעם צונאָמען „פּעלוש". „פּעלוש" איז געשטאנען אן איינגעבויגענער און איינגעקאָרטשעטער. די הענט האָט ער געהאט פון הינטן צוגעבונדן אויף די פּלייצעס. ער האָט געהאלטן אין קלאָגן און יאָמערן. נאָוואָטני איז שוין געשטאנען ביי דער טיר. ער האָט זיך גענומען זי אויפרייסן.

תיכף זענען מיר געוואָר געוואָרן די פאָלגנדע פּרטים: סיפּ 15־20

מינוט צוריק זענען פון קעסל־רוים אנטלאָפן זיבן ארעסטירטע. עס זענען געווען זעקס ארבעטער פונעם קעסל־רוים גופא, פון זיי פינף יידן: קאפלאן, יאס, זאיאָנטשקאָווסקי, ראָזענבלאט און לאָך און דער פּאָליאק וועלכן מיר האָבן געקענט אונטערן נאָמען העניעק. דער זיבעטער איז געווען דינער, א יידישער שוסטער פון די קליינע ווארשטאטן.

זייער פּלאן פון אנטלויפן איז געווען א גאנץ פשוטער און דערפאר טאקע זענען אין אים געווען אלע אויסזיכטן פאר א דערפאָלג. דער בנין פון קעסל־רוים (אגב פונקט אזוי ווי פון דער באָד) האָט מיט זיין הינטערשטער וואנט דירעקט געגרענעצט מיט דער פּאווויא־גאס. איבערן קעסל־רוים איז געווען א בוידעמל, וועמענס אויבערלעכע וואנט איז געווען צוזאמענגעשלאָגן פון דיקע ברעטער. איז טאקע געווען געווען מיט א האק ארויסקלאַבן א ברעט פון דער וואנט און עס איז שוין פארטיק געווען אן אָפן לאָך דירעקט אויף דער פּאוויא־גאס. אזוי ווי דאָס בוידעמל האָט זיך געפונען אויף א הויך פון אן ערך זעקס מעטער איבער דער גאס, האָט מען בלויז באדארפט אָנבינדן א שטריק און זיך מיטן שטריק אראָפּלאָזן אין גאס און דער וועג אין געטאָ איז פריי. ווען דאָס גליק וועט צושפּילן, און הארבסט־צייט, ווען די נאכט פאלט פרי צו און עס איז פינצטער, זענען רעדויף פאראן אויסזיכטן, וועט מען אומבאמערקט פון קיינעם דורכלויפן דעם געטאָ־שטח, ערגעצוואו אריבערשפּרינגען די מויער און מען איז שוין אויף דער פריי.

די ארבעטער פון קעסל־רוים איז באמת געווען מיט וואָס מקנא צו זיין. אזא גינסטיקע געלעגנהייט פון מאכן פּליטה האָט חוץ זיי קיינער נישט געהאט אין גאנצן פּאוויאק.

אין דעם עסק איז געווען בלויז איין שוועריקייט. ווי אזוי גיט מען זיך אן עצה מיט „פּעלושן”, וואָס איז דאָך געזעסן אין קעסל־רוים, כדי צו היטן די ארעסטירטע. אונדזערע ייִנגלעך האָבן אָבער געהאט דורכגע־טראכט אויך דעם ענין „פּעלוש”. אונטער דעם קעסל־רוים איז געווען א קעלער און אינעם קעלער איז געווען אינסטאלירט די מאָטאָפּאָמפּע, וועלכע האָט געדריקט דאָס הייסע וואסער אין אלע וואסער־אינסטאלאציעס פון דער תפיסה. די ייִנגלעך האָבן אלזאָ באשלאָסן ארייַנצונארן „פּעלושן” אין קעלער און דאָרט אים ארעסטירן. אזוי ווי דער קעלער איז געווען גוט

איזאָלירט פון גאַנצן אַרום, וואָלט דאָרט דער געפאַנגענער געקאָנט מאַכן יעלות גאַנצע טעג און קיינער וואָלט אים נישט געהערט. די יינגלעך האָבן זיך שוין פאָראויס געפרייט אויפן סאַמע געדאַנק, אַז זיי וועלן אָפטון אַזאַ שפּיצל דעם פאַרהאַסטן און שלעכטן „קלאַוויש".

אַזייגער פינף פאַרנאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען אין דרויסן. סטאַשעק דינער, דער יידישער שוסטער פון די קליינע וואַרשטאַטן, איז צוגעגאַנגען צום אוקראַאינישן וואַכמייסטער קודים און געבעטן, ער זאָל אים היינט פריער באַפרייען פון דער אַרבעט, ווייל ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען און וויל זיך היינט פריער לייגן שלאָפן. אַזוי ווי קודים איז נישט געווען פון די שלעכטע אוקראַאינער, האָט ער דינערן באַפרייט און אָפּגעלאָזט פון די וואַרשטאַטן. קודים האָט אָבער אָפּגעטון אַ זאַך, וואָס איז געווען אין סתירה צו די תפיסה־פאָרשריפטן. ער האָט געהאַט דעם חוב צו באַגלייטן דינערן ביז צו דער אָפּטיילונג און דאָרט איבערגעבן אים אין די הענט פון אָפּטיילונגס־וואַכמייסטער. קודים האָט דאָס נישט געטון, ער האָט דינערן אָפּגעלאָזט אַליין און דערפאַר האָט אויך קודים געהאַט שפּעטער אויסצושטיין צרות. דערפאַר אָבער, איז די זאַך פאַר דינערן געווען אין יענעם מאָמענט פשוט אַ גליק. אַנשטאָט אויף דער אָפּטיילונג איז ער געגאַנגען אין קעסל־רוים.

דינערס אָנקומען אין קעסל־רוים האָט נישט געוועקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. דינער איז באַקאַנט געווען אַלס דער פריינט פון ראָזענבלאַטן און לאַכן און אָפט פלעגט ער זיי באַזוכן. דעם קלאַוויש פעלוש האָט דינערס אָנקומען לגמרי נישט געאַרט. דערפאַר אָבער האָט פאַר די יינגלעך פון קעסל־רוים דינערס אָנקומען באַדייט אַ צייכן פאַר אָנצוהויבן די אַרבעט.

איינער פון די יינגלעך איז אַרויסגעלאָפן פון קעלער און געמאָלדן פעלושן:

— פאַניע שעפיע, די מאַטאָ־פּאָמפּע איז שטיין געבליבן.

— וואָס אַזעלכעס? — האָט זיך פעלוש אויף אַן אמת דערשראָקן

— די פּאָמפּע. אַ שיינע מעשה.

אַן אויפגעקאָכטער איז פעלוש געלאָפן די טרעפּ אַראָפּ אין קעלער אַריין. צוויי יינגלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זענען שוין אַלע

געווען אין קעלער, האָבן זיך די יינגלעך געוואָרפן אויף פעלושן. זיי האָבן אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד און גענומען אים בינדן. פעלוש האָט מסתמא געשריגן געוואַלט, אָבער קיינעם האָט עס נישט געאַרט, ווייל פון דעם טיפן קעלער האָט מען זיינע יעלות נישט געקאָנט הערן אין דרויסן.

בשעת די צוויי יינגלעך האָבן אין קעלער געבונדן דעם קלאַוויש, האָבן די איבריקע ארויפגעקלעטערט אויפן בוידעם, מיטגענעמענדיק א האַק און א שטריק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער לאַך איז געווען פאַרטיק. א יינגל — א שליח איז אַראָפּגעקומען אין קעלער און מודיע געווען, אַז אַלץ איז שוין פאַרטיק. איצט האָבן די צוויי יינגלעך אין קעלער געטון א לייכטזיניקייט. זיי האָבן אין דער העלפט ארבעט אָפּגעלאָזט פעלושן און האָבן זיך געלאָזט לויפן אויפן בוידעם. במשך פון עטלעכע רגעס זענען זיי אַלע נעלם געוואָרן.

די לייכטזיניקייט פון די צוויי יינגלעך האָט זיך אָבער נוקם געווען אין דער גאַנצער גרופּע. פעלוש איז געווען נישט גענוג גוט געבונדן. מען האָט אים געדאַרפט בינדן מיט די הענט פון הינטן און דערנאָך נאָכאַמאָל צובינדן אים מיט די הענט און פיס צו א שטעקן. וואָלט ער אַזוי געווען געבונדן, וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט רירן פון אָרט. איבריקנס האָבן די יינגלעך געהאַט נאָך א גוטן אויסוועג. זיי האָבן דאָך פעלושן געקאָנט גלאַט אריינוואַרפן אין ברענענדיקן קעסל. ער וואָלט דאָרט פאַרברענט געוואָרן אויף אש און קיין זכר אפילו וואָלט נאָך אים נישט געבליבן. סוף כל סוף איז דער דאָזיקער פעלוש באמת ווערט געווען אַזא גורל.

עס איז אָבער, צום באַדויערן, אַזוי נישט געשען. די יינגלעך זענען געווען צו שוואַך, כדי פולשטענדיק און בשלמות אָפּצוטון א זאַך. דער שלעכט געבונדענער פעלוש האָט זיך נאָך עטלעכע מינוט פון ראַנגלענישן אַזוי ווייט באַפרייט פון די באַנדן, אַז ער איז אימשטאַנד געווען מיט אייגענע כוחות ארויסצוקריכן פון קעלער. דערנאָך האָט ער זיך צוגע־שלעפּט צום פענצטער און דאָס איז שוין געווען דער אָנהייב פון אַלאַרם. תיכף האָט מען פון דער תפיסה גענעבן צו וויסן אין דער זשאַנדאַרמעריע. אַן אָפּטיילונג פון זשאַנדאַרן איז תמיד אָנגעזעצט געווען אויפן געטאָ־שטח



פון רעכטס צו לינקס: דער וואכמייסטער פון דער יידן־אָפּטיילונג קנעדעלזעגער; דער רוצח קורט נאָוואָטני און דער וואכמייסטער פון דער אַכטער אָפּטיילונג אַלפּמאַן.
אין הינטערגרונט דער הויפּט־בנין פון פּאוויאַק מיט די פענצטערלעך פון דער צווייטער אָפּטיילונג.

און דאָס ארומשטעלן די געסטאָ־סויערן איז געווען אן ענין פון נישט מער, ווי עטלעכע רגעס.

מיר האָבן קאלטבלוטיק אָפּגעשאצט די לאגע. דער אלארם איז אנגעהויבן געוואָרן לכל הפחות מיט צען מינוט צו פרי. די דאָזיקע צען מינוט — האָבן מיר משער געווען — וועלן גורם זיין דאָס אומגליק פון די זיבן ייִנגלעך.

דערווייל איז קעגן אונדז אין פאוויאק פארשארפט געוואָרן דער רעזשים. היינט האָט מען אונדז פריער, ווי אלע מאָל פארמאכט אין די קאמערן. מיר זענען שטיל געזעסן און יעדער האָט געטראכט וועגן דעמ־זעלבן: הלוואי זאָל זיך אונדזערע ייִנגלעך איינגעבן דער ויברח. זייער זיבן איז שוין ביי אונדז געווען אויסגעלאָשן דאָס ליכט. מיר זענען וואך געלעגן אויף די שטרויזעק, צוגעהערט זיך צו יעדן שאָרך פון דרויסן. אונדזערע פענצטער זענען ארויסגעגאנגען פונקט אויפן טויער פון דער תפיסה און קיין איינציקע זאך, וואָס וואָלט זיך אָפּגעשפילט ביים טויער, וואָלט נישט געקאָנט אנטרינען אונדזער אויפמערקזאמקייט. באלד האָבן מיר טאקע געהערט, ווי עס האָט זיך געעפנט דער טויער. עס איז ארייגעפאָרן אן אויטאָמאָביל. מיט א רגע שפּעטער האָבן מיר געהערט אָפּקלאַנגען פון מערדערישע קלעפּ. עמעץ האָט געשריגן און געיאָמערט, בייטשן האָבן געפייפט, די פאוויאקער הינט האָבן געבילט, נעכארטשעט און משוגע זיך געוואָרפן. תיכף איז אָנגעקומען א צווייטער אויטאָמאָביל. די יעלות און קולות האָבן זיך פארשטארקט, פארטאָפּלט.

עס איז געווען קלאָר, אז אונדזערע אנטלאָפענע חברים האָט מען געכאפּט און מען האָט זיי צוריקגעברענגט אין פאוויאק. פאר אויפרעגונג האָבן מיר אלע געציטערט, ווי די פיש. מיר זענען נישט געווען בכוח ארויסצוקוקן דורכן פענצטער, ווייל דאָס, וואָס מיר האָבן בלויז געהערט, איז גענוג געווען, כדי צו פארשטיין, אז די געכאפּטע פליטים ווערן דאָרט פארפייניקט ביז צום טויט. דאָך האָט איינער פון אונדז געכאפּט א בליק אין פענצטער. דערנאָך האָט ער דערציילט, אז קורט נאָוואָטני, דער ארעס־טירטער דייטשער זשאנדאר פירט דאָס רעדל ביים שלאָגן די פליטים. דער דאָזיקער רוצח האָט פארשאפט די גרעסטע יסורים די אומגליקלעכע.

במשך פון יענער נאכט האָט קיינער ביי אונדז נישט צוגעמאכט

קיין אויג. דאָס מערדערישע שלאָגן האָט גאָר לאַנג געדויערט און צוויי מאָל האָט מען פון אונדזער אָפּטיילונג ארויסגערופן ארעסטירטע צום וואשן די קאָרידאָרן פון בלוט.

צומאָרגנס זענען מיר געוואָר געוואָרן די פּרטים. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער גאַנצער אויפטו איז שוין ביים אָנהייב געווען א שלימזלדיקער. ביים ארויפלאָזן זיך פונעם בוידעם האָט זיך ראָזנבלאט צעבראָכן א פוס. אזוי ווי ער האָט געפילט, אז ער קאָן ווייטער נישט גיין, האָט ער זיך דערשלעפּט צו א נאָענטער חורבה, וואָס זענען דעמאָלט א סך געווען אין געטאָ. דאָרט האָט ער זיך אליין מיט א ראזיר־מעסער איבער־געשניטן די אָדערן. זיין טויטן גוף האָבן די דייטשן געפונען צומאָרגנס.

די איבריקע זעקס זענען אין איינקלאַנג מיט זייער באשלאָסענעם פּלאַן געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער געטאָ־מויער. אָבער דערווייל איז שוין די זשאנדארמעריע געווען אלארמירט. נעבן דער מויער האָבן אָפּגע־וואַרט די פּליטים דייטשע זשאנדארן. לאַך און יאָס זענען דערשאָסן געוואָרן ביים אנטלויפן. די איבריקע פיר: קאפּלאַן, זאיאָנטשקאָווסקי, דינעס און דער פּאָליאַק העניעק, זענען צוריקגעפירט געוואָרן אין פּאוויאַק. פון די דאָזיקע פיר יינגלעך איז קאפּלאַן אמשרעקלעכסטן צעשלאָגן געוואָרן. ביידע אויגן זענען אים אויסגערונען. צומאָרגנס האָט ער טאַקע אויסגעהויכט די נשמה. די פארבליבענע דריי זענען איינגעזעצט געוואָרן אין דער פינצטערער קאמער, ווו זיי האָבן געדארפט זיצן גאַנצע 14 טעג.

* * *

דער לעצטער אקט פון דאָזיקן קאפּיטל האָט זיך אָפּגעשפּילט טאַקע מיט פערצן טעג שפּעטער, ווען די דריי פּליטים האָבן פארענדיקט זייער אָפּזיצן די שטראָף אין קארצער. לויט אן אָפיציעלן פּסק דין פון דער געשטאַפּאָ זענען זיי פארמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. מיטן דאָזיקן „פּסק דין" האָבן זיך די רוצחים געהאלטן אין איין צאצקען. זיי האָבן אים געלאָזט אין עטלעכע עקזעמפּלארן איבערדרוקן אויף א מאשין און צעקלעפּט אים אין די אַנזעבארע ערטער אויפן תפיסה־הויף. מיר האָבן פשוט געשטוינט. זעקס מיליאָן יידן האָט מען אומגעבראכט אָן

שום פסק דין און דאָ מאַכן זיי נאָר זוענן צוויי יידישע פליטים א גאנצן משא ומתן.

די עקזעקוציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן „פייערלעך” אויפן פאַוויאַקער הויף. אַלס תלינים זענען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי אַנדערע יידישע אַרבעטער פון קעסלערזים. אַלס תליה האָט געדינט די גרויסע משא־וואָג, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון תפיסה־טויער. די וואָג איז געווען געבויט הויך. די פעטלעם האָט מען צוגעבונדן צום אויבערשטן אייזן פון דער וואָג. אונטן האָט מען אַרונטערגעשטעלט א באַנק. די פאַרמשפטע וועט מען אַוועקשטעלן אויף דער באַנק. דאַן וועט מען צובינדן די פעטלעם אַרום די העלדזער, אַוועקרוקן די באַנק און דער עסק איז געענדיקט.

איך האָב פון דערווייטנס געזען, ווי מען האָט געפירט די פאַרמשפטע. זיי זענען געווען בלייך און אויסגעמאַטערט, קוים געגאַנגען אויף די פיס. דאָך האָט זיך ביי זיי נישט געמערקט קיין שום שפור פון פחד. אַלבערטס האָט געלייענט דעם אורטייל, דער רוצח וויפענבעק איז געשטאַנען מיט א שטאָלענער בייטש אין האַנט. נאָכן איבערלייענען דעם אורטייל האָט וויפענבעק געהייסן די צוויי יידן, וואָס זענען באַשטימט געווען אַלס תלינים, צובינדן די פעטלעם. די יידן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. וויפענבעק האָט זיך צו זיי א לאָז געטון מיט דער בייטש. אַלבערטס האָט אים צוגעהאַלטן:

— לאָז געמאַך.

וויפענבעק איז א רגע געשטאַנען א בלאַסער. דאַן האָט ער מיט שנעלע באַוועגונגען אַליין צוגעבונדן די פעטלעם.

— נעמט אַוועק די באַנק! — האָט וויפענבעק באַפוילן די צוויי יידן־תלינים. זיי זענען אָבער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי נישט זיי מיינט מען.

וויפענבעק האָט זיי ביידן אָנגעקוקט, געמורמלט עפּעס שטילערהייט און אַליין אַוועקגעריסן די באַנק. די פאַרמשפטע זענען געבליבן הענגען מיט אויסגעשטאַרטע צונגען און איבערגעדרייטע ווייסלעך פון די אויגן. שטיל אָן א וואָרט האָבן זיי אויסגעהויכט די נשמות.

וויפענבעק האָט זיך געווענדט צו די צוויי יידן, וואָס זענען אויפ־

נערעגטע און בלייבע אלץ נאָך געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויף דעמזעלבן אָרט:

— איר האָט געזען, וואָס עס איז געשען מיט די, וואָס האָבן גע־פּרוּווט צו אַנטלויפן פון אַ דייטשער תפיסה? דאָס זעלבע וועט אייך אין דער צוקונפט געשען מיט די אַנדערע, וואָס וועלן פּרוּוון צו אַנטלויפן. איצט גייט צו אייערע קאַמעראַדן און דערציילט זיי אַלץ.

די געהאַנגענע זענען אַ גאַנצן מעת־לעת געהאַנגען אונטער דער וואַך.

## אַ באַגעגעניש מיט ד״ר עמנואל רינגעלבלום

איך דערמאָן מיך אין די פּרילינגס טעג פון יאָר 1944. די הערלעכע פּאַר פּסחדיקע לופט מיט איר זוניקער וואַרעמקייט האָט באמת געקאָנט באַהויכן מיט האָפענונג מענטשן, וואָס האָבן שוין זינט לאַנגע יאָרן געלעבט אונטערן בלוטיקן יאָך פון נאַצישן אָקופּאַנט. די דאָזיקע לופט, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די מזרח־ווינטן געבראַכט ידיעות וועגן איינ־ברעכן זיך פון די דייטשע פראָנטן, איז שוין געווען די אָנזאָגערין פון גייע גרויסע געשעענישן, וואָס וועלן ברענגען די באַפרייאונג פאַרן מענטש און די אויסגעחלומטע רו נאָך יאָרן פון לײַדן און פּיין.

די דאָזיקע לופט האָט אַוודאי געהאַט איר השפּעה אויף יענע, וואָס זענען נאָך געבענטשט געווען מיט דער גרויסער ברכה פון זיין פריי, הגם זייער פרייהייט איז געווען אַ רעלאַטיווע, הגם איבער דעם גאַנצן לאַנד, ווו זיי האָבן געלעבט איז געלעגן דער תוהם פון געפאַנגענשאַפט, פון אַרעסט. אָבער צו אונדז, די וואָס זענען שוין געווען אין דער נעץ פון דער ווילדער חיה, האָט די דאָזיקע לופט נישט געהאַט קיין שום שייכות. נאָך ווייניקער שייכות האָט זי געהאַט צו יענע, וואָס זענען אין יענע פרילינגס טעג אַריינגעפאַלן און האָבן געמוזט שטאַרבן דווקא אין דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אָט שטייען זיי פאַר דער ישועה.

די דאָזיקע לופט האָט אויך נישט געהאַט קיין שייכות צו דר. עמנואל רינגעלבלום מיט זיין פרוי און זון, וואָס זענען פונקט אין יענער פרילינגס־צייט אַריינגעפאַלן אין פּאַוויאַק. דעם צווייטן טאָג אינדערפרי האָבן מיר שוין געוווּסט פון רינגעלבלומס אָנוועזנהייט אויף דער טויטן

קאמער. צווישן אונדזערע יידישע ארעסטירטע איז דער נאָמען רינגעלבלום געווען באקאנט. נישט בלויז א דאנק דעם, וואָס מיר האָבן ביי זיך געהאט א באדייטנדיקע צאָל יידישע אינטעלעקטועלע, וועמען עס איז נישט געווען פרעמד רינגעלבלומס וויסנשאפטלעכע ארבעט, נאָר עמך האָט אים אויך געקענט פון יענע צייטן, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט א וויכטיקער געזעלשאפטלעכער און הילפס־ארבעט אין ווארשעווער געטאָ.

הגם דער פאוויאק איז געווען איזאָלירט פון דער וועלט, זענען דאָך צו אונדז דערגאנגען ידיעות וועגן די פרטים פון רינגעלבלומס ארייננפאלן. מען האָט געוווּסט צו דערציילן, אז ער איז צוזאמען מיט א גרופע פון 32 יידן געזעסן באהאלטן אין א בונקער אויף גרויעצקא גאס, ביי א פויללישן גערטנער. א געליבטע פונעם גערטנער האָט צוליב נקמה־טעמים —ווייל זי האָט געהאט געוויסע חשבונות מיט איר געליבן— געמסרט די באהאלטענע יידן פאר דער דייטשער פאָליציי. מען האָט אפילו דערציילט, אז דעם גערטנער גופא האָבן די דייטשן געהאנגען תיכף אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ זיי האָבן געפונען די באהאלטענע יידן.

די פאוויאקער יידן האָבן שטארק געוואָלט ראטעווען פון טויט די נייע קרבנות. נאָר וואָס משטיינס געזאָגט האָבן מיר שוין געקאָנט אויפטון? די איינציקע האָפענונג איז באשטאנען אין גוטמאנען. זאָל ער, גוטמאן, גיין צום תפיסה קאָמענדאנט און בעטן אים, אז רינגעלבלום זאָל צוגעטיילט ווערן צו אן ארבעט. מיט גוטמאנען איז די זאך טאקע זייער לייכט דורכגעגאנגען. ער האָט געקענט רינגעלבלומען און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז מען האָט רינגעלבלומען געברענגט אין פאוויאק, איז ער ממש אויסער זיך געווען פון עגמת־נפש.

— מיר וועלן פרוּוון עפּעס אויפצוטון — האָט ער פארזיכערט און תיכף האָט ער גענומען זוכן א וועג צום קאָמענדאנט פיטש.

באמת מיט א ברען האָט זיך גוטמאן גענומען צו דער זאך און ביי אונדז איז איצט געוואקסן די האָפענונג, אז רינגעלבלום וועט קומען צו אונדז. דערווייל האָבן מיר באשלאָסן איבערצושיקן רינגעלבלומען לכל הפחות א טרייסט־וואָרט. עס איז אָבער כמעט אוממעגלעך געווען צוצוקומען צו דער טויטן־קאמער. איך אלס דעזינפעקטאָר האָב געהאט די מעגלעכקייט אונטער גוט דורכגעטראכטע תירוצים ארייננצוקומען אמאָל

אין די פארשידענע אפטיילונגען פון דער תפיסה. דאָך אָבער האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פארא תירוץ איך קאָן געפינען, כדי צוצוקומען אין דער טויטן־קאמער. יעדנפאלס האָב איך באשלאָסן אונטער אלע באדינגונגען דורכצורייסן זיך צו רינגעלבלומען און איבערגעבן אים דעם גרוס פון דער לעצטער עדה אין ווארשע.

זייער שווער איז מיר אָנגעקומען די זאך, אָבער סוף כל סוף בין איך נאָך דעם זעלבן אָוונט געווען אין דער טויטן־קאמער. די צייט פון מיין זיין דאָרט איז געווען ביז גאָר א באגרענעצטע. מיין באגעגעניש מיט רינגעלבלומען האָט געדויערט סך הכל עטלעכע מינוט, אָבער די דאָזיקע ווייניקע מינוטן האָבן זיך שטארק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

די קאמער איז געווען פול געפאקט מיט מענטשן. דאָס זענען מסתמא געווען רינגעלבלומס בונקער־חברים. ער אליין איז געזעסן אויף א שטרויזאק הארט נעבן דער וואנט, אויף וועלכער עס זענען געווען אויס־געקריצט מיט נעגל הונדערטער נעמען פון מענטשן, וואָס זענען איבער דער דאָזיקער קאמער דורכגעגאנגען זייער לעצטן וועג. רינגעלבלום האָט אויף זיין שויס געהאלטן א היפש יינגל. דאָס איז געווען זיין זון אורי.

ווען איך האָב מיך דערנענטערט צו רינגעלבלומען, האָב איך, נישט פארלירנדיק קיין צייט, תיכף אים געזאָגט, אין וועמענס שליחות איך בין געקומען. איך דערמאָן מיך, אז רינגעלבלום האָט זיך שטארק געוואונדערט, ווען ער האָט געהערט, אז אין דער תפיסה זענען נאָך פאראן יידן.

דאן האָב איך אים דערציילט, אז מיר מאכן באמיאונגען, כדי אים ארייננצוכעמען צו אונדז.

— און וואָס וועט זיין מיט אים? —האָט ער מיך געפרעגט, ווייזנדיק מיטן פינגער אויפן זון— און וואָס וועט זיין מיט דער פרוי, וואָס זיצט ביי די פרויען?

וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? מיר האָבן אלע געוווּסט, אז אויב עס וועט זיך אונדז איינגעבן ארויסצונעמען רינגעלבלומען צו אונדז, מאכנדיק אויס אים א שוסטער אָדער א שניידער, טאָ יעדנפאלס איז זיין משפחה פארלוירן. רינגעלבלום האָט דעם דאָזיקן אמת ארויסגעפילט פון מיין שווייגן און באלד האָט ער טאקע צוגעגעבן:

— איך וויל בעסער גיין אויף קדוש השם צוזאמען מיט זיי.

שפעטער האָט ער מיר דערציילט, ווי אזוי ער איז געפייניקט געוואָרן אין געשטאפאָ. די רוצחים האָבן פון אים געוואָלט ארויסבאקומען די אדרעסן פון די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געווען פארבונדן אויף דער ארישער זייט. זיי האָבן אים אויך געפרעגט וועגן זיין טעטיקייט פון דער לעצטער צייט. רינגעלבלום האָט נישט געזאָגט גאָרנישט און דערפאר האָבן אים די מערדערס געשלאָגן במשך פון דריי גאנצע טעג. ער האָט מיר געוויזן ברוין און בלויע צייכנס אויפן גאנצן לייב. צייכנס פון מערדערישע קלעפ.

אין מיטן געשפרעך האָט ער מיר פלוצלינג געשטעלט א פראגע:

— איז דער טויט א שווערער?

און א ביסל שפעטער האָט ער צוגעגעבן מיט א קול, געבראָכן פון יאוש:

— וואָס איז ער שולדיק, דער קליינער — האָט ער ווידער מיטן פינגער געוויזן אויף דעם יינגל — צוליב אים ווייטיקט מיר שטארק דאָס הארץ.

איך בין פאר רינגעלבלומען געשטאנען אן אומבאהאָלפענער. נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן, און אין מיר האָט אויך געווייטיקט דאָס הארץ.

* * *

די הברים האָב איך ווערטלעך איבערגעגעבן מיין גאנצן שמועס מיט רינגעלבלומען. מען האָט באשלאָסן נישט צו לייגן קיין אכט אויף רינגעלבלומס ווונטש צו שטארבן צוזאמען מיט זיין משפחה. גוטמאן האָט צוגעזאָגט פארצונעמען זיינע באמיאונגען.

גוטמאן איז געווען ביי פיטשן. ער האָט אים געזאָגט, אז רינגעלבלום איז אן אויסגעפרוווטער קאמאשן־מאכער און אז ער וועט שטארק צונויץ קומען אין די ווארשטאטן. פיטש איז גראד געווען אין א גוטער שטימונג און האָט צוגעזאָגט גוטמאנען, אז רינגעלבלום וועט באשטימט צוגעטיילט ווערן צו אן ארבעט.

דעם דריטן טאָג, ווען מיר זענען פון די קאמערן ארויסגעפירט געוואָרן צו דער ארבעט, האָבן מיר זיך דערוווסט, אז די נעכטיקע יידן זענען

שוין נישטאָ אין דער טויטן־קאמער. פאַרטאָג האָט מען זיי ארויסגעפירט מיט אויטאָמאָבילן אין די חורבות פון זאמענהאָף־גאס 19 און דאָרט זיי דערשאָסן. מיר האָבן דעם גאנצן טאָג געזוארט, האָפנדיק אז רינגעלבלומען וועט מען ברענגען צו אונדז. מיר זענען געווען זיכער, אז נאָך דעם צוזאָג פון תפיסה קאָמענדאנט האָבן אים די דייטשן איבערגעלאָזט א לעבעדיקן. רינגעלבלום איז אָבער צו אונדז נישט געקומען און דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָט דער קאָמענדאנט פיטש צופעליק באגעגנט גוטמאנען אויפן תפיסה־הויף, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט א ביטולדיקן שמייכל אָנגערופן:

— וויסטו, גוטמאַן, דער דאָזיקער רינגעלבלום איז נישט קיין קאמאשן־מאכער. נאָר אזוי ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט, אז ער וועט גיין צו אַן ארבעט, איז ער טאקע היינט פרי אהין געגאנגען צו אַן ארבעט.

פיטש האָט בשעת מעשה געוויזן מיט דער האנט די ריכטונג פון געטאָ.

עס איז שוין קלאָר געווען, אז רינגעלבלום איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די איבריקע יידן און צוזאמען מיט זיין משפחה.

## פארווילונגען

כדי צו געבן א בילד פון לעבן פון די יידישע ארעסטירטע אין דער פאוויאק־תפיסה, מוז איך לכל הפּחות אין קורצע שטריכן באשרייבן די אייגנארטיקע פארווילונגען, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם אינהאלט פון געוויסע פרייערע שעהן פון אונדזער פינצטער לעבן. דער כּלל, אז „מיט אלע צרות קאָן זיך דער מענטש איינלעבן", האָט זיך באשטעטיקט אין זיין פולסטן זין דאָרט אין דער בלוטיקער הייל פון דער נאצישער חיה. ווען דער קאָשמאר, וואָס איז שטענדיק איבער אונדז געהאנגען, האָט אויף א ווײַלע אָפּגעטרעטן, האָט זיין פּלאַץ פארנומען א פרייערער געדאנק און א לייכטער געמיט.

איך בין ווייט פון באהויפּטן, אז די געמיטער פון די פאוויאקער יידן זענען געווען אזוי לייכט, אז עס האָבן אויסגעפעלט בלויז די פארווי־לונגען. בשום אופן נישט. דאָס לעבן אין די אומשטענדן פון א פערמאַ־נענטער אומזיכערקייט, דאָס שטענדיקע געפיל פון פחד, האָט סוף כּל סוף

געמוזט ארויסרופן ביי מענטשן די רעזיגנאציע. נאָר די דאָזיקע רעזיגנאציע האָט זיך נישט פארוואנדלט אין פארצווייפלונג, אין יאוש. זי האָט זיך גיכער פארוואנדלט אין אן איינשטעלונג פון א מין הפקרות: „אונדזער לעבן איז טיי ווי גאָרנישט ווערט, מען דארף עס נישט נעמען ערנסט".
דער דאָזיקער געדאנק באצייכנט אמריכטיקסטן די מענטאליטעט פון דורכשניטלעכן יידישן ארעסטירטן אין פאוויאק. פארשטייט זיך, אז עס זענען צווישן אונדז געווען יחידים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א טיפערן בליק אין דער ווירקלעכקייט, וואָס האָבן אפילו געזען אין אפגע־שאצט די שליחות פון דער לעצטער וואַרשעווער עדה. די דאָזיקע יחידים האָבן שטילערהייט און אומבאמערקבאר משפיע געווען דעם דורכשניטלעכן עולם. אדאנק דער דאָזיקער השפעה האָבן די פאוויאקער יידן ארויסגעגעבן פון צווישן זיך די גרויסע צאָל קעמפערס אין ווארשעווער אויפשטאנד. אדאנק אים איז אונדזער נאציאָנאלער רעיון טיף איינגעוואָרצלט געוואָרן אין די נשמות פון אונדזערע חברים.
דער דורכשניטלעכער יידישער ארעסטירטער אין פאוויאק האָט זיך איינגעלעבט מיט זיינע טאָג־טעגלעכע צרות. ער האָט שווער אפגעארבעט דעם טאָג. די דערנידערונגען און די קלעפ בשעת דער ארבעט האָט ער אָנגענומען ווי עפּעס א נאטירלעכקייט. דערפאר אָבער נאָכן אומקערן זיך אין דער אָפּטיילונג, נאָך דעם, ווי ער איז געבליבן צווישן די זייניקע, אָן דער דירעקטער אויפזיכט פון די רוצחים, האָט ער געזוכט א מעגלעכקייט פון א פרייען פארברענגען די דאָזיקע געציילטע מינוטן. ער האָט זיך געוואָלט פארגעסן אויף א ווײַלע. אָט פון דעם האָט זיך גענומען דער אָנהייב פון אונדזערע פארוויילונגען אין דער תפיסה פאוויאק.
פארשידנארטיק זענען געווען די דאָזיקע פארוויילונגען. א טייל יינגלעך, וועלכע האָבן געארבעט אין די גאראזשן, האָבן מיטגעבראכט פון דער שטאָט ביכער, וועלכע זיי האָבן געליען ביי פּאָליאקן, וואָס האָבן צוזאמען מיט זיי געארבעט אין די גאראזשן. די דאָזיקע ביכער האָבן זיי ארייגעשמוגלט אין דער תפיסה. דאָס רוב זענען דאָס געווען לייכטע ראָמאנען, קרימינאליסטיק און דער עיקר אודקע נאכאלניקעס זאכן. נע־לייענט די ביכער האָט מען נישט ביחידות. א גרופע פון א צען אָדער אמאָל אפילו פון מער יינגלעך פלעגט זיך אוועקזעצן לייענען ביכער אין

א קלענערער קאמער. דער שווארצער ריסיעק, וואָס האָט שפּעטער צוזאמען מיט פּילארן געקעמפט אין ווארשעווער אויפשטאנד און געפונען זיין העלדישן טויט אויף די באריקאדן פון טשערניאקאָוו, איז באנאבט געווען מיט רעציטאטאָרישע פעאיקייטן. ער פלעגט זיך אוועקזעצן אויף א בעט און אויפן קול לייענען די ראָמאנען. קיין צוהערער האָבן אים נישט אויסגעפעלט.

א גרופּע פון עלטערע און בכבודיקע יידן, דאָס רוב מענטשן פון די אמאָליקע א. ג. געזעלשאַפטלעכע קרייזן, האָבן ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן. דער קאָרטן שפּיל איז אָבער נישט דערלויבט געווען אין תפיסה און שפּילנדיק האָט מען זיך געמוזט שטארק היטן פאר די וואכמייסטערס. טראָץ דעם איז כמעט יעדן אָוונט געווען א ברידזש־פּארטי און אפילו א פּאָקער.

אין די דאָזיקע צווויי מינים פאַרווייַלונגען האָבן זיך באטייליקט קליינע גרופּעס מענטשן. א מין פון אן אלגעמיינער פאַרווייַלונג, אין וועלכער עס פלעגן זיך באטייליקן אלע אונדזערע חברים, זענען געווען די „קאָנצערטן". מיר האָבן געפלעגט זיי איינצואָרדענען, בשעת מיר זענען נאָך געזעסן אויף דער פערטער אָפּטיילונג. נאָר דאָרט זענען די באדינגונגען פאר איינאָרדענען די „קאָנצערטן" נישט געווען קיין גינסטיקע. קודם כל דערפאר, וואָס דאָס ליכט איז דאָרט זייער פרי געוואָרן אויסגעלאָשן.

מיר האָבן זיך אלזאָ אויסגעטון און געלייגט אויף די געלעגערס און דערנאָך אין דער פינצטער שוין פלעגן מיר אָנהייבן דעם רעפּערטואַר. די אָרגאניזאטאָרן פון די קאָנצערטן זענען געווען: מיכאל גאסטאָן, א קראָקעווער אדוואָקאט־אפּליקאנט, וואָס האָט פארמאָגט געוויסע קאָמפּאָזיטאָרישע פעאיקייטן און וויטעלס, א ייִנגל פון לעמבערג, וועלכן עס איז געלונגען צו אנטלויפן פון יאנאָווער לאגער. צום באדויערן איז אָבער וויטעלס בייט פון יאנאָווער לאגער אויף דער פּאַוויאַק־תפיסה נישט געווען פון די גליקלעכסטע.

גאסטאָן האָט געקענט אויסנווייניק אלע שלאגערס, וואָס זענען אמאָל געזונגען געוואָרן אין פּוילן. וויטעלס איז אויך געווען זייער מוזיקאליש און צו ביסלעך אויך געווען א דיכטער. זייערע „קאָנצערטן" זענען תמיד

געווען דורכגעפלאָכטן מיט דערציילונגען און וויצן. די פאַרווייַלונגען פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווען מיר זענען אַריבערגעגאַנגען אין וואַרשטאַטן־בנין (אין דער העלפט פון יאַנואַר 1944), האָבן מיר די דאָזיקע „קאָנצערטן" אויסגעבויט אין אינטערעסאַנטע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען. אין אונדזער נייעם ווייך־אָרט איז אונדז דערלויבט געווען צו ברענען דאָס ליכט ביז ניין אַזייגער. בפרט אין די אָוונטן, ווען די צווייטע גרופּע האָט געהאַלטן די וואַך, פלעגן מיר אויספּועלן ביים וואַכמייסטער, אַז דאָס ליכט זאָל ברענען ביי אונדז נאָך שפּעטער. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל האָבן מיר געמוזט גוט פאַרהענגען די פענצטער, כדי מען זאָל אין דער תפיסה נישט וויסן וועגן אונדזערע פאַרווייַלונגען. די וואַכמייסטערס, סיי די דייטשע און סיי די אוקראַיִנישע זענען טאַקע אָפט געקומען, כדי זיך צוהערן צו אונדזערע קאָנצערטן. אגב האָט אונדז זייער אָנוועזנהייט א ביסל געשטערט. די בעסטע וויצן זענען אין יענער צייט געווען די אַזוי גערופענע רעזשים־וויצן. אָט פלעגט צום ביישפּיל פינקלשטיין דערציילן פאָלגנדיקן וויץ:

— אין א צוג איז געזעסן אַן אַלטער פּוילישער פּויער און האָט געהאַלטן אין איין שעלטן אויפן קול: אין אַלעם שלעכטן איז ער שולדיק, דער דאָזיקער „ה." צוליב אים איז אויסגעבראָכן די מלחמה, צוליב אים שמאַכט מיין זון אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, צוליב אים האָט מיר א באָמבע צעשטערט מיין הויז. אַלץ צוליב דעם דאָזיקן „ה."

אנטקעגן דעם פּויער זיצט עפּעס א יונגערמאַן און הערט זיך צו צום אַלטנס רייד. פּלוצלינג שטעלט זיך דער יונגערמאַן אויף, ער דעקט אויף די קלאַפּע פון זיין רעקל. ער איז א געשטאַפּאָ־אַגענט. „וועמען מיינט איר דעם דאָזיקן „ה"?" — פרעגט ער דעם אַלטן פּויער. „איך מיין „הורהילן" — ענטפערט דער פּויער. „אויב אַזוי איז גוט" — באַרואיקט זיך דער געשטאַפּאָ־אַגענט און זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט. ווען ער זיצט שוין א באַרואיקטער, פרעגט אים דער אַלטער פּויער תמימותדיק: „פּאַניע געשטאַפּאָ, און וועמען האָט איר געמיינט".

וויצן פון דעם מין זענען געווען אין די הונדערטער. נאָר גיי דערצייל זיי אין דער אָנוועזנהייט פון א געשטאַפּאָווער.

עטלעכע פון אונדזערע חברים האָבן געאַרבעט אין די דעפּאָזיטן

מאנאזינען. זיי האָבן פון דאָרט ארויסבאקומען פארשידענע מוזיק־אינסטרומענטן, א פידל, א גיטארע און א שפאניש בּאנזשיאָ. גאסטאן האָט געשפּילט אף דער פידל, ווישניא, דער שניידער פון די גאראזשן־ווארשטאטן וואָס פון זיין אמתן פאך איז ער געווען א מוזיקער, האָט געשפּילט אויף דער גיטארע און אויף באנזשיאָ. ער האָט גוט געזונגען און גלייכצייטיק אליין זיך צוגעשפּילט.

אין רעפּערטואר זענען ארייננעקומען לייכטע מוזיקאלישע שאפונגען. אין דער ערשטער ריי יידישע פאָלקס־לידער, געטאָ־לידער, רוסישע און סאָוויעטישע מוזיק און טאנץ־מוזיק. עטלעכע אוקראאינער פלעגן ספּעציעל קומען אויף די קאָנצערטן, כדי צו הערן די סאָוויעטישע לידער.

פון די רעציטאציעס האָבן גרויס איפּזעען ארויסגערופן פראגמענטן פון לייוויקס פּאָעמע „דער וואָלף". דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך צופעליק ביי אונדז פארוואלגערט. איך האלט נישט גראד, אז די פּאָעמע געהערט צו די געלונגנסטע שאפונגען פון לייוויקן, אָבער איר אינהאלט מיט די פילע טימבאָלישע רמזים, מיטן רב, וואָס איז איינער אליין געבליבן א לעבעדיקער נאָך א מוראדיקער קאטאסטראָפע, וועלכע האָט גורם געווען דעם אומקום פון דער גאנצער עדה, האָט זיך שטארק צוגעפאסט צו אונדזער לאגע. חוץ דעם האָט אונדזער חבר כיל זייער שיין רעציטירט.

אן אינטערעסאנטן נומער פלעגט אויספירן דער „שטומער" זיל־בערבערג. ער איז געווען א יונגערמאן פון א יאָר דרייסיק. ער האָט געהאט א גוטן „ארישן" אויסזען, נאָר דער לשון ביי אים איז געווען א שלעכטער, א יידישלעכער. בשעת ער האָט געלעבט אויף דער ארישער זייט, האָט ער געמוזט שפּילן די ראָלע פון א טויב־שטומען. ער האָט, מסתמא, גאנץ גוט געשפּילט זיין ראָלע, ווייל ער האָט זיך זייער לאנג געהאלטן אויף דער ארישער זייט. סוף כל סוף איז ער אָבער ארייננעפאלן אין פּאוויאק. בשעת די קאָנצערטן פלעגט ער פון צייט צו צייט אונדז ווייזן א פראגמענט פון זיין טויב־שטומען לעבן אויף דער ארישער זייט. א מאָל האָט ער געוויזן, ווי אזוי ער פלעגט זיך פארהאלטן אויף דער גאס, א צווייט מאָל האָט ער נאָכגעמאכט זיין טויב־שטומען „געשפּרעך" מיטן פריזירער וכדומה. זיינע נומערן האָבן אנטהאלטן זייער פיל הומאָריסטישע מאָמענטן.

אן אייגענעם קונצן־מאכער האָבן מיר אויך געהאט. עס האָבן אויך

נישט אויסגעפעלט קיין בעלנים אויף ארויסצוטרעטן מיט פאָרלעזונגען און רעפעראטן.

מיר האָבן אויך נישט פארגעסן אָנצוצינדן ביי אונדז דאָס פייערל פון אונדזער נאציאָנאַלן רעיון. מיר האָבן עס געמאכט אין דער פאָרם פון העברעאישע און ארץ־ישראלדיקע לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן דורך א דועט: דורך אָקאָנאָווסקין, דעם געוועזענעם השומר־הצעירניק און דורך גוייכמאַנען, דעם אמאָליקן רעוויזיאָניסט. די דאָזיקע העברעאישע לידער זענען געווען דער באליבטסטער טייל פון פראָגראם. זיי פלעגן ארויסרופן דעם שטארקסטן בייפאל. אָפט האָבן אלע צוהערער מיטגעזונגען און דעמאָלט איז דער באשיידענער קאָנצערט פארוואנדלט געוואָרן אין א נאציאָנאלע מאניפעסטאציע. די פארשקלאפטע מענטשן־שאָטנס האָבן דעמאָלט געפונען לכל הפחות אויף א ווײַלע אן אינהאלט פאר זייערע חלומות, וואָס האָבן שוין קיין מאָל נישט געקאָנט דערגרייכט ווערן. ווען מען וואָלט דעמאָלט געקאָנט אנטפּלעקן די נשמה פון יעדן באזונדערן מיטזינגער, וואָלט מען זיך איבערצייגט, אז יעדער פון זיי טראכט דאָס זעלבע: „פארוואָס האָב איך מיין גורל נישט פארבונדן מיטן אויפלעבנדיקן טייל פון יידישן פאָלק? פארוואָס בין איך נישט געגאנגען באצייטנס קיין ארץ־ישראל, ווו איך וואָלט היינט געווען א פרייער מענטש צו מענטשן גלייך?"

דער צופעליקער צוזאמענשטעל פון דועט, דער השומר־הצעירניק, וואָס האָט מיט איין קול געזונגען צוזאמען מיטן רעוויזיאָניסט, האָט מיר געשיינט צו זיין סימבאָליש. איך האָב אין דעם געזען דעם אָנזאָג פון א גרויסער פאראייניקונג פון די יידישע נאציאָנאלע כוחות. באמת האָבן מיר זיך אין יענער צייט פון גרויסן אומגליק, אין דער שעה פון אומקום, נישט פאָרגעשטעלט, אז עס קאָנען נאָך זיין חלוקי־דעות צווישן די נאציאָ־נאלע יידן. איצט ווייס איך, אז דער דאָזיקער גלויבן האָט פשוט געשטאמט פון אונדזער תמימותדיקייט.

די קאָנצערטן פלעגן מיר אלע מאָל פארענדיקן מיט „התקוה", מיטן ליד פון דער יידישער האָפענונג. אויב דער אינהאלט פון דאָזיקן ליד האָט אין יענעם מאָמענט פאר אונדז אפשר פאראדאָקסאל געקלונגען, אויב דער באגריף פון האָפענונג איז דעמאָלט פאר אונדז געווען גאַנץ פרעמד,

האָבן מיר דאָך געוווּסט, אַז מיט אונדז ענדיקט זיך נישט דער ייִדישער דור. נאָך אונדזער אומקום וועלן בלייבן ייִדן און פאַר דער צוקונפט פון יענע, וואָס וועלן בלייבן, פאַר די, וואָס וועלן פאַרזעצן די גאָלדענע קייט פון ייִדישן לעבן און שטרעבן, האָבן מיר מיט גרויס כּוח, כּוונה און התלהבות, צווישן די פאַרשאָלטענע מויערן פון אָרט פון אונדזער אומקום, געזונגען דאָס ליד פון דער ייִדישער האָפענונג.

## שפּליטערס פון אַ טאָג־בוך *)

דעם 25סטן יולי 1943.

אין דער טויטן־קאַמער 258. דער אַלטער יוזשוויאַק האָט היינט באַקומען געשלאָגן איבערן קאָפּ פון אַ פּוילישן אַבורקאַווי. דער כוליגאַן האָט נישט געשוינט דעם גראָען קאָפּ, ער האָט דעם זקן אויף אַן אמת צעמזיקט. עס איז אַ רחמנות אויפן אַלטן און ביז גאָר אַנשטענדיקן יוזשוויאַק. אָבער אונדזערע צוויי שניעקעס: דער קליינער מיכאַלעק און מאַרדעקס, דאָס גערער קינד, נעמען זיך טשעפּען צום צוזאַמענגעבראָכע־נעם יוזשוויאַק. זיי האָבן מיט אים עפּעס קינדערישע חשבונות, הלמאי יוזשוויאַק גלויבט נישט, אַז דייטשן זאָלן הרגענען מענטשן:

— פּאַניע דירעקטאָזשע, —חוזקט אָפּ מיכאַלעק פון יוזשוויאַקן— וואָס האַלט איר היינט פון די דייטשן? שיסן זיי די מענטשן, צי נישט? אפשר הייסן זיי נאָר די פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן שלאָגן די ייִדן און בשעת מעשה גלעטן זיי אונדז? אָט האָט איר שוין איין מאָל געפונען מלאָכים.

— און די קליידער, וועלכע מיר כאַרטירן אין סקלאַד? —גיט צו מאַרדעקס— פון וואַנען קומען זיי? אפשר האַלט איר, אַז דייטשן שיקן אַרויס מענטשן צו דער אַרבעט נאַקעטע?

יוזשוויאַק האָט בלויז געקרעכצט און מיט זיין אַלטער שטימע האָט ער זיך געבעטן:

*) דאָס זענען אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך פון אַ טאָג־בוך, וועלכן דער מחבר האָט געשריבן בשעת זיין זיצן אין תפיסה. דאָס רוב פון כתב־יד איז פאַרלאָרן געוואָרן בעת דעם אַנטלויפן שפּעטער.

— לאָזט מיך אָפּ. איך ווייס שוין אליין נישט.

א רחמנות נעבעך אויפן אלטן יוזשוויאק, וואָס האָט אין זיין לעבן נישט באַעוולט אפילו א פליג.

דעם 3טן אויגוסט 1943.

אין אונדזער קאמער פאלט צו די נאכט מיט זיבן מיילקע שריט. די נעכט זענען איצט בלוילעכע. אזעלכע, ווי מיר געדענקען זיי פון יענע צייטן, ווען מיר האָבן נאָך געגלויבט, אז אין זייער טונקלען מאנטל הילן זיי איין די סודות פון אונדזערע חלומות און לײדנשאפטן. אָבער אין אונדזער קעלער קאמער הערט מען נישט קיין לײדנשאפטלעכן געזאנג פון די וואלד־פייגעלעך; דאקעגן פילט מען זייער שטארק דאָס בייסן פון מיליאָנען פליי, וואָס וואַרפן זיך אויף אונדז תיכף ווי מיר לייגן זיך אויף אונדזערע ברודיקע געלעגערס.

די נעכט זענען איצט פינצטערע. די לבנה האָט זיך ערגעץ באהאלטן און אונדזערע באלעבאטים גיבן אונדז נישט קיין ליכט. זיי דערלויבן נישט אָנצוצינדן די לאָמפּן אפילו אויף א רגע. מיר מוזן מאכן די געלעגערס אין דער פינצטער.

קאזיק דער סטאראָסטע האלט, אז די פליי זענען אונדזער ברכה. דאָרט ווו עס זענען דאָ פליי — זאָגט ער — קאָנען נישט זיין קיין לייז. הכלל, דורך די פליי זענען מיר באוואָרנט פאר לייז. דערפאר הייסט אונדז קאזיק דאנקען גאָט. דאָך אָבער וויל קיינער פון אונדז נישט דאנקען גאָט פאר דער טובה פון פליי.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז צו פליי קאָן מען זיך צוגעוווינען, אין אָנהייב קאָן מען טאקע נישט שלאָפן צוליב זייער בייסן, אָבער ווען מען איז שוין דאָ א וועטעראַן, פארגעסט מען אין דער מכה. די פליי בייסן דיך און בשעת מעשה שלאָפסטו ווי קיינמאָל גאָרנישט. אָבער ווי איז דער דין, אז א „פרישער" קומט צו אונדז אָן? ער גייט אָנגעטון אין א שניי־ווייסן העמד. אין דעם העמד לייגט ער זיך שלאָפן. צומאָרגנס שטייט ער אויף און עס דאכט זיך אים, אז ער האָט היינט אויף זיך אן אנדער העמד. דאָס נעכטיקע ווייסע העמד האָט היינט א גרויעם קאָליר.

עס איז איינגאַנצן באַדעקט מיט טונקל־גרויע פּלעקלעך, וואָס די פּליי האָבן דאָ איבערגעלאָזט.

א צווייטע מכּה איז דער עמער. אָט פּאַרוואָס: די צעליינטע שטרוי־זעק דעקן צו די גאַנצע פּאַדלאָגע. צווישן די שטרויזעק בלייבט נישט איבער אַפילו קיין מילימעטער פרייער באָדן. נאָך חצות הייבט זיך אָן די וואַנדער־רונג צום עמער. מען מוז שפּאַנען איבער די שלאָפנדיקע חברים. מען טרעט אויף זייערע פיס, קעפ און קערפּערס. די צעטרעטענע חברים רייסן זיך אָפּט אויף. מען הערט קללות און יעלות.

איך שלאָף מיט מיכאַלעקן אויף איין שטרויזאַק. מיר האָבן אונדזער געלעגער האַרט נעבן דער טיר און נעבן דעם עמער. במשך פון דער נאַכט ווערן מיר ממש צעטרעטן דורך די וואַנדערנדיקע עמער־זוכערס.

דעם קליינעם מיכאַלעק פאַרשטייען נישט די עלטערע מיט־אַרעסטירטע. זיי האַלטן אים אין איין באַשולדיקן אין זיין צעלאָזנקייט, אין מאַנגל אין דערציאונג. דאָס אַלץ איז אָן שום ספק אמת. אָבער מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז בשעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער פאָטער, דער דאָקטאָר קאַהאַן, האָט פאַרלאָזט זיין משפחה, איז מיכאַלעק בסך הכּל אַלט געווען 13 יאָר. זינט יענער צייט איז מיכאַלעק אַליין איבער זיך דער באַלעבאָס. במשך פון עטלעכע מלחמה־יאָר איז דער קליינער שניעק געווען אַפילו דער פּרנסה־געבער פון זיין מוטער. בשעת דער גרויסער אַקציע אין וואַרשע (אויגוסט 1942) האָבן די רוצחים אַוועקגע־נומען מיכאַלעקס מוטער. מיכאַלעק איז געגאַנגען אין וואַלד און דאָרט געפירט אַ לעבן פון אַ באַנדיט.

די עלטערע בכבודיקע מיטאַרעסטירטע וואָלטן געוואָלט זען אין מיכאַלעקן אַ גוט־דערצויגענעם סאַלאָן־יינגל. דאָך אָבער איז מיכאַלעק אַ גוטער יינגל און ער איז פעאיק צו זיין אַ האַרציקער חבר און אַן איבער־געגעבענער פריינט. מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי זיך צו אים צו באַציען און ווי אַזוי מיט אים צו רעדן. ווען די דאָזיקע צוויי זאַכן האָבן אונדזערע עלטערע מיטאַרעסטירטע נישט קיין שום באַגריף.

דעם 5טן אויגוסט 1943.

מיינע השערות וועגן אַלטן יוזשוויאַק האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר

ריכטיקע. נאָך דער מעשה מיט די באקומענע קלעפּ פון אבורקאווי האָט ער זיך אָנגעהויבן איינצוברעכן אין זיין גלויבן אין גוטסקייט פון מענטש. די עקזעקוציע פון די יידן פון פוילישן האָטעל, ווען ער האָט שוין בפירוש געזען, ווי מען פירט ארויס די מענטשן און מען שיסט זיי, האָט גורם געווען זיין גענצלעכע דערשלאָגנקייט. יוזשוויאק איז נאָך דער עקזעקוציע ווי מיט איין מאָל אינגאנצן פארענדערט געוואָרן. זיין אלט פּנים, אויף וועלכן מען האָט נאָך ביז איצט פון צייט צו צייט געזען אויפבליען א שמייכל, איז פּלוצלינג געוואָרן אינגאנצן איינגעקאָרטשעט און געל, זיינע אויגן, וועלכע האָבן תמיד אויסגעדריקט ענערגיע און לעבנסלוסט, זענען איצט געווען אויסגעלאָשן און מעלאנכאָליש פארנעפּלט. זיינע באוועגונגען זענען איצט געווען ווי פון א געלעמטן, ער האָט לגמרי אויפגעהערט צו עסן און זיצנדיק אזוי אָן א באוועגונג אויפן שטרויזאק, האָט ער במשך פון גאנצע טעג נישט ארויסגעזאָגט כמעט קיין איינציק וואָרט.

איצט האָט שוין יוזשוויאקן קיינער נישט געטשעפּעט. די יונגע חברים, מיכאלעק און מארדעקס האָבן איצט געקוקט אויף יוזשוויאקן ווי אויף עפּעס א באשעפעניש נישט פון דער וועלט. אין זיין שכנות האָבן זיי זיך איצט געפילט עפּעס אומהיימלעך. אפשר האָט זיי געפּרעסן זייער קינ־דעריש געוויסן צוליב די עוולות, וועלכע זיי האָבן פריער אָנגעטון דעם זקן?

איך פלעג אָפט פון דער זייט כאַפּן א בליק אויף יוזשוויאקן. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אז דער אלטער איידלער מאן לעבט איצט דורך א נעפּעדלעכן גייסטיקן צוזאמענברוך און אז ער וועט בשום אופן נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון. מיט פּשוטע ווערטער געזאָגט: יוזשוויאק וועט אונדז דאָ היינט אָדער מאָרגן אוועקשטארבן.

איין מאָל האָב איך אוועקגערופן אין א זייט קאזיקן, דעם פּטאַ־ראָסטע און מיטגעטיילט אים וועגן מיינע השערות בנוגע יוזשוויאקן. קאזיק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס קאָנען מיר אים העלפן? און סוף כל סוף איז דאָך בעסער אזוי. וואָס וואָלט איך היינט אוועקגעגעבן פון זיך, אז איך זאָל שטארבן מיט אן אייגענעם טויט. איר זענט גערעכט, עס זעט טאקע אויס אזוי, ווי יוזשוויאק וואָלט היינט אָדער מאָרגן געדארפט שוין אויסהויכן די נשמה. א גליק פאר אים, ממש א גליק. ער וועט אוועקגיין מיט זיין אייגענעם טויט.

אָבער אין יוזשוויאַקן האָט זיך דאָס לעבן געראַנגלט מיטן טויט און דער טויט האָט בשום אופן נישט געקאָנט מנצח זיין דאָס שוואַכע פונקעלע פון לעבן, וואָס האָט געטליעט, דאַכט זיך, מיט אַן איבערמענטשלעכן כוח אין דעם צעבראָכענעם גוף. יוזשוויאַק איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט, הגם מיט אַן אייגענעם טויט איז ער יאָ געשטאָרבן.

היינט פאַרטאָג האָט אונדז אַלעמען אויפגעוועקט קאַזיקס רופן:

— חברים, קוקט! וואָס איז דאָס?

מיר האָבן זיך אויפגעריסן פון שלאָף. קאַזיק האָט מיטן פינגער געוויזן אַרויף צום פענצטערל. פון פענצטערל האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ שטאַרער גוף, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן אָנצוג, מיטן פּנים צו דער וואַנט. יוזשוויאַק האָט זיך געמאַכט אַ פּעטלע פון שיך בענדלעך, צוגעבונדן צו דער פענצטער־קראַטע. נעבן דעם געהאַנגענעם איז געשטאַנען דאָס הילצערנע בענקעלע, אויף וועלכן עס פלעגט שטיין דער וואַשבעקן. נאָכדעם ווי די פּעטלע איז צוגעבונדן, מאַכט מען איין שריט אַראָפּ פונעם בענקעלע און מען פּטרט די מיאוסע וועלט.

דעם 13טן פעברואַר 1944.

— די נעכט זענען שוין פינצטערע — זאָגט צו מיר מיין פריינט כיל, אַ ווילנער אַדוואָקאַט, אַ מענטש פון דער פּען און אַ געניטער פּאַכמאַן אין טעאַטער־ענינים. דאָ אין פּאַוויאַק איז ער צוגעטיילט צו אַן „אויס־געווייַלטער" אַרבעט. ער פאַרנעמט זיך מיטן לאָזן דאָס הייסע וואַסער אין דער תפיסה־באָד. ער רייניקט דאָרט אויך די ברודיקע פּאָדלאָגע.

כיל לעבט מיט איין האָפענונג: מאַכן פּליטה. מיט טויזנטער פּלענער פון פּליטה טראָגט ער זיך כסדר אַרום. ער קוקט אַרויס אויף די פינצטערע נעכט, ווען די לבנה באַהאַלט זיך אונטערן גראַנאַטענעם הימלבלוי. זיינע אַלע פּלענער פון אַנטלויפן זענען פאַרבונדן מיט דער פינצטערניש פון די שוואַרצע נעכט.

כיל האָט נאָך אַ קינד אין וואַרשע. דאָס איז אַ צען־יעריקער יינגל, וועלכער איז באַהאַלטן ערגעצוו ביי גוטע מענטשן. כילס האַרץ ציט צום קינד. זיין איינציקער באַגער איז כאָטש איין מאָל אין לעבן צו זען דאָס קינד.

אָבער פינצטערע נעכט קומען און גייען און פון כילם פלעגער לאָזט זיך אויס א בוידעם. נישט ביל און נישט זיינע פריינט מאכן פליטה. עס לויפן שעהן, נעכט און וואָכן פון אָנשטרענגענדיקער דערוואַרטונג. זיי לייגן זיך שווער אויפן געמיט, זיי פארסמען ביים מענטשן די חושים, זיי נעמען אוועק די לעצטע כוחות, די האָפענונג, דעם גלויבן אין זיך.

דערפאַר פעלן אָבער נישט קיין קאַשמאַרדיקע און גרויליקע נעכט. איך דערמאָן מיך אין איינער אזא נאכט. אין מיטן יענער נאכט האָט זיך יאָסל קאַלינסקי אַראָפּגעשלעפּט פון זיין געלעגער. ער איז געגאַנגען וועגן א מענטשלעכער באַדערפעניש. פאַרבייגעגאַנגען א פענצטער, דורך וועלכן עס כאַפּט זיך אומווילנדיק א בליק אויף דער פאַוויאַ־גאַס. טויט־שטילע חורבות באַגריסן מיט זייער געזווענלעכן אויסזען. אָבער פּלוצלינג באַמערקט יאָסל עפּעס א מאָדנע זאַך. פון איין חרובן הויז רייסט זיך אַרויס א שטאַרק ליכט. דאָס ליכט שטערט ממש די אויגן. יאָסלס פאַרשלאָפענער מוח קאָן נישט תופס זיין, וואָס דאָס איז. ער וועקט אויף די חברים:

— קוקט, יאטן, עפּעס טוט זיך דאָ אָפּ! שטייט אויף און קוקט אין פענצטער!

מיר לויפן צום פענצטער, מיר קוקן. באמת משוגעדיקע זאַכן טוען זיך אָפּ אַקעגן אונדז. אויפן דריטן שטאָק פון חרובן הויז אַקעגנאיבער איז געמאַכט געוואָרן אן אייזערנע רושטאָוואַניע. אויף דער רושטאָוואַניע ברענט א גרויס פייער. אַרום דעם פייער דרייט זיך עפּעס אַרום. אונדז דאַכט זיך, אז דאָס איז א שדים־טאַנץ פון מכשפות.

ווען מיר ווישן אוועק דעם שלאָף פון אונדזערע אויגן, פאַרוואַנדלען זיך די מכשפות אין דייטשע זשאַנדאַרן. זיי רינגלען אַרום א מענטש אין בלויזן קאָפּ, אָנגעטון אין א מונדיר, וואָס איז פּונקט אַזוי גרוי־גרינלעך, ווי די זשאַנדאַרנס מונדירן. די פלאַמען פון ברענענדיקן פייער באַגיסן די סודות־פולע פאַרזאַמלונג מיט שטראָמען פון א וואַנדערנדיקער רויט־קייט. ווען די רויטקייט שטעלט זיך אויף א ווײַלע אָפּ אויף א מענטשלעך פּנים, פאַרוואַנדלט זיך דאָס פּנים אין א שטיק פאַרשטאַרט בלוט.

— עץ זעט? —זאָגט יאָסל— זיי האָבן אויפגעהאַנגען דעם „בלויזן קאָפּ".

— איך זע נישט — רופט זיך אָפּ א שטימע.

— טאָ קוק זיך בעסער צו און אז נישט נעם דיינע אויגן אין די ידים.

— יאָ, יאָ, ער הענגט שוין — רופט די זעלבע שטימע, וואָס פריער.

די ארעסטירטע יידן קוקן זיך צו צום נישט טאָג־טעגלעכן בילד. זיי זעען, ווי זשאנדארן שניידן אראָפּ דעם טויטן גוף פון שטריק. צוויי זשאנדארן האלטן דעם טויטן, איינער ביים קאָפּ, דער צווייטער ביי די פיס. עטלעכע מאָל וויגן זיי אין דער לופט דעם מת אהין און צוריק און דערנאָך א וואָרף און דער „בלויזער קאָפּ" פליט אריין אין פייער.

צומאָרגנס האָט מען אין פּאוויאַק דערציילט, אז די לעצטע נאכט האָבן געשטאָפּאָווצעס אויפגעהאנגען א דייטשן גענעראל, און אייגענעם. מיר האָבן זיך צוגעוווּנקען איינער דעם צווייטן. מיר האָבן דאָך געזען דאָס שטיקל ארבעט.

נאָר שלעכט מוז שוין האלטן אין דער מלוכה פון היטלער, אויב מען האלט שוין ביי הענגען גענעראלן.

דעם 29סטן מערץ 1944.

פינצטערע נעכט קומען ווידער. מיר זענען שוין מיט אלדינג גרייט, כדי צו מאכן פּליטה. וואָס אן אמת איז, זענען מיר שוין אזוי גרייט עטלעכע וואָכן, נאָר דאָס אויספירן פון פּלאַן גייט אונדז עפּעס שלימזלדיק צו. כלומרשט הייסט עס, אז עס זענען פאראן מניעות. אמאָל זענען מיר נישט זיכער, צי די היינטיקע וואך אויף די וואך־טורעמס איז א גינסטיקע, א צווייט מאָל דאכט זיך אונדז, אז אונדזער חבר פינקלשטיין, וועלכן מיר מוזן איבערלאָזן, שלאָפט נישט גענוג שטארק, כדי ער זאָל נישט הערן, ווי מיר שלייכן זיך ארויס פון דער קאמער. ווען ער דערהערט, חלילה, מאכט ער אין געפערלעכסטן מאָמענט א טומל און דעמאָלט זענען מיר דאָך פארלאָרן.

אין אמתן ווייסט יעדער ביי זיך, אז די אלע כלומרשטע סיבות זענען נישט מער ווי תירוצים פאר די גענדז. דער עצם איז אן אנדערער. די טאַט, פאר וועלכער מיר שטייען איצט, איז פארבונדן מיט גרויס ריזיקע. די סכנה לויערט ממש אויף יעדן שריט, וועלכן מיר דארפן שטעלן אויפן וועג פון פּליטה. דער קלענסטער מכשול, וואָס שטעלט זיך חלילה, אונדז אין

וועג, איז גורם טויט. און דער דאָזיקער טויט איז נישט פּשוט קיין טויט. עס איז א טויט אויף דער תּליה מיט א צוגאב פון אוממענטשלעכע יסורים און פּיין פאר דעם טויט. פאר אונדזערע אויגן שטייט דאָס בילד פון די יינגלעך פון קעסל־רוים, וואָס האָבן אזוי ביטער באצאָלט פאר זייער בענקשאפט צום לעבן.

דאָך אָבער מוזן מיר אויספירן די מאט. דאָס ווייסן מיר באשטימט. מיר פילן עס בחוש. קיין צוריק איז מער נישטאָ. צופיל צוגרייטונגען זענען שוין געוואָרן געמאכט, כדי זיך נישט צו קאָנען מער צוריקציען פון אויס־פירן דעם פּלאַן. ישראלקע האָכבערג, דער שלאָסער, וואָס פאָרט יעדן טאָג ארבעטן אין געשטאַפּאָ אויף שוכא, האָט אונדז געבראַכט א שטאָלענע שער צו שניידן די קראטעס. איין צי מיט דער שער און א קראטע איז איבערגעשניטן ווי א שטיקל פאָדעם. די שער האָבן מיר אויסגעקעמפט מיט גרוים מי. איצט ליגט זי באהאלטן ביי אונדז אין דער באָד. אָבער קאָן דען עקזיסטירן א גוטע באהעלטעניש אין דער תּפיסה? יעדע־מאָמענט קאָן ברענגען א סורפּריז, א רעוויזיע. אז מען אנטדעקט ביי אונדז די דאָזיקע שער, זענען מיר דערליידיקט.

מיר האָבן אויך צוגעגרייט א שטארקן שטריק, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען אראָפּלאָזן פונעם פענצטער פון צווייטן שטאָק. שטארק מוז ער זיין דער דאָזיקער שטריק. ער וועט דאָך האָבן אויסצוהאלטן די משא פון צען מענער, וואָס וועלן זיך אראָפּלאָזן פון א הויך פון אן ערך צען מעטער. דעם שטריק האָבן מיר געמאכט פון א גארנער באנד, וועלכע מען באנוצט אויף מאכן פון איר אויערן צו אָפיצירישע שטיוול. די דאָזיקע באנד האָט דער שוסטער טשעכאָוויטש ארויסגעבראַכט פון די שוסטער־ווארשטאטן. ער האָט געבראַכט אן ערך הונדערט מעטער פון דער באנד און מיר האָבן פון איר אויסגעפלאָכטן צוועלף מעטער שטריק. אכט מאָל האָבן מיר געפלאָכטן די דאָזיקע באנד און איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וויפל מי עס האָט אונדז געקאָסט די דאָזיקע ארבעט, ווען מען האָט זי געמוזט מאכן בסוד און בגנבה, כדי קיינער זאָל עס נישט באמערקן.

דער שטריק איז א שטארקער. ער איז הארט, ווי א שטיק האָלץ. ער וועט באשטימט אויסהאלטן אונדזערע משאות. דער דאָזיקן פריינט אונ־דזערן וועלן מיר רואיק קאָנען אָנגעטרויען אונדזערע לעבנס. אָבער

דערוויי, כל זמן ער איז מיט אונדז דאָ אין תפיסה, איז ער פאַר אונדז א סכנה. טאָמער ווערט ער אנטדעקט, איז ווידער שלעכט.

מיר ווייסן גוט, אז אָפּשלעפּן איז געפערלעך. דאָך אָבער פעלט אונדז דער כוח און דער מוט אויסצופירן תיכף די טאַט. עס איז פונקט אזוי, ווי מיט א ביטערער מעדיצין, וועלכע מען מוז אויסטרינקען פאַר א רפואה. עס גלוסט זיך נישט, מען ווייסט אָבער, אז מען מוז עס טון. מען שלעפּט אָפּ, אָבער לסוף טרינקט מען זי דאָך אויס. מיר זענען זיכער, אז לסוף וועלן מיר אויספירן די טאַט. מיר וועלן אראָפּשלינגען די ביטערע מעדיצין, וואָס דאַרף פאַר אונדז באַדייטן א רפואה.

דעם 2טן אפּריל 1944.

דער אוקראַינער בוקאָוויענקאָ איז אונדזער פריינט. אגב, זעט ער טאקע אויס ענלעך צו א ייד. צוליב זיין לאַנגער נאָז האָט מען אים געגעבן א צונאָמען יאַשקע. אָבער א מענטש איז ער שוין יאָ, דער דאָזיקער יאַשקע. און א מענטש געפינט מען זייער זעלטן דאָ אין דער הייל פון ווילדע חיות. אָפּט שפּילט יאַשקע ממש מיט פייער. ער לאַכט אָפּ פון זיינע דייטשע פאַרגעזעצטע, די אונטערשאַרפירערלעך און די שאַרפירערס, די גדולים. ער פירט אפילו נישט אויס זייערע באַפעלן. עטלעכע מאָל איז פאָרגעקומען, אז צוליב שטראָף האָט ביי יאַשקען דער צוגעפירער האַניש אוועקגענומען דעם רעוואָלווער און איינגעזעצט אים אין קאַרצער. אמאָל איז בוקאָוויענקאָ געקומען צו אונדז אין באַר מיט א צעממיתטע פּנים און אָן דעם גאַרטל. ער האָט דערציילט, אז האַניש האָט אים געפּאַטשט.

מיר פּרוּוון איבערצייגן בוקאָוויענקאָן, אז עס איז נישט כדאי צו שפּילן מיט פייער, בפרט אז מען קאָן מיט דעם גאָרנישט געווינען. דער קרומער מיעטעק, וועלכער איז בוקאָוויענקאָס ליבלינג, האַלט פאַר אים כסדר מוסר־דרשות:

— פאַניע וואַכמייסטער, צו וואָס דאַרפט איר עס? איר טוט דאָך אָפּ פשוט נארישקייטן. איר וועט נאָך א מאָל מיאוס אָפּשניידן און סוף כל סוף וועט קיינער דערפון נישט האָבן קיין שום נוצן.

— איי, מניעטעק, יאָב טוואָיו מאַטש — פאַרענטפערט זיך בוקאָוויענקאָ מיט זיין ווייכן רוסישן לשון — טי ניע פּאָנימאַיעש וואָציאָם דיעלאָ.

איך קאָן זיי נישט ליידן, די דייטשע סוואָלאָטשעס און במילא רעדט ביי מיר דאָס מויל אליין פון זיך. וואָס זאָל איך טון?

אוקראאינער פון בוקאָוויענקאָס מין זענען ווייניק אין פאוויאק. ער איז אפשר דער איינציקער. זיין פריינט באַרטשענקאָ, וועלכער האלט דינסט ביי אונדז אין באָד, איז בלי ספק אויך אן אנשטענדיקער שנץ, אָבער צו בוקאָוויענקאָן גלייכט ער נישט. בוקאָוויענקאָ איז טאקע באמת דער טרייבנדיקער כוח פון אונדזער ויברח־פלאַן. באַרטשענקאָ ווייסט אויך וועגן ענין. ער האָט זיך אָבער אָפּגעטרייסלט פון דער גאנצער זאַך.

— מוט אליץ וואָס איר האלט פאר פאסיק זיך צו ראטעווען — האָט ער אונדז געזאָגט — איר דארפט אָבער אכטונג געבן, אז נישט איך און נישט בוקאָוויענקאָ זאָלן דערפון האָבן צרות. יעדנפאלס וויל איך וועגן עסק גאָרנישט וויסן.

דאקעגן טראכט בוקאָוויענקאָ לגמרי נישט וועגן קיין סאַקנן. נאָך פריער האָט ער אונדז צוגעזאָגט הילף און איצט האלט ער וואָרט. זיין הילף האָט פאר אונדז א וויכטיקע באדייטונג. ער נעמט זיך אונטער אומשעדלעך צו מאכן דעם אוקראאינער פון וואך־טורעם. דעם דאָזיקן אוקראאינער וועט ער גוט אנשיכורן, איידער מיר וועלן דארפן גיין. חוץ דעם וועט ער נאָך אכטונג געבן, אז דער דאָזיקער אוקראאינער זאָל טאקע גוט שלאָפן, בשעת מיר וועלן שוין האלטן אין אראָפּגיין פון דעם פענצטער. אדאנק בוקאָוויענקאָס הילף ווערט די סכנה, וואָס דראָט אונדז ביים אנטלויפן, פארקלענערט ביז א העלפט, במילא וואקסן מיט אזויפיל די שאנסן פון דערפאָלג.

דעם 4טן אפריל 1944.

בוקאָוויענקאָ איז ביי אונדז היינט געווען. כלומרשט איז ער געקומען זיך באָדן, נאָר מיעטעק האלט, אז ער איז ספעציעל געקומען, כדי ארומ־צורעדן מיט אונדז די פרטים פון דער פליטה. מיעטעק זאָגט, אז בוקאָ־וויענקאָ איז פון אונדזער פליטה מער נתפעל ווי מיר אליין.

בוקאָוויענקאָ איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אז די גאנצע זאַך מוז גוט דורכגעטראכט ווערן און געטון ווערן מיט קאָפּ. די בעסטע צייט פארן אנטלויפן איז א שעה צווישן חצות און איינס אזייגער ביינאכט. מיר מוזן

זיך רעכענען דערמיט, אז אפילו נאָך א גליקלעכן ארויסבאקומען זיך פונעם שטאַרק באַלויכטענעם שטח ארום דער תפיסה, נאָך א גליקלעכן דורכרייסן זיך איבער דער געטאָ־מויער, וועט אומבאדינגט נויטיק זיין נאָך במשך פון דער זעלבער נאכט ווי אממיינסטן צו דערווייטערן זיך פון די געטאָ־מויערן. כדי זיך געהעריק צו דערווייטערן פון געטאָ שטח, דארפן מיר עטלעכע פרייע שעה פון נאכט. ווארום ווען עס וועט שוין אָנהייבן צו באַגינען, טאָרן מיר בשום אופן נישט פאַרזעצן דעם מארש. דעמאָלט מוזן מיר אריינגיין אין די נאָענטסטע חורבות און דאָרט איבערווארטן ביז צום אָוונט. הכלל, כדי צו האָבן די דאָזיקע פרייע צייט פארן מארש, טאָרן מיר נישט ארויסגיין שפעטער ווי איינס אזייגער.

און איצט קומט די פראגע פון ווילן א פאסיקע נאכט. קודם כל מוז עס זיין א נאכט, ווען בוקאָוויענקאָס צוג האלט די וואך אין תפיסה. דאָס איז נאָך נישט אלץ. עס מוזן זיך נאָך צוזאמענטרעפן א ריי גליקלעכע צופאלן. אין דער דאָזיקער נאכט מוז די וואך אויפן טורעמל, וואָס באוואכט אונדזער פענצטער, האלטן אן אוקראאינער א כלב, וועמען עס איז כדאי אריינצולייגן אין דער בלאָטע. עס איז דאָך קלאָר, אז נאָך אונדזער פליטה וועלן די דייטשן זיך א נעם טון צום דאָזיקן וועכטער פון טורעמל. אין לסוף מוז נאָך צושפילן א ווייטערער גליקלעכער צופאל: אין דער זעלבער צייט מוז בוקאָוויענקאָ פונקט האלטן די וואך אויפן תפיסה־הויף, ווייל נאָר אין דעם פאל וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צוצוקומען צום טורעם־וועכטער און אים געבן צו טרינקען דעם בראָנפן.

די לעצטע שוועריקייט, צי דער טורעם־וועכטער וועט וועלן טרינקען, איז שוין באמת נישט קיין שום שוועריקייט. אן אוקראאינער זאָגט זיך קיין מאָל נישט אָפּ פון מאכן א כוסה.

בוקאָוויענקאָס אויפגאבע איז געווען אויסצופאָרשן די לאגע און צו געפינען די דאָזיקע פאסיקע נאכט. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אז אזוי ווי ער וועט געפינען די דאָזיקע פאסיקע נאכט, וועט ער קודם כל אונדז וועגן דעם מודיע זיין נאָכמיטאָג, ווען מיר זענען נאָך אין באָד, כדי מיר זאָלן וויסן מיטצונעמען די באהאלטענע מכשירים. צוליב זיכערקייטס־טעמים (עס קאָן זיך אמאָל מאכן, אז די באפעלן וועגן באזעצן די וואך ווערן אין לעצטן מאָמענט געענדערט) וועט ער פארנאכט נאָך א מאָל קומען

צו אונדז שוין אויף דער אָפּטיילונג. דעמאָלט וועלן מיר שוין נישט דאַרפן מיט אים רעדן. זיין באַוויזן זיך וועט באַדייטן: דער וועג איז פריי.

דעם 18טן אַפּריל 1944.

אונדזער חבר פינקלשטיין מוזן מיר איבערלאָזן. די זאַך פאַרשאַפט אונדז גרויס ווייטיק, נאָר קיין אַנדערע ברירה האָבן מיר נישט. אין אָנהייב האָבן מיר געהאַט אַריינגערעכנט פינקלשטיינען אין אונדזער בנזפיה. צוזאַמען מיט אים פלעגן מיר דיסקוטירן און באַשליסן וועגן אַלע פּלענער. ער האָט דעמאָלט געהאַט אויסגעדריקט דעם ווילן צו גיין מיט אונדז. אָבער שפּעטער האָט ער זיין מיינונג געענדערט. געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט נישט קיין גלויבן אין אונדזער פעאיקייט אויסצופירן די טאַט. אגב האָט ער אונדז פאַרגעוואָרפן, אַז מיר האַלטן בלויז ביים רעדן און אַז עס וועט קומען צום ממשותדיקן, וועלן מיר באַקומען מורא און במילא וועט זיך פון גאַנצן ענין אויסלאָזן אַ בוידעם. אויף וואָס פאַרא גרונט עס זענען ביי פינקלשטיינען געבוירן געוואָרן די דאָזיקע השערות, ווייס איך נישט. אין קעגנטייל זענען מיר אים חושד, אַז ער אַליין פילט זיך נישט בכוח בייצושטיין דעם גרויסן נסיון.

יעדנפאַל האָט זיך פינקלשטיין צוריקגעצויגן פון גאַנצן עסק. ווען מיר האָבן אים געפּרוּווט איבערצייגן, אַז מיר וועלן אים ביי אַלעמען העלפן, אַז מיר וועלן אים פאַרלייכטערן דאָס אַרויסגיין, דאָס אַראָפּלאָזן זיך פון פענצטער וכדומה, אַלץ אויפן חשבון פון אונדזערע אָנשטרענגונגען, האָט ער לגמרי נישט געלאָזט צו זיך רעדן. ער האָט בלויז געפאָדערט פון אונדז, אַז מיר זאָלן תיכף אויפהערן צו טראַכטן וועגן די דאָזיקע „נאַרישקייטן" און אויב מיר וועלן ווייטער פאַרזעצן אונדזערע צוגרייטונגען, וועט ער, פינקלשטיין, אונדזער סוד אַנטפּלעקן פאַר די איבעריקע חברים. אין דער זעלבער צייט בערך האָט זיך וועגן אונדזערע צוגרייטונגען דערוווּסט „דער אינזשיניער", וועלכער גייט ביי אונדז אָן אַלם אונדזער נישט נעקרוינ־טער „עלטסטער". מיר האָבן נישט קיין שום באַווייזן, אַז דווקא פינקלשטיין האָט עס צוגעטראָגן דעם אינזשיניער. יעדנפאַל איז איצט פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר מוזן זיך שטאַרק היטן פאַר פינקלשטיינען.

שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך איבער אונדז אָנגעזאַמלט. דער אינ־

זשיניער פירט איצט אן אויספאָרשונג וועגן אונדזערע צוגרייטונגען. ער וויל אונדז שטערן אין אויספירן די זאך, ווייל ער זעט אין דעם א סכנה פאר די איבריקע יידן. זיין ערשטער ממשותדיקער שריט איז געווען: אוועקנעמען ביי אונדז העניעק לעדערמאנען. איצט זעען מיר פאר זיך בלויז צוויי מעגלעכקייטן: אָדער זיך אָפּזאָגן פון גאנצן עסק און אין דעם פאל מוזן מיר פארניכטן אלע אונדזערע מכשירים, וועלכע מיר האָבן געזאמלט מיט אזוי פיל מי, אָדער אָנווענדן די שטארקסטע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען, כדי צו קאָנען גוט אָפּהיטן אונדזער סוד. נאָכדעם ווי מען וועט שוין האָבן פארגעסן וועגן אונדזער ענין, צוליב וועלכן עס איז איצט אויסגעבראָכן דער טומל, וועלן מיר קאָנען אויספירן דעם פלאַן.

די ערשטע מעגלעכקייט קאָנען מיר בשום אופן נישט אָננעמען. מיט אונדזער בליק קוקן מיר ווייטער ווי פינקלשטיין. קלאָר גיבן מיר זיך אָפּ א חשבון, אז ביי א מינדסטער דערשיטערונג וועלן מיר, די נישט אמתדיקע פאכלייט, די אזוי גערופענע ליפעס, זיין די ערשטע כפּרהניקעס (אגב זענען אונדזערע דעמאָלטיקע השערות טאקע שפּעטער מקוים געוואָרן. ערב דעם ווארשעווער אויפשטאנד האָבן דייטשן דערמאָרדעט פערציק יידן־ליפעס. פינקלשטיין איז געווען צווישן די דערמאָרדעטע).

היינט זענען מיר פעסט אנטשלאָסן אָנצונעמען די צווייטע מעג־לעכקייט. פליטה איז פאר אונדז דער איינציקער און לעצטער שאנס. מיר מוזן פּראָבירן צו געווינען דעם דאָזיקן שאנס.

אָבער וואָס טוט מען מיט פינקלשטיינען? ער שלאָפט מיט אונדז צוזאמען אין איין קאמער און ווי אזוי טוט מען זיך באוואָרענען, אז ער זאָל נישט הערן, ווי מיר וועלן אין מיטן דער נאכט פארלאָזן די קאמער? פינקלשטיין איז בטבע אן אויפגערעגטער עקשן. ווען ער וואָלט אונדז געכאפט ביי דער האנט, וואָלט ער זיך נישט געלאָזט צורעדן צו גיין מיט אונדז.

מיר מוזן איצט זוכן מיטלען, כדי אָפּצושוואכן פינקלשטיינס וואכזאמ־קייט. כיל איז געפאלן אויף אן המצאה: ער האלט, אז מען דארף פינ־קלשטיינען געבן א שלאָף־מיטל. כיל האָט שוין אפילו טאבלעטן. „לומי־נאל". דאָס איז א גאנץ אומשולדיק מיטל און עס איז גענוג צו נעמען איין טאבלעטע, כדי די גאנצע נאכט גוט דורכצושלאָפן. אנומלט האָט כיל

ארייגעוואָרפן אומבאמערקט פינקלשטיינען אין זיין אָוונט־קאפע א טאבלעטל „לומינאל״. כיל האָט געוואָלט אויספּרוּוון, ווי אזוי פינקלשטיין וועט רעאגירן אויף דער זאך. פינקלשטיין האָט אָבער תיכף דערפילט, אז די קאפע האָט א טעם פון א מעדיצין. ער האָט זי נישט געטרונקען. איצט זעען מיר שוין פאר זיך נישט קיין אויסוועג. מיר זענען פארצווייפלט.

דעם 6טן מאי 1944.

די נעכט זענען ווידער פינצטערע. בוקאָוויענקאָ הייסט גיין. ער זאָגט, אז די היינטיקע נאכט איז די גינסטיקסטע פארן דאָזיקן צוועק. ביי חצות נעמט איבער אויף אונדזער טורעמל די וואך דער רויטער וואכמייסטער. ער איז א כלב שבכלבים און בוקאָוויענקאָ זאָגט וועגן אים, אז „ער איז א פארדעטער פון זיין פאָלק״. בוקאָוויענקאָ פרייט זיך, אז ער וועט איצט זיין אימשטאנד אָנצולערנען דעם רויטן. אליין האלט ער אין דער זעלבער צייט די וואך אויפן תפיסה־הויף. ער האָט שוין צוגעגרייט א גרויסע פלאש בראָנפן, וועלכע ער האָט געקויפט פאר אייגענעם געלט. מיר האָבן דאָך נישט קיין געלט און מיר זענען נישט אימשטאנד צו באצאָלן בוקאָוויענקאָן פארן געקויפטן בראָנפן.

בוקאָוויענקאָ שמייכלט ווי געווענלעך און זאָגט:

— אָן שום מורא. עס וועט גיין ווי געשמירט מיט פוטער. נאָר דרייסט און מוטיק און עס וועט זיין גוט.

מיר טיילן נישט לגמרי בוקאָוויענקאָס גוטע שטימונג. מיר שטייען דאָך פארן שווערן נסיון און הויז דעם ווייסן מיר נאָך וועגן איין זאך, וועגן וועלכער מיר זאָגן גאָרנישט בוקאָוויענקאָן. די דאָזיקע זאך איז די מעשה מיט פינקלשטיינען.

בוקאָוויענקאָ זאָגט צו, אז אין אָוונט פארן אפּעל וועט ער זיך באַווייזן פאר אונדזערע פענצטער און זיין באַווייזן זיך וועט פאר אונדז באדייטן, אז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אז דער וועג איז אָן אָפענער.

עס האלט שוין פארן אפּעל. מיר קוקן אין פענצטער. לאנגזאם קומט אָן בוקאָוויענקאָ. ער שטעלט זיך אוועק אנטקעגן אונדזער פענצטער און שמועסט זיך געמיטלעך מיטן אוקראאינישן וואכמייסטער פון אונדזער

אָפּטיילונג. דערנאָך שפּאַצירט ער זיך דורך אונטער אונדזער פּענצטער און גייט אוועק. דער צייכן איז דאָ. היינט גייען מיר.

אין מיטן דער נאכט ליגן מיר וואכזאמע און אונדז דאכט זיך, אז פינקלשטיין שלאָפט נישט. מיר האָרכן אונטער די קלענסטע באוועגונג זיינע. אָט איצט שנאָרכט ער נישט און אָט איצט דרייט ער זיך איבער. ניין, מען קאָן היינט נישט גיין. מיר באשליסן טאקע נישט צו גיין. מיר נעמען זיך שלאָפן און יעדער פון אונדז האָט דאָס געפיל, ווי א שווערער שטיין וואָלט אים אראָפּגעפאלן פון הארצן. באמת איז עס טאקע א גאָר שווערע זאך צו אנטשליסן זיך צום שטעלן דעם ערשטן טריט.

מיר האלטן שוין אין דרימלען אפשר א שעה צייט. אין אונדזער קאמער עפנט זיך שטיל די טיר. עס איז אינגאנצן פינצטער. מיעטעק כאפּט זיך אויף, אָבער צוליב דער פינצטערקייט איז אוממעגלעך עמיצן צו זען. מיעטעק הערט בלויז נעבן זיין אויער בוקאָוויענקאָס פליסטערנדיקע שטימע:

— איר הורן־זין —בוקאָוויענקאָ איז צעקאָכט פון כעס— איר מאכט מיך צום נאר. איר ליגט דאָ און שלאָפט, בשעת עס איז אָפּגערעדט צו גיין. דורכגעלאָזט אזא הערלעכע געלעגנהייט.

— פּאניע וואכמייסטער, —פליסטערט אים מיעטעק צוריק— פינקל־שטיין שלאָפט נישט. עס וואָלט דאָך געווען ממש אן אומגליק, ווען מיר לאָזן זיך היינט גיין.

— ווער שלאָפט נישט, וואָס שלאָפט נישט. פּחדנים זענט איר און דאָס איז עס. ווער ווייסט, ווי לאנג איר וועט איצט מוזן ווארטן אויף אזא גינסטיקע נאכט ווי היינט. דער רויטער ליגט א טויט שיכורער. און וואָס דרייסטו מיר א קאָפּ מיט פינקלשטיינען? איר האָט מורא פאר אים? איר קאָנט זיך מיט אים נישט געבן קיין עצה? איר ווייסט נישט, וואָס מען טוט אין אזא פאל? אָדער ער גייט מיט און אז נישט, מאכט מען מיט אים א קורצן ענין און פּטור.

קיינער פון אונדז איז נישט געווען בכוח ארייננצוטראכטן, צי בוקאָ־וויענקאָ איז יאָ גערעכט אָדער נישט. מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן א בלוט פארגיסונג און בפרט האָבן מיר אין קיין שום פאל נישט געוואָלט

האָבן אויף אונדזער געוויסן דאָס לעבן פון א חבר, פון א פארפייניקטן אומשולדיקן מענטש, פונקט אזוי ווי מיר זענען געווען.

בוקאָוויענקאָ איז אויפגעקאָכט. ער גייט שטיל ארויס און מיר האלטן ווידער אָפּ א באראטונג. עס ווייזט זיך ארויס, אז פינקלשטיין שלאָפט זייער גוט, הגם ער שנאָרכט היינט נישט. בוקאָוויענקאָ איז פולשטענדיק גערעכט. מיר האָבן פארלוירן א גינסטיקע געלעגנהייט. מיר האָבן געטון פשוט א נארישקייט. מיר האָבן היינט געדארפט גיין.

דעם 7טן מאי 1944.

נעכטן ביינאכט, נאָך בוקאָוויענקאָס פארשווינדן, ווען מיר זענען געלעגן אויף אונדזערע פריטשעס, האָבן מיר זיך לגמרי נישט פאָרגעשטעלט, ווי שטארק מיר וועלן היינט חרטה האָבן אויף אונדזער נעכטיקן אָפּשלעפּן מיטן ויברח.

היינט זענען מיר אריינגעפאלן אין פריוווירטס הענט. פריוווירט איז דער קאָמענדאנט פון ערשטן צוג פון דער תפיסה־וואך און במילא איז ער איצט דער האר פון אונדזער לעבן. שווער איז צו פארשטיין, פון וואנען עס נעמט זיך אזוי פיל רציחה ביי א ווינער קעלנער. מיר האָבן אמאָל, אין די גוטע פאר־מלחמה צייטן באטראכט און באוואונדערט די מילדע געמיט־לעכקייט פון די ווינער און די פיינקייט און די העפלעכקייט פון די קעלנערס אין די ווינער רעסטאָראנען. אָבער פריוווירט איז געווען דער הפך פון דעם אלעמען, וואָס מיר האָבן אמאָל געזען אין ווין און וועגן וועלכן מיר האָבן געהערט. פאר זיין טריט האָט געציטערט דער גאנצער פאוויאק, סיי די ארעסטירטע און סיי די וועכטערס, די אוקראאינער און די „קלאָווישן". ווי אלעמאָל זענען מיר יידן געווען פאר אים די ערשטע קרבנות. ווען עס איז אויף אים אָנגעפאלן א משוגעת, פלעגט ער פון אונדז אָנהייבן זיינע רדיפות.

היינט נאָכן אפעל, ווען די נאכט האָט זיך אָנגעהויבן צו לייגן מיט איר שווערער פינצטערניש, איז פריוווירט צוגעקומען צום ווארשטאט־בנין, ווו עס האָבן זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק אונדזערע קאמערן. ער איז שטיין געבליבן אויף דעם הויף און מיט זיין געוועלעכן חיהשן געבריל צו אונדז ארויפגעשריגן:

— אלע יידן אראָפּ. ביז צוויי מינוט האָט איר צייט.

פריווירט איז געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, און מיר זענען געשפּרונגען איינער איבער איבערן צווייטן. ווער עס האָט זיך לויפנדיק צוגעקנעפּלט די הויזן, ווער עס האָט זיך צוגעבונדן די שיך. תיכּף זענען מיר אַלע געווען אונטן.

א רוּאיקער איז זיך פריווירט געשטאַנען. אויף זיין טונקל ברוינעם פּנים האָט אויפגעבליט א ביטולדיקער שמייכל. דער רעוואָלווער אין זיין האַנט האָט מיט א מעטאַלישן גלאַנץ געפינקלט אין ליכט פון די עלעקטרי־שע לאָמפּן, וואָס זענען צעוואָרפן געהאַנגען איבערן תּפיסה־הויף.

מיר זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און פריווירט האָט אונדז איבערגעציילט. דערנאָך האָט ער געבן אונדז אַוועקגעשטעלט זיינעם א באַהעלפער, אן אוקראַאינער און אַליין האָט ער זיך געלאָזט ארויפ־גיין אויבן, כּדי א קוק צו טון, צי א ייד האָט זיך דאָרט ערגעצוו ניט באַהאַלטן.

מיר זענען דערווייל געשטאַנען און איבערגעטראַכט, וואָס עס דער־וואַרט אונדז היינט. אפשר האָט שוין איצט אויסגעשלאָגן פאַר אונדז די לעצטע שעה? וואָס קאָן מען דען וויסן?

פריווירט איז צוריקגעקומען פון אויבן. ער האָט דאָרט קיינעם ניט געפונען באַהאַלטן. דאָס האָט אים, דוכט זיך, א ביסל איינגענומען. דאָך האָט ער אונדז געהייסן מאַרשירן פאָראויס, טיפער אין הויף אריין.

במשך פון צוויי שעה האָבן מיר געמאַכט די שווערסטע גימנאַסטישע איבונגען מיט א סך לויפן און קריכן אויף אַלע פיר. ווען מיר זענען שוין געווען אזוי אויסגעמאַטערט, אז מיר זענען געפאַלן פון די פיס, האָט אונדז פריווירט פאַרטריבן צו אן אַרבעט.

אַיפּן הויף ליגן גרויסע קאַסטנס מיט בלעכערנע פּושקעס און הויפנס זעק מיט כעמישע שטאָפן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן דייטשן מיט א וואָך צוריק צוגענומען פון דער אַנטדעקטער געהיימער פאַבריק פון גראַנאַטן און אויפריים־שטאָפן. די דאָזיקע פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ, האָט געהערט צו דער פּוילישער אונטערערדישער אַרמיי און דייטשן האָבן דאָרט פאַרנומען בסך הכּל עטלעכע צענדליגג טאָנען סחורה. די סחורה וואַלגערט זיך איצט אין פּאַוויאַק־הויף און פריווירט האָט אונדז

געהייסן די שווערע משאות איבערטראָגן פון איין זייט הויף אין דער צווייטער. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען מיר זענען פארטיק געוואָרן מיטן שלעפּן די שווערע קאסטנס און די גאָך שווערערע זעק. ערשט דעמאָלט האָט אונדז פריוווירט אָפּגעלאָזט.

בשעת דער גאנצער ארבעט האָט זיך ביל געפונען נעבן מיר.

— זעסט — האָט ער מיר צוגעפליסטערט — די נעכט זענען פינצטער און אונדזער לאגע פארערגערט זיך. איך שפּיר דאָס דערנענטערן זיך פון סוף. מיר טאָרן נישט אָפּשלעפּן, ווייל עס וועט זיין צו שפּעט.

איך האָב פארשטאנען כילן. ער איז גערעכט.

## די נאכט פון נסיון

היינט מוזן מיר גיין. היינט שוין פאר יעדן פּרייז. פריווירטס רדיפות דערגייען אונדז שוין ממש די יאָרן. יעדן צווייטן טאָג פאלט אויס זיין וואך און ער פּייניקט אונדז און מאטערט און זיין רציחה ווערט וואָס אמאָל גרעסער, ווי ער וואָלט שוין פאַראוויכגעפילט זיין אייגענעם סוף. ער וויל זיך אָן אונדז נוקם זיין פאר די שווערע קלעפּ, וועלכע זיי באקומען, די רשעים, אויף די פראָנטן, און אונדזערע יסורים קילן זיך דאָס חיהשע האַרץ. אָבער מיר זענען שוין נישט אימשטאנד איבערצוהאלטן די יסורים. מיר מוזן שוין מאכן א סוף. יאָ, היינט מוזן מיר אומבאדינגט גיין. היינט, אָדער שוין קיין מאָל נישט.

בוקאָוויענקאָ איז אויף אונדז ביז געווען פאר יענער נאכט, אָבער סוף כל סוף האָט ער זיך געלאָזט איינגעמען. ער האָט דערקלערט, אז ער פּרוווט מיט אונדז נאָך דאָס לעצטע מאָל. מער וועט ער זיך שוין נישט לאָזן מאכן צום נאר. נאָכאמאָל האָט ער געמוזט קויפן דעם בראָנפן און בולקעס מיט וווּרשט, פארשטייט זיך, אויך. ווידער האָט ער געמוזט באַצאָלן טויזנט זלאָטעס. ווען וועלן מיר אים קאָנען אומקערן די דאָזיקע הוצאות?

דער סדר איז היינט פּונקט דער זעלבער, ווי ער איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען דער פּרוּוו איז געבליבן א דערפּאָלגלאָזער. הכלל, צו מיטאָג־צייט איז ביי אונדז בוקאָוויענקאָ געווען אין באָד. ער האָט אונדז

געברענגט די ידיעה, אז די נאכט וועט זיין א גינסטיקע פאר אונדז. אין אוונט פארן אפעל איז ער נאכאמאל געקומען אונטער אונדזער פענצטער. זיין באוויזן זיך האט באדייט, אז „דער וועג איז פריי".

דער קרומער מיעטעק שפילט די ראלע פון טרייבנדיקן כוח אין אונדזער גאנצער אונטערנעמונג. ער האט איצט באשלאסן תיכף צוטרעטן צו מעשים. איצט פארן אפעל זענען שוין די שטיבער פון די ווארשטאטן, וואס געפינען זיך אויפן צווייטן שטאק פון דעם זעלבן בנין, ליידיק. עס איז שוין דארט קיינער נישטא און מיעטעק האט זיך נאכגעמאכט אלע נויטיקע שליסלען. צו יעדער רגע קאן ער אהין אריינגיין. איצט האט ער זיך צוזאמען מיטן „שטומען" זילבערבערג אריינגעגנבעט אין די ווארשטאטן. זיי האבן מיטגענומען די גרויסע שטאלענע שער און לאנג נישט געטראכט האבן זיי איבערגעשניטן די צוויי שטאבעם פון דער פענצטער־קראטע. דער גאנצער משא ומתן האט געדויערט פינף מינוט. דערנאך זענען זיי צו אונדז צוריקגעקומען פון קיינעם נישט באמערקטע.

איצט שטייען מיר אלע ביים אפעל. אויבנאויפיק באמערקט זיך אין אונדז גארנישט. מיר שטייען רואיק פונקט אזוי ווי תמיד. אבער אינעווייניק איז יעדער פון אונדז אויפגערעגט, צעטרייסלט. איצט איז שוין נישטא מער קיין צוריק. די איבערגעשניטענע אייזנס פון דער פענצטער־קראטע בריען אונדז פונקט אזוי ווי דאס וואלטן געווען אפענע ווונדן אין אונדזערע גופים. היינט אין די נאכט פון נסיון, היינט מוזן מיר גיין, ווייל אז נישט, וועלן דאך מארגן באמערקט ווערן די שניידעבצן אין דער קראטע.

נאך דעם אפעל גייען מיר שלאפן, כלומרשט רואיקע, ווי קיין מאל גארנישט. מיר טוען זיך אויס, מיר לייגן זיך אויף די פריטשעס, מיר מאכן דעם אנשטעל, אז מיר שלאפן. פון דער פינצטערקייט פון דער נידעריקסטער פריטשע דערהערט זיך שוין פינקלשטיינס שנארכן. דערויף האבן מיר געווארט. איצט נעמען מיר זיך צו דער ארבעט. שארכלאזע טוען מיר זיך אן, נישט רירנדיק זיך פון די געלעגערס. אזוי אנגעטון ליגן מיר און ווארטן.

מיר מוזן וויסן די צייט. אין פאוויאק איז דאס נישט קיין לייכטע זאך. אן ארעסטירטער טאר נישט האבן קיין זייגערל. דאך האט אבער מיעטעק פון ערגעצוווּ ארויסבאקומען אן אלטן האנטזייגער. דער זייגער

גייט, הגם נישט זייער געגוי, אָבער יעדנפאלס האָבן מיר שוין אַן אנונג וועגן דער צייט. מיעטעק איז צווישן אונדז דער יינגסטער, אָבער אויך דער טיכטיקסטער. ער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע.

ביי חצות גיט מיעטעק א צייכן. איינציקווייז שלייכן מיר זיך אראָפּ פון די געלעגערס. איינציקווייז מיט באָרוויסע פיס און האלטנדיק די שיך אין די הענט, הייבן מיר אָן צו גיין פון דריטן שטאָק אראָפּ אויפן צווייטן שטאָק, אין די ווארשטאטן. מיעטעק גייט פאָראויס. ער עפנט מיט זיינע שליסלען אַלע טירן. ער לאָזט אונדז דורך און דערנאָך פארמאכט ער צוריק די טירן.

פון אונדזער קאמער זענען מיר ארויס זאלבע פיר: מיעטעק, כיל, דאטינער און איך. דאָס זענען געווען די בעדער (אייגנטלעך וואָלטן מיר באדארפט זיין זעקס. אָבער פינקלשטיינען האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן און העניעק לעדערמאן איז שוין דעמאָלט נישט געווען מיט אונדז, ווייל ער האָט שוין געארבעט אין די אויטאָמאָביל־גאראזשן).

איך געדענק גוט דעם מאָמענט פון שטעלן דעם ערשטן טריט אויפן וועג פון פליטה. איך בין אליין געווען אויף אזויפיל קאלטבלוטיק, אז איך בין אימשטאנד געווען צו באטראכטן מיינע חברים. באזונדערס פארענ־דערט איז געווען כיל. אין דעם שפיציקן הוט, וועלכן ער האָט זיך אָנגעטון, כדי בעסער צו פארמאסקירן זיין יידישלעכן אויסזען, האָט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א ציגיינער. זיין לענגלעך פּנים האָט זיך צוליב דער אומגעוויינלעכער בלייכקייט עפּעס מאָדנע אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער טונקלקייט. די ליפּן האָבן זיך אומאויפהערלעך באוועגט אין א נערוועזן ציטער, איך האָב דייטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פון זיינע ציין. די איבריקע צוויי חברים האָבן זיך גוט געהאלטן. מיעטעק איז געווען אביסל צערודערט, דאָך האָט ער באוויזן צו באהערשן די לאגע. ער האָט גוט אויסגעפירט זיין שליחות פון קאָמענדאנט. וועגן מיין פארהאלטן זיך קאָן איך אליין גאָרנישט זאָגן. איך ווייס בלויז, אז שפּעטער האָט מיך מיעטעק שטארק געלויבט צוליב מיין רואיקייט בשעת יענעם קריטישן מאָמענט.

אין גרויסן זאל פון די ווארשטאטן האָבן שוין געווארט אויף אונדז די איבריקע זעקס חברים, וואָס האָבן באדארפט אנטלויפן צוזאמען מיט אונדז. די חברים זענען געווען: דער שניידער — גורמאן, די שוסטערס

— ליפשיץ, טשעבאָוויטש און זארעמבסקי, דער „שטומער" זילבערבערג און יאקובאָוויטש, דער אָרדנונגסמאן פון די ווארשטאטן, א דאנק וועמען מיעטעק האָט געהאט די שליסלען פון די ווארשטאטן־טירן.

איצט האָט מען שוין נישט געטאָרט מער ווארטן אפילו קיין רגע. מיר זענען תיכף צוגעטרעטן צו דער ארבעט. איך האָב צוזאמען מיט מיעטעקן אָנגענומען די איבערגעשניטענע קראטע־אייזנס. מיט פעסטע האנט־באוועגונגען האָבן מיר אויסגעבויגן די אייזנס און אין פענצטער איז שוין געווען א לאָך, דורך וועלכן א מענטש האָט זיך געקאָנט דורכשטופן. דערנאָך האָבן מיר אָנגעבונדן דעם שטריק, נאָכגעקוקט, צי ער האָט זיך גוט אראָפּגעלאָזט, צי ער דערגרייכט דעם באָדן.

דאָס נאָכקוקן, צי דער שטריק האָט דערגרייכט דעם באָדן, איז, צו אונדזער באדויערן, געווען א גאָר לייכטע אויפגאבע. פרעגט זיך א קשיא: פארוואָס עפּעס צו אונדזער באדויערן? א פשוטע זאך. דער שטח, ווו מיר האָבן געמוזט זיך אראָפּלאָזן, איז געווען העל באלויכטן מיט א סך רעפלעקטאָרן. עס האָט דאָרט געהערשט א ליכטיקייט פון א זוניקן טאָג. אלץ, וואָס עס האָט זיך געטון אין גאס אונטער אונדזער פענצטער, האָבן מיר פון אינעווייניק געזען אזוי גענוי און דייטלעך ווי ביי טאָג. במילא האָבן מיר אויך געזען דעם אראָפּגעלאָזטן שטריק. דערפאר אָבער זענען מיר נישט געווען באוואָרנט קעגן דעם, אז די וואך זאָל אונדז נישט באמערקן. אין דעם פּרט האָבן צו גאָרנישט געטויגט כילס „פינצטערע נעכט", ווארום וואָס האָבן מיר געהאט פון דער ארומיקער פינצטערניש, אז אויפן געפערלעכסטן שטח פון אונדזער וועג איז געווען טאָג? עס האָט אונדז שוין אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן, חוץ א נס. מיר האָבן געמוזט גיין.

דער „שטומער" זילבערבערג איז דער ערשטער פארשוווּנדן געוואָרן אין דעם ליכטיקן אָפּגרונט. בשעת ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט, האָבן די בלעכערנע פאראפּעטן ביי די פענצטער פון די נידעריקערע שטאָקן הויך נעקלונגען. דאָס קלאַפּן פון די באשיכטע פיס אין דער בלעך האָט זיך נישט געלאָזט אויסמיידן. מיט א פארכאפּטן אָטעם האָבן מיר זיך צוגעהערט. זילבערבערג איז שוין אונטן. ארום איז שטיל, מען שיסט נישט. עס גייט דער צווייטער, דער דריטער און די ווייטערע.

איך בין געווען דער זיבעטער. איך בין ארויף אויפן פענצטער, מיט

פעסטע הענט אָנגענומען דעם שטריק, דורכגעשטופּט זיך דורכן פענצטער־לאָך און שוין הענג איך איבערן אָפּגרונט. איך לאָז מיך אראָפּ. דער שטריק איז הארט, ער שניידט זיך אריין אין דער הויט פון מיינע הענט, אין פלייש. דער שטריק רייסט מיר אראָפּ שטיקער הויט און פלייש. איך קלאמער מיך אָבער אָן אים פעסט. אַלץ דויערט נישט מער ווי צוויי סעקונדעס. איך פיל שוין דעם באָדן אונטער מיינע פיס. ארום איז שטיל. איך געפין מיך ביי עק וויענזשעננע און פאוויע גאס. א שפּרונג און איך בין שוין אין די חורבות אקעגן דער תפיסה. דאָרט וואַרטן שוין חברים, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט פאר מיר. מיר וואַרטן נאָך צו. עס קומען אָן די לעצטע דריי. מיר נעמען זיך גיין. דעם וועג האָבן מיר באשטימט שוין פון פריער. מיר גייען א שטיקל איבער דער פאוויע גאס, דערנאָך איבער זאמענהאָף ביז צום פזשעיאזד. דאָ זענען מיר שוין ביי דער געטאָ־מויער, וועלכע איז אין דעם אָרט אביסל נידעריקער ווי אומעטום. מיר שפּרינגען דורך די מויער. מיר זענען שוין אויף דער אַרישער זייט.

די סכנה איז אָבער נאָך ווייט נישט פארביי. זי וועט אויף אונדז לויערן נאָך במשך פון דער גאנצער נאכט, במשך פון מאָרגנדיקן טאָג און אויב איר זוילט וויסן, וועלן מיר פון איר נישט פּטור ווערן אזוי לאנג, ווי דער דייטשער פוס וועט זיך דאָ געפינען.

אָבער איצט מוזן מיר אויסטון די שיך און לאָזן זיך באָרוויס אין ווייטערדיקן וועג. דערמיט געווינען מיר טאָפּלט. ראשית הערט מען נישט פון דער ווייטנס אונדזערע טריט, והשנית, אויב עס וועט זיך פון ערגעץ דערנענטערן א דייטשע זשאנדארן־פּאטראָל, וועלן מיר אירע שווע־רע טריט פון געקאָוועטע שטיוול יאָ הערן פון דער ווייטנס.

אומגעשטערט שפּרייזן מיר איצט איבער די אויסגעשטאָרבענע וואר־שעווער גאסן. מיר ווילן זיך וואָס מער דערווייטערן פון די געטאָ־מויערן, ווייל מיר ווייסן, אז צומאָרגנס וועט מען אונדז אין דער דאָזיקער געגנט שטארק זוכן. מיר גייען שנעל, מיר לויפן ממש. פלוצלינג ווערט די נאכט־שטילקייט איבערגעריסן דורך א שטארקן פייף. מיר לאָזן זיך לויפן אין אן אנטקעגנגעזעצטער ריכטונג. מיר לויפן אָפּ א שטיקל וועג און דאָ דערזען מיר צוויי געשטאלטן פון מענטשן, וואָס ליגן אויף דער ערד. א שנעלער בליק: עס זענען צוויי פּוילישע נאכטוועכטערס. ווייזט אויס, אז זיי האָבן

זיך פאר אונדז אויך דערשראָקן. זיי מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געשלאָפן. אָבער מיר ענדערן ווידער די ריכטונג פון אונדזער לויפן. מיר קומען צו די מיראָווער האַלעס, ווען עס הייבט שוין אָן צו טאָגן. איצט לויפן מיר אריין אין דער גזשיבאָווסקע גאַס. מיר ווייסן, אַז דאָרט זענען פאַראַן אַ סך חרובע הייזער, וועלכע זענען באָמבאַרדירט געוואָרן אין יאָר 1939. מיר זוכן זיך אויס די גרעסטע פון די חורבות. מיר קריכן אריין אין אַ טיפן לאָך. מיר מאַכן זיך אַ פּלאַץ צו זיצן. דאָ וועלן מיר איבערוואַרטן דעם גאַנצן טאָג. עס וועט דאָך זיין דער טאָג, ווען מען וועט אונדז אַמ־שטאַרקסטן נאָכיאָגן.

ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי שטאַרק עס בריען מיך די ווונדן אויף מיינע הענט. דאָס איז אָבער אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט אונדזער איצטיקער לאַגע. לעת עתה זענען מיר דאָך געראַטעוועט און דאָס איז דער עיקר.

* * *

דער אָפּטימיזם, וואָס האָט אונדז דעמאָלט באַהערשט, בעת מיר זענען געזעסן באַהאַלטן אין די חורבות אויף גזשיבאָווסקע, איז אָבער געווען אַ פּריצייטיקער. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר זיך נאָך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער שווערסטער טייל פון אונדזער גלגול־וועג וועט זיך אָנהייבן ערשט צומאָרגנס, נאָכן פאַרלאָזן די חורבות.

שפּעט נאָך מיטאָג זענען מיר אַרויס פון די חורבות און איטלעכער האָט זיך באַזונדער געלאָזט גיין, יעדער אַהין וווּ ער האָט געהאָפט צו געפינען אַ באַהעלטעניש. צוזאַמען מיט כילן און מיעטעקן בין איך אַוועק אויף סאַסקע־קעמפּע, די שיינע גאָרטן־געגנט פון וואַרשע, וואָס געפינט זיך שוין אויף דעם רעכטן ברעג פון דער ווייסל. כיל האָט גערעכנט, אַז דאָרט וועט ער צווישן זיינע פּוילישע פריינט געפינען פאַר אונדז אַלע אַ מקום מקלט.

ליידער האָבן פאַרפירט כילס חשבונות און מיר זענען אַלע דריי געבליבן ממש אין דרויסן. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָבן מיר ווייטער געמוזט נעכטיקן צווישן די חורבות און בייטאָג פּלעגן מיר זיך אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן. דער דאָזיקער מין פון פירן אַ לעבן האָט סוף כל סוף געמוזט דערפירן צו קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן. סיי אונדזער

אַרומדרייען זיך אין די גאַסן און סײַ אונדזער נעכטיקן אין די חורבות האָט געמוזט ווענדן אויף אונדז די אויפמערקזאַמקייט פון די שפּיצלען, וואָס האָבן זיך ממש אין די מאַסן אַרומגעדרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

קיין חידוש נישט, וואָס מײַנע צוויי חברים, מיעטעק און כּיל, האָבן נישט דערלעבט די שעה פון דער באַפרייאונג. אין איינעם אַ פרימאָרגן, אַן ערך פיר וואָכן נאָך אונדזער פּליטה, ווען זיי זענען צוזאַמען געזעסן אי; עפּעס אַ גאָרטן אויף גענעשאָוסקע־גאַס, האָבן זיי פּלוצלינג אַרום זיך דערזען דײַטשע זשאַנדאַרן. כּיל האָט געפּרוּווט אַנטלויפן. ער איז אָבער תּיכּף געפאַלן פון אַ קויל. מיעטעק איז צוריקגעפירט געוואָרן אין פּאַוויאַק און דאָרט האָט ער געפונען זײַן טויט אויף דער תּליה, פּונקט אַזוי ווי מיט זיבן חדשים צוריק די ייִנגלעך פון קעסל־דוים.

דעם טײַערן אָנדענק פון די צוויי חברים מײַנע, דעם אָנדענק פון האַרציקן און קינדעריש שטיפערישן מיעטעק, וואָס האָט אָבער געקאָנט זײַן אַזוי פעסט און מוטיק אין אַן ערנסטער שעה און דעם אָנדענק פון דעם מיושבֿדיקן און אינטעליגענטן כּיל, וואָס איז געווען אַן אומדערשעפּבאַרער קוואַל פון וויסן, אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע און וועלכן עס איז נישט באַשערט געווען לאַנג צו פרייען זיך מיט זײַן צוריקגעווונענעם זון, זענען געווידמעט די לעצטע שורות פון דאָזיקן בוך.

זיי זענען געווען די איינציקע קרבנות פון צווישן דער גרופּע „צען" — פון צווישן דער גרופּע פּליטים פון „דער נאַכט פון נסיון". די איבעריקע אַכט האָבן זוכה געווען צו הערן דאָס קלינגען פון דעם גלאָק, וואָס האָט אין אַ מאַי־טאָג גלײַכצײַטיק פון מזרח און מערבֿ אָנגעזאָגט די געפּלאָגטע און געריזדפטע אין אַלע עקן פון דער וועלט — לעבן און פרייהייט.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פריידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאַ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־יידישע פּערזענלעכקייטן
רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט
מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָגבוך)
ד״ר ה. שאָשקעס: א לעבן איז פאַרביי
יוסף אקרוטני: אין קלעם
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
קאַדיע מאלאַדאָווסקי: אמאָל איז געווען...

## עס גרייט זיך צום דרוק:

י. אשענדאָרף: איינאַקטערס
רחל אויערבאַך: פון רינגעלבלום־ארכיוו
עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלאַרס
אברהם זאַק: לידער און פּאָעמען
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
נחמן מייזיל: דיכטער־מאַרטירער
מ. קאַטשערגינסקי: פּינסק
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע

### פּרעסע שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

•

**פאַליק לערנער** שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „חורבן וואַרשע" אין זיין אַרטיקל א. נ. „אַן אויטענטישער דאָקומענט וועגן דעם לעצטן קאַמף און אומקום פון פּוילישן יידנטום" („די פּרעסע", בוענאָס איירעס, 25טער מאַי 1948):

פון אַלע ביכער וואָס זענען ביז איצט אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם לעצטן קאַמף און אומקום פון פּוילישן יידנטום, איז דאָס בוך „אַזוי איז עס געווען" פון יאָנאַס טורקאָוו, בלי שום ספק, דער אויספירלעכסטער באַריכט וועגן דער דאָזיקער טראַגישער עפּאָפּייע.

דאָס בוך פון יאָנאַס טורקאָוו באַציט זיך איינגנטלעך בלויז צו וואַרשע, אָבער נעמענדיק אין אַכט די ראָלע וואָס וואַרשע האָט פאַרן קריג געשפּילט אין דעם יידישן לעבן פון פּוילן, נישט נאָר דעמאָגראַפיש, נאָר אַלס צענטער אין וועלכן עס האָט זיך אָנגעזאַמלט דער גרעסטער אוצר פון יידישער גייסטיקער שאַפונג, פון יידישן וויסן און פון יידישער אינטעלעקטועלער און פּאָליטישער טעטיקייט, באַקומען מיר פון דעם בוך אַ פולשטענדיק בילד ווי אַזוי עס איז אומגעקומען דער דאָזיקער גרויסער יידישער ישוב, וואָס איז אין משך פון דורות געווען דער רעזערוואַר פון יידיש־גייסטיקער שאַפונג פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט.

דאָס בוך פון יאָנאַס טורקאָוו איז אַן אויטענטישער דאָקומענט נישט נאָר דערפאַר ווייל ער גיט אַלץ איבער מיט אַ מערקווירדיקער שפּע פון דאַטן, ציפערן, פאַקטן און נעמען פון מענטשן, נאָר איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט זיך באַטייליקט אין דעם גרויסן געראַנגל וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט געפירט פאַר דער עקזיסטענץ, אויף דער מען האָט עס אומגעבראַכט, און איז יעדער מינוט געווען אין סכנה אַליין אויך אומצוקומען אין דער דאָזיקער שטיג, וואָס האָט זיך גערופן וואַרשעווער געטאָ.

טורקאָוו דערציילט נישט וואָס „מען האָט אים דערציילט", אָדער וואָס ער „האָט געהערט". ער דערציילט וואָס ער האָט א ל י י ן ג ע ז ע ן א ו ן א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט. ער שילדערט דעם געראַנגל פון אַן אומגליקלעכער מענטשן מאַסע, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט נישט נאָר ווייל דער גורל האָט אים געלאָזט געפאַנגען אין די לאַפּעס פון דעם שרעקלעכן שונא, נאָר ווי איינער וואָס האָט געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין יענע קרייזן, וואָס האָבן נישט שלום געמאַכט מיט דעם פאַטאַלן פּסק־דין פון דעם ערשטן מאָמענט אָן, נאָר האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער האַלב־מיליאָניקער יידישער מאַסע אין וואַרשע ביז דעם מאָמענט — ווי מען האָט נאַאיוו געגלייבט — ווען מען וועט זיך קענען איינגאַנצן ראַטעווען, מיט דער אייביקער יידישער האָפענונג — „אולי ירחם".

און ווען מען לייענט איבער יאָנאַס טורקאָווס בוך, מוז אויפן גע־

דאנק אומבאדינגט קומען אן אנדער בוך ווענן די זעלבע געשעענישן — דר. הלל זיידמאנס „טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ". אויך דאָס בוך פון דר. הלל זיידמאַן איז א זייער רירנדער דאָקומענט פון א מענטשן וואָס האָט אלץ איבערגעלעבט, האָט געפילט אויף די אייגענע פלייצעס די פחדימדיקע טראגעדיע פון דער פארמשפטע צום אונטערגאנג מאסע, אָבער מען קאָן זיך נישט באפרייען פון דעם געפיל, אז זיידמאן איז אין זיינע שילדערונגען נישט אינגאנצן אָביעקטיוו, בעסער געזאָגט, ער קאָן נישט זיין אָביעקטיוו, ווייל ער זעט די געשעענישן פון א באשטימטן קוק־ווינקל. קיינעם פאלט חלילה נישט איין צו דענקען, אז זיידמאַן גיט נישט איבער ריכטיק וואָס עס איז געשען, אָבער ער האָט פון דעם ערשטן מאָמענט אָן אקטואירט אונטער אזעלכע אומשטענדן און באדינגונגען, אז זיין שילדערונג מוז אומבאדינגט זיין די „צווייטע זייט פון דער מטבע" פון דעם אלגעמיינעם בילד. טורקאָוו האָט פון דעם סאמע אָנהייב אָן אקטואירט פריי און אומאָפּהענגיק, להיפּך צו זיידמאנען, וועלכער איז געווען אָן אָנגעשטעלטער אין דעם אזוי גערופענעם „יידנראט", און ער האָט דעריבער אלץ געקאָנט זען דורך קלאָרע ברילן. אויסערדעם, איז זיידמאַן אַן אויסגעשפּראָכענער אָרטאָדאָקס, א רעליגיעז געשטימטער און דער גרעסטער טייל פון די אזוי גערופענע „אקטיווע" עסקנים וואָס מיר באגעגענען אין זיין שילדערונג געהער צו דעם קרייז אין וועלכן ער האָט פארקערט.

בא טורקאָוון, דאקעגן, איז די זאך פונדאמענטאל אנדערש. אין משך פון זיין שילדערונג פירט ער אונדז אום און הייזט אונדז בוכשטעבלעך אלע ווינקעלעך פון ווארשעווער געטאָ פון ערשטן מאָמענט אָן ווען די דייטשן זענען אריין אין דער פוילישער הויפטשטאָט ביז צום אויפשטאנד, מיר דערזען פאר זיך באלד ביים אָנהייב דאָס העלדישע בילד פון דעם שווער־געפרווטן פויליש יידנטום, וואָס האָט תיכף נאָך דעם צוזאמענברוך פון דער פויליר




שער ארמיי, דערפילט די סכנה פון א שווערער און ביטערער צייט וואָס דוקט זיך אָן און האָט באלד גענומען אָרגאניזירן דעם אפאראט פון אליינהילף וואָס האָט ארויסגעוויזן אזוי פיל מסירת נפש, אזוי פיל איינפאל און אָרגאניזאציע־פעאיקייט, דאן ווען דער שטריק איז שוין געלעגן אויפן האלדז פון דעם האלבמיליאָניקן פארמשפטן ישוב. טורקאָוו שעמט זיך נישט אויך צו פארהייבן דעם פאָרהאנג, בכדי צו ווייזן אונדז דעם אָפּפאל פון דער יידישער ווארשע, וואָס האָט אין יענע פינצטערע טעג געשפּילט אזא וויסטע ראָלע. און פון אים דערוויסן מיר זיך אויכפּירלעך, אז דער אָפּפאל אין ווארשעווער געטאָ איז נישט באשטאנען אומבאדינגט בלויז פון דער

אונטערוועלט. נאטירלעך זענען די
הויפט־משרתים פון די דייטשן גע־
ווען מענטשן פון דער אונטערוועלט
וואָס זענען אין זייער אכזריות נישט
געבליבן הינטערשטעליק לגבי די
נאצישע, אוקראאינישע, פוילישע, לע־
טישע און ליטווישע רוצחים, אָבער
אויך דער אסימילירטער יידישער
טיפ, דער משומד און דער גלאט־
קאריעריסט, האָט אין יענעם מאָ־
מענט געגעבן א שלאָג ארויס מיט
זיין געמיינקייט און פחדנות ווי אן
אמתע פגע צרעת אויף אונדזער
פאָלקס־קערפער.

אָפּערירנדיק מיט דעם דאָזיקן
ליכט און שאָטן־מאטעריאל, ברענגט
פאר אונדז יאַנאָם טורקאָוו ארויס
אן אמת אלזייטיק בילד און א שיל־
דערונג, בעסער געזאָגט, א גבית
עדות פון א געשיכטלעכן עפּיזאָד,
ווו פון איין זייט זעען מיר אומבא־
גרענעצטע מענטשלעכע, מסירת־
נפש, אלטרואיזם און קרבנות־גרייט־
קייט פארן כלל און, פון דער צוויי־
טער זייט — פחדנות, מענטשלעכע
געפאלנקייט, געמיינקייט, אויסגעלאַ־
סנקייט און, אין בעסטן פאל, גרייט־
קייט אָפּצוטון יעטוועדער אומווער־
דיקע זאַך, בכדי צו פארזיכערן דאָס
אייגענע ביסל לייב און לעבן, אפילו
אויף איין שעה צייט.

ביי וויפל פעלקער האָט מען נאָך
געזען אזעלכע ליכטיקע געשטאלטן
ווי נחום רעמבא, מנחם לינדער, יאַ־
נוש קאָרטשאַק, לוטעק ראטבלאט
און זיין מוטער מאריא ראטבלאט,
אויף צו דערמאָנען בלויז עטלעכע
פון די נעמען וואָס טורקאָוו רעכנט
אויס אין זיין בוך, מענטשן, וואָס
האָבן מפקיר געווען דאָס אייגענע
לעבן אויף צו ראטעווען דאָס לעבן
פון אנדערע, אלע זענען זיי דאָך גע־
ווען גענוג אינטעליגענט און באַ־
וווּסטזיניק צו באגרייפן אין וואָס
פארא לאגע זיי געפינען זיך, אָבער
זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט גלויבן,
אז דער פּלאן פון דעם שונא איז
אזא גרויזאמער, אזא אבסאָלוטער

און זיי האָבן געטון אלץ וואָס איז
געווען אין זייערע כוחות, אויף צו
שאפן באדינגונגען כדי איבערצו־
האלטן, איבערצוקומען ביז צו יע־
נעם מאָמענט ווען מען האָט גע־
האָפט זיך צו קאָנען ראטעווען, זיך
און אנדערע.

טורקאָוו שילדערט די געשעעני־
שן מיט א מערקווירדיקער פשטות,
ער גלאָריפיצירט נישט די העלדנ־
טאטן אָבער פון זיין שילדערונג, א
קלאָרע, אן אויטענטישע, באקרעפ־
טיקט מיט דאטן, ציפערן און נעמען,
גייט אויף א מערקווירדיקע העל־
דישקייט און א טראגיזם, דער טראַ־
גיזם פון א דריי־מיליאָניקער מאסע
וואָס האָט אין די לעצטע קאָנוווּלס־
סיעס נישט אויפגעהערט צו האָפן
— דער איינציקער רעקורס נישט צו
פארצווייפלען.

דאָ און דאָרט טרעפט מען באַ־
מערקונגען אין דעם בוך, וועגן דער
נישט גאָר סימפאטישער ראָלע פון
דעם יידנראט, וועגן דער געמיינער
ראָלע פון דער יידישער פּאָליציי, פון
דעם טרויעריק בארימטן „דרייצטל"
און וועגן געוויסע פערזאָנען, וואָס
האָבן אין דעם דאָזיקן העכסט דראַ־
מאטישן מאָמענט ארויסגעוויזן מער
געמיינקייט וויפל מען האָט זיך גע־
קאָנט ריכטן, אָבער דער עיקר אין
דעם בוך איז די שילדערונג, צו וועל־
כער דער מחבר פארשפּאָרט צוצו־
געבן זיינע פירושים, ווייל דער
לייענער באקומט שוין אליין א גע־
נויעם באגריף וועגן דעם וואָס עס
האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די
מויערן פון דער מוראדיקער תפיסה
וואָס האָט געהייסן ווארשעווער גע־
טאָ.

און וועגן די העלדנטאטן פון די
וואָס האָבן זיך אין די ערגסטע מאָ־
מענטן געקאָנט דערהויבן, צי איז
דען נויטיק אז עמיצער זאָל זיי גלאָ־
ריפיצירן? טורקאָוו ווייסט אפנים
אז קיין שום גלאָריפיקאציע, ווי שיין
און דיכטעריש זי זאָל נישט זיין,
וועט נישט געבן קיין בעסערן באַ־

גריף, ווי דאָס איבערגעבן פאַקטן פון דער דאָזיקער מסירת נפש, און ער גיט זיי איבער ווי ווייט מעגלעך, אָן באַזונדערע קאָמענטאַרן — ער דערציילט.

„איך קום אריין — דערציילט ער אויף זייט 390 — אין באַהעלטעניש און איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויגן: קינדער, פיל קינדער אין עלטער פון 1 ביז 15 יאָר געפינען זיך דאָרטן מיט זייערע לערער און מיט זייער אָנפירערן, מאַריאַ ראַטבלאַט. זי און איר העלדישער זון לוטעק האָבן ביז איצט אויסבאַהאַלטן די קינדער".

צי איז נאָך נויטיק וועלכע עס איז גלאָריפיקאַציע אָדער לויב־געזאַנג פאַר „פרוי מאַריאַ ראַטבלאַט און איר העלדישן זון לוטעק ראַטבלאַט" נאָך די דאָזיקע עטלעכע ווערטער? עס איז כדאי צו וויסן, אַז סיי די פרוי ראַטבלאַט און סיי איר זון האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט, אָבער זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם געפערלעכן וועג פון ראַטעווען יידישע קינדער אין געטאָ אונטער דער נאָז פון די נאַציס און זייערע משרתים, אײדער זייער אייגענע באַקוועמלעכקייט.

און אָט איז נחום רעמבאַ. ווי אַ לעבעדיקער סימבאָל פון דער אייביקער יידישער מסירת נפשדיקייט, זעען מיר אים אומגיין אויפן „אומשלאַגס־פּלאַץ" אין זיין ווייסן מאַנטל פון אַ כלומרשטן מעדיקער, און דורך פאַרשידענע תחבולות און שפּיצלעך, ראַטעוועט ער יידן ממש פון די נעגל פון טויט. כאַטש, צום באַדויערן, דעם גרעסטן טייל נישט אויף לאַנג, ווייל די קרבנות זענען שפּעטער ווידער אריינגעפאַלן און אוועק אויפן וועג פון די גאַז־קאַמערן.

ווו נעמט מען די פאָרעם אין וועלכער עס זאָל קאָנען פאַראייביקט ווערן די דאָזיקע גרויסע און טראַגישע פיגור פון אַזאַ יידישן העלד? ווו נעמט מען דעם דיכטער וואָס זאָל קאָנען אַרויסברענגען מיט זיין וואָרט דאָס, וואָס עס האָט באמת געפילט יאַנוש קאָרטשאַק, ווען ער איז מיט זיינע קינדערלעך געגאַנגען אויפן לעצטן וועג צו די גאַז־קאַמערן? ווער קאָן אָפּשילדערן און איבערגעבן דאָס געפיל פון יענע, וואָס האָבן געזען אַז זייער העלדישקייט און זייער מסירות נפש איז געווען אומזיסט, ווייל דער שונא איז געווען צו שטאַרק און די וועלט — טויב און בלינד לגבי זייערע ליידן? יעדער עפּיזאָד, יעדע שורה פון דעם דאָזיקן בוך פון איבער 500 געדיכטע זייטן, קאָן דינען אַלס טעמע פאַר אַ שפּאַנענדער דערציילונג, פאַר אַ דראַמע, פאַר אַ געדיכט און פאַר אַ נייעם „איכה".

---

איך האַלט מיך בכיוון אָפּ פון ציטירן שטעלן פון יאָנאַס טורקאָווס בוך צוליב צוויי טעמים: קודם־כל, ווייל ווען מען זאָל וועלן ציטירן פון דעם דאָזיקן בוך־דאָקומענט, וואָלט עס געהייסן דאָס זעלבע, ווי וועלן אויסשעפּן דעם ים מיט אַ לעפל און, צווייטנס, ווייל דער גרעסטער טייל פון דעם דערציילטן, ווערט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, איבערגעגעבן אין אַנדערע שילדערונגען וועגן דעם לעצטן קאַמף און אונטערגאַנג פון דעם פוילישן יידנטום.

אין זיין פאָרוואָרט צום בוך זאָגט דער מחבר: „מיט מיינע שורות וויל איך אַרויסברענגען און אויף וויפיל עס וועט מיר מעגלעך זיין — באַליכטן — עפּיזאָדן און פאַקטן וועגן וואַרשעווער געטאָ און דער „אַרישער זייט" — פאַקטן און געשעענישן וואָס וואָלטן געבליבן אומבאַקאַנט און אָפּגעווישט פון דער וועלט, אַזוי ווי די מענטשן וואָס זענען מיט זיי געווען פאַרבונדן.

און אויב מיר וועט געלינגען צו וואַרפן אַ שיין אויף געוויסע פאַקטן, פון וועלכע איך בין כמעט דער איינציקער ביים לעבן־געבליבענער עדות,

וועט שוין מיין ארבעט האָבן דער־
גרייכט איר ציל״.

אַלזאָ — ווי עס איז צו זען, האָט
דער מחבר פון דעם בוך זיך פיר־
גענומען נישט מער ווי ארויסצו־
ברענגען פאַקטן און עפּיזאָדן (און
דאָס האָט ער געטון אויף דער באַזע
פון דאָקומענטן וואָס ער האָט גע־
האַט באַגראָבן אין דער ערד און זיי
דערנאָך אויסגעגראָבן) און ווארפן
א שיין אויף געוויסע געשעעניש.
אויב יאַנאַס טורקאָוו האָט זיך פיר־
גענומען נישט מער ווי דאָס (און
אויבן האָב איך שוין דערמאָנט אז
דאָס בוך שאַפט דעם דאָזיקן איינ־
דרוק), האָט ער דערגרייכט מער ווי
דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט
אָנגעשריבן א בוך וואָס איז ביז
איצט דער אויספירלעכסטער און
קלאָרסטער דאָקומענט פון דער גרעס־
טער דראַמע וואָס דאָס יידישע פאָלק
האָט ווען עס איז איבערגעלעבט.
מענטשן מיט זייערע גבורות און
שוואַכקייטן, העכסט ־ דראַמאַטישע
עפּיזאָדן, טראַגישער געראַנגל און
קאַמף פאַר דעם אָרימען לייב און
לעבן, בילדער פון העלדנטאַטן און
שילדערונגען פון מענטשלעכער גע־
מיינקייט, ווערן אין דעם דאָזיקן
בוך ארויסגעבראַכט מיט א מערק־
ווירדיקער קלאָרקייט, דורכן שילדע־
רן פּשוטע עפּיזאָדן און פאַקטן, גיט
זיך טורקאָוו איין אין דער פולסטער
מאָס אריינצופירן אונדז אין דעם
עמק הבכא ווו עס האָט זיך אָפּ־
געשפּילט די טראַגעדיע פון א גאַנץ
פאָלק, א טראַגעדיע פון קאָסמישע
דימענסיעס, און אונדז ווייזן פון
אינווייניק, אזוי צו זאָגן, דעם קאַמף
און דעם אומקום פון דעם גרויסן
און דורותדיקן יידישן ישוב פון
מזרח אייראָפּע.

יאָנאַס טורקאָוו איז א באַפּאַנטע
פיגור פון דעם פאַר ־ מלחמהדיקן
יידישן פּוילן. אלס שוישפּילער אין
רעזשיסער, אלס יידישער אינטעלי־
גענט און קולטור־טוער, איז ער גע־
ווען צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם
קערנדיקן יידישן לעבן אין פּוילן.
ער האָט גוט געקענט דעם צענטער
פון דער יידישער פּוילן, וואַרשע,
און ער האָט אויך גוט געקענט די
גרויסע יידישע פּעריפעריע פון הונ־
דערטער שטעט און שטעטלעך אויף
פּוילישער פּראָווינץ, צווישן וועל־
כער ער האָט זיך אויסגעלעבט מיטן
פאַרשפּרייטן דאָס בעסערע יידישע
וואָרט פון דער בינע אראָפּ. טורקאָוו
האָט, קען מען זאָגן, דורכגעמאַכט
דעם גליקלעכן פּעריאָד פון דער יונ־
גער יידישער פּוילן פון נאָך יענעם
קריג, וועלכע האָט זיך דורך פאַרשי־
דענע וועגן געשפּאַרט צו א שענער,
מאָדערנער און מענטשלעכער יידיש
לעבן. ער האָט מיט די אייגענע אוי־
גן געזען דעם קאַמף און די דערגריי־
כונגען פון דעם דאָזיקן גרויסן ישוב,
וואָס האָט געשאַפן און געבויט אין
די שווערסטע און אוממענטשלעכ־
סטע באַדינגונגען פון דער אנטיסע־
מיטישער, פאַר־מלחמהדיקער פּוילן
און ער האָט זיך אליין אויך באַטיי־
ליקט אין דעם גרויסן רענעסאַנס־
פּעריאָד פון דעם יידישן לעבן אויף
אלע געביטן. עס איז אים אָבער
וויזט אויס, באַשערט געווען מיט־
צומאַכן דעם שרעקלעכן פּעריאָד
ווען דאָס אלץ וואָס איז אין פּוילן
אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער
גרעסטער מסירות נפש און גלויבן
אין א בעסערער וועלט, איז פון דעם
גרויזאַמען שונא אָפּגעווישט געוואָ־
רן צוזאַמען מיט די וואָס האָבן דאָס
אלץ געשאַפן. עס איז אים באַשערט
געווען אויסצוטרינקען דעם בעכער
גיפט ביז צום דנאָ און דאָך בלייבן
לעבן, ווי אן עדות פון געשעעני־
שן וואָס לאָזן זיך ניט איבערגעבן
מיט קיין מענטשלעכע ווערטער. אין
סאַמע שטורעם פון די געשעענישן,
ווען מען האָט געמוזט ראַטעווען
אלע מינוט דאָס אייגענע לעבן און
עס אויפהאַלטן ווי ס'ניט איז, האָט
טורקאָוו געהאַלטן אָפן זיינע חושים,
ער האָט געזען, געהערט און באַאָ־
באַכטעט, ער האָט פאַרשריבן און

פארנאָטירט, כאָטש ער איז נישט געווען זיכער, אז ער וועט פון דאָרט ארויס א לעבעדיקער, בכדי אז ווען דער מאָמענט וועט קומען, זאָל ער, אָדער אנדערע, קאָנען איבערגעבן, דערציילן דער וועלט וועגן דער גרויסער טראגעדיע.

ביז עס וועט אָנגעשריבן ווערן דאָס גרויסע בעלעטריסטישע אָדער דיכטערישע ווערק וועגן דער גרויסער יידישער טראגעדיע פון די לעצטע אנדערהאבן צענדליק יאָר, איז י. טורקאָווס ווערק „אזוי איז עס געשען", איינער פון די טרייעסטע און רירנדיקסטע דאָקומענטן פון א מוראדיקער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע, און דער פארלאג „דאָס פּוילישע יידנטום" האָט מיט דעם בוך צוגעלייגט זייער א וויכטיקן ציגל צו דעם בנין וואָס דארף פאראייביקן די גלאָריע, דעם קאמף און דעם אומקום פון דעם פּוילישן יידנטום.

צום סוף ווילן מיר צוגעבן, אז דאָס בוך איז, ווי אלע ביכער פונעם פארלאג, געשמאקפול און נעט ארויסגעגעבן, אילוסטרירט מיט א סך בילדער און מיט געלונגענע צייכענונגען פון טעאָפּילא רייך.

## אברהם לעוו שרייבט וועגן ש. קאטשערגינסקים בוך „פּארטיזאנער גייען" („אונדזער שטימע", פּאריז, 20טער מערץ 1948):

ווער עס וויל קילן דאָס הארץ מיט יידישע נקמה, אין יענע גרויליקע און גורלדיקע טעג, זאָל לייענען „פּארטיזאנער גייען", פון ווילנער פּארטיזאַן און שריפטשטעלער ש. קאטשערגינסקי. אין דער הקדמה צום בוך, וואָס איז דערשינען אין ארגענטינע, שרייבט דער מחבר: „גרויזאם איז געווען די נקמה פון די יידישע ווילנער אָטריאדן „נקמה־נעמער" און „א טויט דעם פאשיזם" אין די רודניצקער פּושטשעס ביי ווילנע. ס׳פלעגן אָפט זיך צעפלאקערן אין די נעכט דערפער גאנצע, די ליטווישע ערד פלעגט אין יענע נעכט באַמיסטיקט ווערן מיט בלוט פון די מערדער".

ער שרייבט ווייטער אין דער זעלביקער הקדמה:

„געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט, די קוילן און יענער מעסער, וואָס האָט געבראכט די נאָך נישט באצאָלטע באַצאָלונג די מערדער".

עס איז א בוך, וואָס אָטעמט מיט יידישע גבורה און מיט קידוש־השם, פארן נוקם זיין זיך אָן די רוצחים פון אונדזערע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער.

מיר האָבן איצט א סך זכרונות־ביכער פון יידישן חורבן, פון יידישן אומקום, אָבער ווייניק ביכער פון יידישער נקמה, און דעריבער איז קאטשערגינסקיס פארצייכענונגען פון די ווילנער פּארטיזאנען, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און געארבעט, א גרויסער און וויכטיקער ביישטייער צו דער אומגלויבלעך גרויליקער תקופה.

ס׳איז א מצבה איבער די אומגעקומענע און אומבאקאנטע פּארטיזאנער, וואָס האָבן אראָפּגעקייקלט די חרפּה פון די קדושים־יידן, וואָס זענען שטילע ווי שאָף געגאנגען צו דער שחיטה קיין פּאָנאר אָדער פארוואָגלט געוואָרן אויף אנדערע מזבחות. זיי האָבן אויך אראָפּגענומען די חרפּה פון די וואָס האָבן זיך געקאָנט אנטקעגן שטעלן נאָר ס׳האָט פארפעלט מוט צו הרגענען יענעם און בעסער זיך אליין געלאָזן דערקוילען.

די לייענסט שילדערונג נאָך שילדערונג, און דאָס הארץ ווערט אָנגעפילט מיט מוט: ניין, נישט אלע זענען געגאנגען צו דער שחיטה, ווי די לעמער, געווען א שטארקע האנט וואָס האָט געקירעוועט און געוויזן דעם ריכטיקן וועג, דער פארפייניק־

טער וויטנבערג, און צו לענגערע
יאָר אבא קאָוונער וואָס איז איצט
דאָ, און נאָך צענדליקער און הונ־
דערטער ווילנער בחורים און יידישע
טעכטער וואָס האָבן אויף זיך גענו־



מען דעם נישט גלייכן קאמף מיטן
אכזריותדיקן שונא.

אין די צענדליקער מארשירן זיי
דאָ פארביי, יונגע, געזונטע, אָנגע־
גאָסענע מיט מוט און מיט א שטאר־
קן דראנג צום לעבן, און טראָץ דעם
אלעם — און דערפאָר אפשר, ווייל
זיי האָבן אזוי ליב געהאט דאָס לע־
בן, האָבן זיי באשלאָסן אים אָפּגעבן
— אויב מען וועט שוין מוזן —
פאר גאָר א טייערן פּרייז. — יונגען,
וואָס דער געדאנק פון נקמה, איבער
די מערדער פון זייערע עלטערן און
נאָענטסטע — לאָזט זיי נישט רוען.
זיי רייסן זיך צו די גרעסטע געפארן
אבי וואָס מער אוועקלייגן מערדער.
ווי זאָגט דער פּארטיזאן, איציק
בלאט: „דער אויטאָמאט פאָדערט
דאָך דאָס זייניקע, נישטאָ קיין צייט"
און יעדער איינער פון זיי האָט גע־
קלערט ווי בלאט: שניידן דעם שונא
אומעטום און אויף אלע וועגן.

פאראן דאָרט אין בוך א קאפּי־
טל: איציק וויטנבערג דער ווילנער
קאמאשן־שטעפּער, א פערציק יאָרי־
קער יונגערמאן, וואָס איז געווען
דער קאָמאנדיר פון די ווילנער פּאר־
טיזאנען אין געטאָ, און זיך דער־
הייבן כמעט צו א לעגענדארער
הויך.

און כאָטש דער קאפּיטל איז אָנ־
געשריבן געוואָרן טרוקן כמעט ווי
פּראָטאָקאָלירט די געשעענישן, ווי
אזוי איציק וויטנבערג איז אוועק
זיך אליין איבערגעבן דעם טויט, און
דאָך, כאילו פון אָט די טרוקענע
פארצייכענונגען — שווידערט אויף,
און דורך די שורות, הער איך די רו־
איקע פעסטע טריט פון וויטנבערגן,
וואָס שפּאנט אויפן ווילנער טראָ־
טואר, צום טויט, צו פארפייניקונג
און גיט זיך אליין איבער צו די דיי־
טשישע בעסטיעס, כדי צו ראטעווען
אויף נאָך עטלעכע געציילטע טעג, די
במילא שוין צום טויט פארורטייל־
טע יידן.

די געשטאלט וויטנבערג, וועט
נאָך אָפּגעשאצט ווערן. קינסטלער
און מאָלער, און דאָס פאָלק אליין
וועט נאָך אים אויפשטעלן דעם
דענקמאָל וואָס אים קומט.

עס שווימט אויף די געשטאלט
פון וויטנבערגס בן־עיר און פּאָר־
גייער דער שוסטער־געזעלן הירש לע־
קערט, וואָס איז מיט העכער פער־
ציק יאָר צוריק אוועק צום טויט, כדי
אראָפּקייקלען די חרפּה פון זיינע גע־
שמיסענע חברים דורך דעם סאטראפּ
פאָן־וואַל.

וויטנבערג הויבט זיך אויף אפשר
העכער ווי די תליה פון הירש לע־
קערט, ווייל ער גייט נישט נאָר אויף
א זיכערן טויט; נאָר ער גייט פארן
טויט אויסטרינקען דעם פיינפולן
בעכער פון די שווידערלעכסטע ענוים
אויף וואָס עס זענען מסוגל די דיי־
טשישע באנדיטן. ער באגייט נישט
קיין זעלבסטמאָרד, ווייל די דייטשן
פאָדערן אים א לעבעדיקן, און
כאָטש ער, וויטנבערג, ווייס אז

ס'איז די נעציילטע טעג פון געטאָ און ס'איז כדאי זיך צו נעמען צו די געווער, ווייל א נישט וועט אלע גיין פארלוירן, און דאָך איז ער זיך מקריב פאר די עטלעכע טעג — מ'שטיינס געזאָגט — לעבן פון די ווילנער יידן און גיט זיך איבער צום תלין און צו פייניקונגג.

וויטנבערג — הירש לעקער, ביידע ווילנער ארבעטער, ביידע זענען ארויסגעקומען פון די אָרעמע האָפאשנע שיכטן, און ביידע האָבן זיך מקריב געווען פארן פאָלק. צוויי געשטאַלטן וואָס וועלן אייביק לעבן צווישן אונדז און באלויכטן די פינצטערניש אין וועלכע אונדזער תקופה לעבט.

ווילנע איז נישט זוכה געווען צו קיין געטאָ־אויפשטאַנד ווי ווארשע, ביאַליסטאָק און אנדערע שטעט, כאָטש זי האָט פארמאָגט נישט וויניקער מוטיקע קעמפער ווי אין אנדערע ערטער, געווען א סך כיבות, און אפשר איז איינע פון די סיבות, וויטנבערגס אוועקגיין צום טויט, ווי די געטאָ־איינוווינער האָבן געפאָדערט אויף קיטעלם באפעל.

דעריבער איז אונדז דאָפלט וויכטיק קאטשערגינסקיס בוך „פארטיזאנער גייען", ווו ער דערציילט וואָס עס האָבן אויפגעטון די ווילנער בחורים אין מלחמה קעגן די דייטשע באנדיטן. כאָטש זיי די פארטיזאנען — ווי קאטשערגינסקי דערציילט אין זיינע „פינף העלדן" — האָבן געוווּסט אז דער קאמף איז נישט קיין גלייכער און גאָר אָפט איז ער געווען דער לעצטער, דאָך האָבן זיי אים אויפגענומען ווירדיק און קאלטבלוטיק און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט ערב זייער העלדישן טויט אוועקליינגן וואָס מער בלוטדורשטיקע מערדער און אזוי ווי די פינף העלדן, אזוי האָבן מלחמה געהאלטן אלע איבריקע פארטיזאנער, וואָס פארן אויסהויכן די נשמה האָבן זיי נאָך געדענקט צו צעשטערן די געווער עס זאָל נישט אריינפאלן אין שונאס הענט.

„פארטיזאנער גייען" האָב איך געלייענט אין די טעג פון „כפר עציון" ווען ס'איז אָנגעקומען די פייגלעכע ידיעה וועגן די פינף און דרייסיק יידישע קעמפער וואָס זענען געפאלן אין די חברון־בערג טראָגנדיק הילף פאר זייערע ארומגערינגלטע ברידער און „עציון"־דאָרף, און וואָס זענען אומגעקומען אין נישט גלייכן קאמף, ווען עס זענען זיי באפאלן הונדערטער פון די אראבישע מערדער ביינאכט אין א טאָל צווישן די בערג, און דער לעצט געבליבענער א צום טויט פארוווּנדעטער, האָט נאָך מיט זיין לעצטן כוח באוויזן צו פארניכטן די געווער פון די געפאלענע, עס זאָל נישט אריינפאלן קיין שום רויב צו די באנדיטן.

אין דריטער פאָדעם פארייניקט אונדזערע קעמפער אין זייער אויסערגעוויינלעכן מוט און אין זייער מקריב זיין זיך פארן פאָלק, ווו זיי זאָכן נישט זיין.

קאטשערגינסקיס בוך: „פארטיזאנער גייען" וואָס איז אָנגעשריבן רעפּאָרטאַזש־מעסיק און טיילווייז טרוקן ווי א כראָניק, אָבער דאָס אוממיטלבארקייט פון דאָס פארשרייבנע אויף דער הייסער מינוט אָטעמט מיט ווארעמקייט און איבערלעבונג און דעריבער בלייבט עס טיף איינגעקריצט ביים לייענער.

---

וועגן אלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", זיך ווענדן:

**UNION ISRAELITA POLACA**

**Pueyrredón 667** **Buenos Aires**

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 28טן יולי 1948 אין דער
דרוקעריי „היימאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 28 de Julio de 1948 en
los Talleres Gráficos H E U M A N
Pasteur 333 - T. A. 47-7752 - Bs. As.